STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09662

FIR MODERNE FROYEN

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן קאָברין

פיר מאָדערנע פרויען

נאָוועלן

•

פאַרלאַג ביכער פאַר אַלע

Copyright by
LEO KOBRIN
New York, N. Y. — 1939

געדרוקט אין
פאַרלאַג אַטלאַנטיק — ניו יאָרק
33 גרענד סטריט
178

צו מיין פרוי
פּאָליאַ —
געווידמעט
אַלס צייכן פון
טיפער ליבע
און אַכטונג.

די רויטע לאָלאַ

1

פון תמיד אָן האָט מען לאַלאַן באַמערקט. זי האָט זיך גע־לאָזט באַמערקן. נאָך בעת זי איז אַ קינד געווען, האָט זי זיך געלאָזט פילן אין דער היים ביי אירע רייכע טאַטע־מאַמע מער איידער די אַנדערע קינדער מיט אירע קינדערשע איינפאַלן, ווילדע שטיפערייען און מיט איר עקשנותדיקן כאַראַקטער.

דער טאַטע, אַ באַוואוסטער אַדעסער גביר, האָט גוטמוטיק אַמאָל גערעדט:

— אַ רוח, ניט קיין קינד.

און די מאַמע, אַ גרויסע יידישע פאַרשוין, מיט אַ פּאָר שוואַרצע פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט אַזוי ווי די גרויסע בריליאַנטן ביי איר אין די אויערן, האָט געקוואַלן:

— צען ייִנגלעך האָבן ניט אַזוי פיל לעבן, ווי זי, לאַלעטשקאַ.

— און זיינען ניט פאַרעקשנט אַזוי ווי זי איינע, — האָט דער טאַטע אויף דעם באַמערקט.

— אַ קינד — האָט די מאַמע זי פאַרענטפערט.

אַזוי אויך אין גימנאַזיע: נאָך אין די ערשטע קלאַסן האָט זי געפּולווערט און מיט איר לעבעדיקייט און שטיפערייען גע־צויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט פון די לערער.

פאַר די לעצטע האָט זי שטענדיק אויסגעטראַכט עפּעס אַ קאָמישן צונעמעניש, וועלכער איז באַלד אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די אַנדערע שילער.

אָפט האָבן די לערער זי דערפאַר באַשטראָפט און, עס קאָן זיין, אַז מען וואָלט זי דערפאַר אויך אויסגעשלאָסן פון גימנאַ־

זיע, ווען ניט די מתנות, וואָס אירע רייכע עלטערן האָבן נאָכאַנאַנד אַריינגעשיקט צו אירע לערער.

ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי זיך נאָכאַנאַנד פאַרליבט אין די לערער, סיי אין די עלטערע, סיי אין די יינגערע און אין אַלע אירע קאַוואַלערן, די פופצן יאָריקע גימנאַזיסטן, וואָס זי האָט אַמאָל מיט זיי שפּאַצירט, אָדער אַפילו איין וואָרט אויסגערעדט. דעמאָלט האָט זי געבענקט, איז זי געזעסן פאַרחלומט, און שטיל, ווי אַ טויב, גאָרניט די אייגענע לאַלאַ !...

אין יענער צייט איז זי איינמאָל געווען אין צירק און האָט געזען, ווי אַ גרויסער עולם האָט אַפּלאָדירט אַ רייטערין, וואָס האָט געמאַכט כל־ערליי קונצן אויף אַ פערד, בעת ער האָט גראַציעז געוואַלצט אַרום דער אַרענע.

האָט לאַלאַ דערנאָך אַ לאַנגע צייט געחלומט וועגן ווערן אַ צירקוס־רייטערין און זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי, אין אַ קאָסטיום פון לייב־קאָליר, טאַנצט דאָרט אויף אַ פליענדיקן פערד און שפרינגט דורך די רייפן. און זי האָט דעמאָלט געזען, ווי אַלע, אַלע אירע באַקאַנטע, וואָס זי האָט אַמאָל געטראָפן, געזען און זיך פאַרליבט אין זיי, סיי די לערער און סיי די גימנאַזיסטן, — ווי זיי אַלע האָבן איר אַפּלאָדירט...

אַזוי האָט זי אויך געחלומט צו ווערן אַן אַקטריסע, ווען זי איז געווען אין טעאַטער און האָט געזען, ווי אַ געוויסע אַקטריסע איז שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן.

ווען זי איז געווען אין דעם לעצטן קלאַס גימנאַזיע, האָט זי דעמאָלט זיך גענומען טרעפן מיט ערנסטע סטודענטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ערנסטע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען, איז זי אויך געוואָרן ערנסט, האָט געלייענט ערנסטע און רעוואָלוציאָנערע ביכער און אין איר פייערדיקער פאַנטאַזיע האָט זי זיך געזען דעמאָלט מיט דעם הייליקן דאָרן־קראַנץ פון אַ רוסישער רעוואָלוציאָנערקע, וואָס האָט געקעמפט און איז געשטאָרבן פאַר רוסלאַנדס פרייהייט.

איר „איך״, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געזוכט זיך אויסצושטור־רעמען אויף כל־ערליי אופנים, אפשר כדי זיך צו לאָזן פילן און באַמערקן, האָט זיך איצט געריסן אויפצוטאָן עפּעס אַ גרויסע זאַך פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג...

אין יענער צייט האָט זי איינמאָל דערהערט, אַז מאַקסים גאָרקי איז דאָ ביי זיי אין שטאָט. האָט זי זיך אָנגעטאָן זייער איינפאַך, צוגעקאַמט אַזוי די האָר, אַז זי זאָל אויסזען פּשוט און רעוואָלוציאָנעריש, און איז אַוועק צו אים פרעגן אַן עצה, וואָס זי זאָל טאָן: זי וויל שטאַרבן פאַר רוסלאַנדס באַפרייאונג. (שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען אין שווייצאַריע, האָט זי דערציילט, אַז גאָרקי האָט איר דעמאָלט געגעבן אַן עצה, ניט צו שטאַרבן, נאָר צו לעבן פאַר רוסלאַנדס באַפרייאונג).

אַז זי האָט געענדיקט די גימנאַזיע, האָבן אירע עלטערן זי אַוועקגעשיקט קיין שווייצאַריע צו שטודירן מעדיצין.

האָט זי אַ קורצע צייט פאַרבראַכט אין צוריך אויף די מעדיצינישע קורסן און אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז זי שוין געווען אין בערן און האָט אין דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט גע־שטודירט שפּראַכן און קונסט.

זי האָט דעמאָלט אַ סך געלייענט, און אַלץ ערנסטע ביכער, און זי האָט אָפט באַזוכט די פאַרזאַמלונגען פון די דאָרטיקע רוסישע רעוואָלוציאָנערן. צום סוף איז זי צוגעשטאַנען צו איינער פון די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערע גרופּן, צו דער ראַ־דיקאָלסטער...

מיט לייב און לעבן האָט זי זיך איבערגעגעבן צו איר פּאַרטיי; ליידנשאַפטלעך דיסקוטירט די טאַקטיק און די פּראָ־גראַמען פון די אַנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און האָט זיך אַלץ געריסן נאָך רוסלאַנד, צו טאָן „אַרבעט״...

נאָך רוסלאַנד אָבער האָט מען זי ניט געשיקט, ווייל זי

איז נאָך געווען צו־יונג, און, אַגב, צו־היציק און געהאַט צו ווייניק דערפאַרונג...

אירע רייכע עלטערן האָבן איר געשיקט גענוג געלט, האָט זי בסוד פון זיי אַ העלפט אָפּגעגעבן דער פּאַרטיי.

אַ געוויסע צייט האָט זי אויך געוואָלט פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט, ווייל איר גאַנצער שטודיום האָט זיך איר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזוי נישטיק אין פאַרגלייך מיט דער רוסישער באַפרייאונג...

זי איז נאָך דעמאָלט קיין פולע אַכצן יאָר ניט אַלט געווען. זי איז געווען הויך און שלאַנק, אַ ברונעטע מיט שוואַרצע קאָכעדיקע אויגן, ווי ביי איר מאַמע, און מיט פולע, זאַפטיקע ליפּן, און אַ פּאָר שווערע פעך־שוואַרצע צעפּ, וואָס זי האָט שטענדיק געטראָגן אַריבערגענומען אויף פאָרנט, ווי צוויי שוואַרצע שלאַנגען.

אַרום אָט דער צייט האָט זי זיך פאַרליבט אין דאָקטאָר ראַסקין, וועלכער האָט אויך באַלאַנגט צו איר פּאַרטיי...

2

דאָקטאָר ראַסקין, אָדער אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטש, איז אָפט דאָרט אַרויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען פון סטודענטן און סטודענטקעס מיט לעקציעס איבער אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען און אַמאָל אויך איבער דער פרויען־פראַגע.

זיינע לעקציעס זיינען אַלע מאָל געפעלן געווען, בפרט די סטודענטקעס. ווייל ער איז געווען אַ שיינער, שלאַנקער מאַן און האָט גערעדט שיין, מיט אַן אַנגענעמען באַריטאָן, וואָס איז געווען געוואַרעמט פון אַ סך טעמפּעראַמענט. דער עיקר האָט ער ביי די סטודענטקעס אויסגענומען מיט זיין שאַרפער קריטיק, פול מיט סאַרקאַזם, איבער דעם בירגערלעכן פאַמיליען־לעבן און איבער די באַציאונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט צו דער

פרוי, פון אַט דער געזעלשאַפט, „וועלכע האָט געשאַפן פאַר דער פרוי אויסנאַם־געזעצן און אַן אויסנאַם־ מאָראַל”, ווי ער, דאָק־טאָר ראַסקין, האָט זיך אויסגעדריקט....

אין יענער צייט, דאָס הייסט, מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק, זיינען אַזעלכע געדאַנקען און אַזעלכע ווערטער נאָך געווען פאַררעכנט פאַר באַזונדערס דרייסט און רעוואָלוציאָנער. האָבן אַ סך פון די רעוואָלוציאָנערע סטודענטקעס זיך אין אים פאַר־ליבט, מחמת ער האָט אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט; ווייל אין זיינע רייד האָבן אָפּגעהילכט זייערע פאַרלאַנגען און געפילן און דער עיקר, ווייל ער האָט אויסגעדריקט דעם שטורמישן דראַנג פון זייער יונג בלוט, וואָס האָט זיך געריסן אַרויס, גרייט צו ברעכן צוימען...

האָט לאָלאַ זיך אין אים אויך פאַרליבט. ער איז געוואָרן איר גאָט, די פאַרקערפּערונג פון אַלע אירע אידעאַלן, פון דער גאַנצער רעוואָלוציע...

פון אים האָט זי איצט נאָכאַנאַנד געחלומט, אַמאָל אין פאַרבינדונג מיט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אָבער אָפטער אין פאַרבינדונג נאָר מיט אים אַליין, מיטן שיינעם, שלאַנקן מאַן, ווייט, ווייט פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער סביבה...

וואָרים זי האָט געזען, ווי די אַנדערע סטודענטקעס זיינען געווען פאַרליבט אין אים, ווי זיי האָבן אים געזוכט, האָט זיך דאָס בלוט ביי איר געצונדן און זי האָט אָפט געטראַכט: ווי גליקלעך זי וואָלט געווען, ווען זי רייסט אים אַוועק פון זיי אַלעמען, כדי ער זאָל קיין אַנדערע, אַחוץ זי, לאָלאַן, ניט קאָנען זען...

פאַר אַזעלכע געדאַנקען האָט זי זיך אַמאָל געשעמט, אָבער וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער. איר עקשנותדיקע נאַטור, וואָס זי האָט זיך ביי איר געלאָזט מערקן פון קינדוויז אָן, און וואָס איז אין די לעצטע עטלעכע יאָר געצוימט געוואָרן פון רעוואָ־

לוציאָנערן דראַנג און רעוואָלוציאָנערן ערנסט, האָט זיך גע־נומען ביי איר וועקן.

און ווי אַ שטורעם האָט זי דערנאָך זיך מיטאַמאָל אויפ־געכאַפּט. איז געוואָרן אַזוי לעבעדיק און שטיפעריש, ווי אַמאָל, איידער זי איז נאָך געווען ערנסט, און אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעצונדן און זי איז אינגאַנצן געוואָרן איין פייערדי־קער כישוף...

דאָקטאָר ראַסקין איז אויך ניט געווען גלייכגילטיק צו איר און ער האָט אויך געוואוסט, אַז זי איז פאַרליבט אין אים, ווי אַ סך אַנדערע סטודענטקעס. ער האָט זיך אָבער געהיט צו פאַר־בינדן מיט איינער פון זיי, ווייל ער איז געווען צו אָרעם און ווייל ער האָט, בכלל, מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, מחמת ער האָט געוואוסט פון דערפאַרונג, אַז אַזאַ פאַרבינדונג האָט ניט איינמאָל געהאַט אַ טרויעריקן סוף. בפרט האָט ער זיך געהיט פאַר לאַלאַן, מחמת ער האָט זי געהאַלטן פאַר צו־יונג, פאַר נאָך אַ קינד, וואָס איז פעאיק צו האַנדלען אימפּולסיוו, ניט באַרעכנטערהייט, כאָטש זי האָט גע־האַט אַזעלכע דרייסטע, רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען.

אַזוי, ווייניקסטנס, האָט ער געמיינט.

פונדעסטוועגן האָט ער אָפט פאַרבראַכט אין איר צימער, ווייל מיט איר איז אים געווען פריילעך, ווייל ער האָט אַלץ מער און מער געבענקט נאָך איר.

איינמאָל, ווען ער איז זיך פאַרזעסן ביי איר אין צימער שפּעט ביינאַכט, האָט זי אים פּלוצים צעטומלט.

אינמיטן שמועס וועגן דער טעאָריע פון פּרוידן, וועלכער האָט אין יענער צייט שטאַרק אינטערעסירט אַלע סטודענטקעס פון דער רוסישער קאָלאָניע אין בערן, האָט לאַלאַ מיטאַמאָל זיך אָנגערופן צו דאָקטאָר ראַסקין מיט צעצונדענע אויגן:

— זאָגט מיר, אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטש, איר האָט מיך עפּעס ליב?

האַט ער אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:

— און אַז יאָ, איז וואָס?

— ענטפערט מיר אויף מיין פראַגע! — האָט זי געפאָדערט פאַרעקשנט.

— יאָ, איך האָב אייך ליב אַ ביסעלע.

— אַ ביסעלע?

— ניין, אַ סך און שטאַרק, — האָט ער ווידער אַ לאַך געטאָן שוין אויפגערעגט.

האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ הייסן אָטעם:

— בורזשוי!...

און זיך אַ כאַפּ געטאָן פון איר אָרט און מיט נערוועזע הענט גענומען אָפּשפּיליען די בלוזקע אויף זיך.

האָט דאָקטאָר ראַסקין לכתחילה ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט אים גערופן „בורזשוי", און וואָס זי איז אויסן געווען צו טאָן; אָבער, אַז ער האָט דערזען, ווי זי האָט געאָטעמט און ווי איר יונגער בוזים האָט זיך באַוועגט, איז ער געוואָרן צעמישט.

און מיטאַמאָל האָט אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן איר נאַקעטקייט.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון זיין אָרט אַ צעטומלטער, געזען אין דעם איר „אימפּולסיווע, ניט באַרעכנטע האַנדלונג, אויף וועלכער זי וועט שפּעטער זיכער חרטה האָבן", געוואָלט אַרויסלויפן פון איר צימער, האָט ער אָבער קיין כוחות ניט געהאַט אויף דעם..

דאָקטאָר ראַסקין איז געבליבן איר מאַן.

דאָס איז געווען לאַלאַס ערשטער גרויסער „רעוואָלוציאָנערער אַקט"...

3

זי האָט אָבער ניט חרטה געהאַט אויף דער דאָזיקער „אימפולסיווער” האַנדלונג אירער און דאָקטאָר ראַסקין אויך ניט. נאָכדעם האָט ער זיך אַלץ מער און מער פאַרליבט אין זיין לאַלאַן און זי אין איר סאַשען. זי האָט אים געליבט און האָט אים פאַרגעטערט נאָך מער ווי פריער און יעדן טאָג האָט זי ביי אים אַנטדעקט אַלץ נייע און נייע מעלות.

באַזונדערס גליקלעך איז זי געווען, ווען ביי איר איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער. אין אַ יאָר שפעטער איז דאָס געווען. ניינצן יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען. זיי האָבן געהאַט אַ פריינדין אַ רעוואָלוציאָנערקע, קאַטיאַ האָט זי געהייסן. מיט אַ יאָר צוריק איז זי געשטאָרבן אין רוסלאַנד, אויף דער רוסישער קאַטאָרגע. מען האָט גערעדט, אַז זי האָט זיך דאָרט אַליין דאָס לעבן גענומען. האָבן לאַלאַ און איר מאַן אַ נאָמען געגעבן זייער טאָכטער נאָך יענער, דער מאַרטירערין...

סיי לאַלאַ און סיי דאָקטאָר ראַסקין זיינען געווען משוגע פאַר זייער קיטין, און עמיצער פון זיי האָט שטענדיק געמוזט בלייבן לעבן קינד, ווען זי, אָדער ער, איז וואוהין אַוועקגעגאַנגען, כאָטש זיי האָבן געהאַלטן אַ קינדער־מיידל. מען האָט דאָס קינד געהאָדעוועט אויפן זייגער און אויפן בוך: צו אַ באַשטימטער צייט האָט מען עס געמוזט געבן עסן, טרינקען, עס געבאָדן, געפירט אויף פרישער לופט און געלייגט שלאָפן.

איין חסרון נאָר האָט עס געהאַט, וואָס לאַלאַ האָט איצט ניט געקאָנט גיין צוזאַמען מיט איר מאַן אויף די פאַרזאַמלונגען. מחמת זינט זיי זיינען געוואָרן מאַן און ווייב, האָט זי ניט דורכגעלאָזן קיין איין לעקציע זיינע און האָט אַלעמאָל אָנטייל גענומען אין זיינע דעבאַטן און געקעמפט מיט זיינע קעגנער. און אַ פעאיקע דעבאַטאַנטקע האָט זיך אויסגעאַרבעט פון דער יונגער

לאַלאַ. אין די דאָזיקע דעבאַטן האָט זי אַרויסגעוויזן וויץ און הומאָר און אַ סך פייער. איר מאַן, דער גוטער רעדנער, דאָקטאָר ראַסקין, האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון איר.

לאַלאַס עלטערן אין דער היים, האָבן ניט געוואוסט, אַז זייער טאָכטער אין בערן האָט שוין אַ מאַן און אַ קינד. זי האָט דאָס געהאַלטן פון זיי בסוד. מחמת זי האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן פאָדערן אַ חתונה מיט חופה־וקדושין. אַז זי זאָל קומען קיין אָדעס אויף קאַניקולן האָבן זיי מורא געהאַט, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז זי איז פאַרמישט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער, אַז זי זאָל דערווייל בלייבן אין אויסלאַנד אַפילו אין דער קאַניקולן־צייט. זיי האָבן איר געשיקט געלט אַזוי ווי פריער, און אויף דעם געלט האָט זי איצט אויפגעהאַלטן איר קוואַרטיר און דאָס מיידל צום קינד.

ביז איינמאָל זיינען זיי צו איר געקומען אויף אַ באַזוך פון רוסלאַנד, און ווען זיי האָבן צעטומלטע און פאַרצווייפלטע פון איר געפאָדערט, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט איר מאַן, ווי אַלע יידישע טעכטער, ווי אירע עלטערע שוועסטער האָבן חתונה געהאַט, — האָט זי ניט געוואָלט הערן דערפון. ביי איר איז די חופה און די געזעצלעכע חתונה אַ סימבאָל פון אייביקע קייטן און שקלאַפעריי — האָט זי זיי געענטפערט — קעגן דעם קעמפט זי און קיין הכשר אויף איר ליבע וויל זי ניט נעמען ביי דער היפּאָקריטישער געזעלשאַפט...

עס האָבן ניט געהאָלפן ניט דאָס סטראַשען פון איר טאַטן און ניט דאָס וויינען פון איר מאַמען, לאַלאַ איז געבליבן ביי אירס, און זי איז געווען שטאָלץ אויף איר רעוואָלוציאָנערער אויסגעהאַלטנקייט.

דאָס איז געווען לאַלאַס צווייטער דרייסטער אַקט, ווען זי האָט געוויזן איר רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער.

עס האָבן אויך ניט געהאָלפן די בריוו, וואָס זי האָט באַלד

נאָכדעם געקראָגן פון אירע שוועסטער און ברידער וועגן דעם זעלביקן ענין. אויף זייערע בריוו האָט זי געענטפערט היציק, מיט רעוואָלוציאָנערן פייער, און דער סוף איז געווען, אַז דער טאַטע האָט זי שוין מער ניט געשטיצט, האָט אין גאַנצן מער ניט געוואָלט הערן פון איר. אַזוי אויך די איבעריקע פון איר משפחה...

אַ צייט לאַנג האָבן לאָלאַ און איר מאַן דערנאָך געליטן נויט. איר מאַן האָט פּראַקטיצירט, האָט אָבער ווייניק פאַר־דינט. ער האָט געהאַט אַ רייכן ברודער אין אַמעריקע, האָט דער ברודער זיי שפּעטער אָנגעהויבן צו שטיצן.

לאָלאַ האָט נאָכדעם געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און באַ־קומען איר דיפּלאָם פון דאָקטאָר פילאָסאָפיע.

אין יענער צייט איז אין בערן געווען באַזונדערס לעבע־דיק. טאָג און נאַכט זיינען דאָרט פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, דעבאַטן צווישן די פאַרשיידענע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּראַק־ציעס וועגן ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און מיט דער רעוואָלוציע בכלל. אַמאָל איז דאָרט אויפגעטראָטן מיט אַ לעקציע לענין און אַמאָל מאַרטאָוו, צי אַקסעלראָד, און צו די לעקציעס פון אָט די באַרימטע פירער זיינען זיי ביידע געגאַנגען, סיי לאָלאַ און סיי דאָקטאָר ראַסקין, איבערלאָזנדיק דאָס קינד מיט דער מיידל אַליין. פאַר אַזוי וויכטיק האָבן זיי געהאַלטן די לעקציעס פון די דאָזיקע באַרימטע פירער.

ביי די דאָזיקע לעקציעס האָבן אין די דעבאַטן אויך אָנטייל גענומען לאָלאַ און איר מאַן.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָר. אַרום אָט יענער צייט איז אָנגעקומען קיין בערן אַ באַוואוסטער פּועלי־ציוניסט, וואָס האָט שוין ביי זיין ערשטן אויפטריט געמאַכט אַן איינדרוק אויף אַ טייל פון דער דאָרטיקער יידישער אינטעליגענץ, באַזונדערס אויף אַ טייל פון די דאָרטיקע יידישע סטודענטקעס. דאָקטאָר

דוואָרקין איז דאָס געווען. אַ לעבעדיק בילד פון קריסטוסן מיט זיין אויסזען, ווי אַנדערע פון די סטודענטקעס האָבן גערעדט. אַ הויכער און אַ שלאַנקער מאַן איז ער געווען, מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר און באָרד און מיט בלויע, פאַרחלומטע אויגן און אַ קינדערשן שמייכל אַרום זיין מויל מיט די פולע ליפּן.

זיינע לעקציעס האָבן אים געשאַפן אַ סך אָנהענגער און אַ סך קעגנער. ער האָט גערעדט מיט איבערצייגונג, מיט טיפן גלויבן וועגן דעם ווידערגעבורט פון דעם יידישן פאָלק אין אַן אייגן לאַנד, געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. און אַזאַ לאַנד, האָט ער גערעדט, קאָן נאָר זיין פּאַלעסטינע. און דערביי האָט ער געמאָלן וואונדערלעכע בילדער פון אויפקום און ווידערגעבורט פון אַ נייעם פרייען פאָלק. אַ רייכע פאַנטאַזיע האָט דאָקטאָר דוואָרקין געהאַט און ער האָט גערעדט שיין און מיט אַ שוואונג פון אַן אמתן דיכטער.

צווישן די קעגנער, וואָס האָבן אים באַקעמפט אין זייערע דעבאַטן, זיינען אויך געווען דאָקטאָר ראַסקין און לאָלאַ.

און איינמאָל נאָך זיינער אַ לעקציע האָט ער באַגלייט לאָלאַן אַהיים. דאָס איז געווען שוין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, זומער.

— ווייסט איר — האָט ער זיך מיט אַמאָל אָנגערופן צו איר — אַז איר זענט מיין געפערלעכסטע קעגנערין?

האָט זיך לאָלאַ אַ כאַפּ געטאָן:

— איך? וואָס מיינט איר?

האָט ער געענטפערט:

— מחמת מיט אייך וואָלט איך זיך ניט געוואָלט קריגן. מיט אייך וואָלט איך שטענדיק געוואָלט זיין איינשטימיק.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— אויב אַזוי, דאָקטאָר, טרעט אַריין אין מיין פּאַרטיי...

— ניין, דאָס ניט, ליבע פרוי ראַסקין. בעסער וואָלט איך אייך וועלן האָבן אין מיין פּאַרטיי.

האָט זי ווידער אַ לאַך געטאָן:

— אויב אַזוי ווילן מיר זיך מוזן קריגן.

— ביז איך וועל אייך געווינען אויף מיין זייט. איך וואָלט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן געווינס פאַר מיר פּערזענלעך און פאַר מיין באַוועגונג. מחמת איר פאַרמאָגט אַ גרויסן כוח, מוז איך אייך זאָגן.

— וואָס מיינט איר, דאָקטאָר?

— איר ווייסט? — האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט, — יעדעס מאָל, ווען איך הער אייך ריידן, פרעג איך ביי זיך: פאַרוואָס גייט איר ניט אויף דער בינע? איר פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון אַן עכטער בינע־קינסטלערין: געשטאַלט, אויגן, געזיכטס־אויסדרוק, איבערהויפּט די שטים אייערע: טענער, אַזוי ווי געטונקט אין פייער... היינט, ווען איר האָט גערעדט, האָב איך זיך געפרעגט: וואו און ווען האָב איך געהערט אָט די שטים און אָט די טענער, אָט די ברוסטיקע, אָט די הייסע און פייערדיקע טענער? און שטעלט זיך פאָר, איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז אַזעלכע, שטאַרק ענלעך צו אייער שטים און צו אָט די טענער אייערע, האָב איך פאַראַיאָרן געהערט ביי עלענאָראַ רוזע, ווען איך האָב באַזוכט אַ פאָרשטעלונג אין מילאַן...

— אַי, דאָקטאָר — האָט אים לאַלאַ איבערגעשלאָגן — מיר דעבאַטירן דאָך איצט ניט, טאָ פאַרוואָס מאַכט איר חוזק פון מיר?

— גאַנץ ערנסט, מיין ליבע פרוי ראַסקין.

— אוראַ! — האָט לאַלאַ אויסגעשריען שטיפעריש און פאַרהילכט די נאַכט מיט איר פריילעך־קלינגענדיקן קול.

ביי דאָקטאָר דוואָרקין האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעריסן:

— ווי פריילעך עס איז מיט אייך און וואָס פאַר אַ וואוילע איר זענט, פרוי ראַסקין!

— גיט איר אַלע פרויען אַזעלכע קאָמפּלימענטן, דאָקטאָר?

— ניין, ס׳רוב פרויען גיבן מיר קאָמפּלימענטן.

האָט לאָלאַ שטיפעריש אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך אָנגערופן:

— יאָ, אַנדערע פרויען דאַרפט איר געפעלן. אַ מאַן מיט אַזאַ פנים, מיט אַזעלכע אויגן — האָט זי גערעדט און דערביי געקוקט אים גלייך אין פנים אַריין — אָבער מיין געשמאַק זענט איר ניט. איר זענט בלאָנד און איך האָב ליב ברונעטן. איר קענט דאָך מיין מאַן?...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איך וועל פּרוּוון צו קולטיווירן ביי אייך געשמאַק פאַר בלאָנדע.

לאָלאַ האָט אַ לאַך געטאָן:

— אַזוי, פאַר בלאָנדע?

— ניט דווקא פאַר אַלע בלאָנדע, נאָר פאַר איין בלאָנדן...

און ער האָט זיך דערביי האַרציק צעלאַכט מיט אַ קינדערשן געלעכטער.

און הערנדיק אָט דעם געלעכטער, האָט לאָלאַ זיך אויך צעלאַכט האַרציק און פריילעך. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— איר ווייסט, דאָקטאָר, וואָס מיר געפעלט אין אייך אַמבעסטן?

— געפעלט אייך יאָ עפּעס אין מיר? — האָט זיך דאָקטאָר דוואָרקין אַ כאַפּ געטאָן — אַדרבה, זאָגט, וואָס?

זי האָט געענטפערט:

— אָט, ווען איר לאַכט אַזוי.

האָט ער זיך ווידער צעלאַכט מעשה קינד און אויסגע־שריען:

— גיט איר מיר דאָך אַ קאָמפּלימענט, פרוי ראַסקין? אויב אַזוי, קאָן איך נאָך האָפן, אַז איר וועט מיט דערצייט געפינען ביי מיר נאָך אַנדערע מעלות אויך.

אין דער צייט זיינען זיי צוגעקומען צו דאָקטאָר ראַסקינס

וואוינונג. ביים זעגענען זיך האָט דאָקטאָר דוואָרקין צוגעטראָגן לאָלאָס האַנט צו זיינע ליפּן און העפלעך זי אַ קוש געטאָן.

— גוטע נאַכט, דאָקטאָר, אַ דאַנק. ביי אייער קומענדיקער לעקציע וועלן מיר זיך ווידער זען און איך וועל פּרואוון אייך באַקערן צו מיינע אידעען.

ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און געזאָגט:

— אויב איר וועט נאָר קאָנען. סיי־ווי־סיי קומט און פּרואווט...

אין דער היים האָט זי דערציילט איר מאַן וועגן דאָקטאָר דוואָרקינס לעקציע און וועגן דעם, אַז ער האָט זי באַגלייט ביז צום הויז און אויך וועגן דעם שמועס, וואָס זיי האָבן צווישן זיך געהאַט אויפן וועג. און זי האָט פאַרענדיקט, אַז ווען יענער וואָלט ניט געווען קיין פּועלי־ציוניסט און זי וואָלט ניט געווען אַזוי פאַרליבט אין אים, איר מאַן, וואָלט זי זיך מיט יענעם געקאָנט פאַראינטערעסירן. אַזוי פילט זי.

דאָקטאָר ראָסקין האָט זיך אָנגערופן:

— לאָז אים צורו. וואָס גייט ער דיך אָן — אַ פּועלי־ציוניסט ?...

לאָלאָ האָט אויסגעשריען האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט:

— ער איז דאָך אַזוי שיין מיט זיינע אויגן, מיט זיינע האָר און שמייכל. היינט זיין געלעכטער, אָט אַזוי ווי אַ קינד לאַכט ער, ווי אַ געזונט קינד. עס איז אין אים דאָ אַזוי פיל ראָמאַנטישעס. אַך, פאַרוואָס איז ער אַ פּועלי־ציוניסט !...

איר מאַן האָט זיך צעלאַכט.

— לאָלעטשקאָ — האָט ער געזאָגט — עס איז טאַקע גוט וואָס ער איז אַ פּועלי־ציון און וואָס דו ביסט אַ קאַפּיטשקע פאַרליבט אין דיין מאַן, אַניט וואָלט מיר איצט געווען גאַנץ שלעכט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיט די צוויי לאַנגע צעפּ און אַרויסגערעדט פאַרטראַכט:

— ניין, ווייס איך! אַפילו נאַריש גאָר צו טראַכטן! און ווען אַפילו אַפּאָלאָ אַליין קומט איצט, וואָלט ער מיך ניט געקאָנט פאַראינטערעסירן, ווען איך האָב דיך, מיין קיטיס פּאַפּאַ!...

און זי האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— האָט קיטי ניט געוויינט, סאַשאַ?

און זי איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צום בעטל, וואו דאָס קינד האָט געשלאָפן.

מיט דאָקטאָר דוואָרקינען האָט זי זיך ווידער געטראָפן. זי האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין לעקציע זיינע, האָט דעבאַטירט מיט אים און באַקעמפט מיט היץ זיינע מיינונגען. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט, אַז זיי זאָלן זיך אָפט טרעפן און פאַרברענגען צוזאַמען.

איר איז געווען פריילעך מיט אים. אַ לוסטיקער מענטש איז ער געווען און אַ וויצלינג. האָט נאָכאַנאַנד זיך געוויצלט, נאָכאַנאַנד איר דערציילט קאָמישע מעשיות, וואָס זי האָט פון זיי שטאַרק הנאה געהאַט.

און איין מאָל אַן אויפדערנאַכט האָבן זיי געשפּאַצירט איבער צערינגער שטראָסע אַראָפּ צום וואַלד צו. אַ שיינע לבנה־נאַכט געווען, באַלד נאָך פּסח. אין דער לופט האָט זיך געפילט דער פרילינג.

זיי זיינען געגאַנגען און האָבן גערעדט וועגן אַ בוך פון אַ רוסישן שריפטשטעלער, וואָס זיי ביידע האָבן געהאַט ניט לאַנג געלייענט. מיטאַמאָל האָט זיך דאָקטאָר דוואָרקין אַ כאַפּ געטאָן:

— זעט וואָס פאַר אַ נאַכט! זעט וואָס פאַר אַ לבנה!

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיי זיינען געווען אינם וואַלד. אַ גרויסע לבנה איז דאָרט געשטאַנען איבער אַ הויכן בוים,

ווי זי וואָלט זיך פאַרטשעפּעט אָן זיין שפּיץ. דאָקטאָר דוואָרקין האָט גערעדט ווייטער:

— זעט, מיט וואָס פאַר אַ רחמנות אָט די לבנה קוקט אַראָפּ אויף אונדז! גייען צוויי מענטשן, יונגע מענטשן, טראָגן אַזוי פיל באַגייסטערונג אין זייערע נשמות און גאָרנישט!

לאָלאַ האָט שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף אים.

— און גאָרנישט? וואָס האָט איר געוואָלט זאָל זיין, דאָקטאָר?

דאָקטאָר דוואָרקין האָט קאָמיש אַרויסגעקרעכצט:

— אַך, ווען איר וואָלט ניט געווען אַזוי פאַרליבט אין אייער מאַן!

און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן כלומרשט מיט אַנטריס־טונג:

— אַזוינס איז נאָך ניט געשען, וויינקסטנס ביי מיר ניט. גייסט אַרום מיט אַזאַ שיינער פרוי נאַכט איין און נאַכט אויס, אין אַ משך פון וואָכן, און גאָרנישט, ניט אַפילו קיין קוש!

לאָלאַ האָט שטיפעריש אַ זאָג געטאָן:

— נו, גוט, דאָקטאָר. זאָל אייך דאַכטן, אַז איר האָט שוין געכאַפּט אַ קוש, וואָלט איר זיך דערמיט באַנוגנט?

— באַנוגנט? — האָט ער געענטפערט אין אַ קאָמישן טאָן. — איך וועל אייך עפּעס דערציילן: איין גלח איז אַמאָל געקומען צו גאַסט צו אַ צווייטן. פרעגט דער בעל־הבית ביים גאַסט: „פאָטערל, וואָס פאַר אַ משקה ווילסטו טרינקען, ביר אָדער שנאַפּס?" האָט דער גאַסט געענטפערט: „און ווין אויך!"

לאָלאַן איז אַזוי געפעלן געוואָרן דער דאָזיקער וויץ, אַז זי האָט זיך מיט אַ הילכעדיקן געלעכטער אַ וואָרף געטאָן צו דאָקטאָר דוואָרקינען און אים שטורמיש אַ קוש געטאָן.

נאָך אַ שטיקל צייט איז אַוועק און דאָקטאָר דוואָרקין האָט

זיך צום סוף אַזוי פאַרליבט אין איר, אַז דאָקטאָר ראַסקין האָט מיט אומרו געגומען קוקן אויף זיי.

„שולמית" האָט דאָקטאָר דוואָרקין זי גענומען רופן. „זי איז די שולמית פון שיר השירים — האָט ער גערעדט — און טונקל איז זי פון אינעווייניקסטער זוניקייט". און ער האָט געשריבן לידער סיי אויף העברעאיש און סיי אויף רוסיש, וואָס האָבן זי באַזונגען.

דער רעדנער דאָקטאָר דוואָרקין, דער טרעגער פון אַן ערנסטן אידעאַל, איז אַזוי באַהערשט געוואָרן פון זיין ליבע צו איר, אַז ער האָט צייטנווייז זיך אויפגעפירט און געהאַנדלט ווי אַ נאַריש יינגל.

לאַלאַ האָט געזען, ווי פאַרליבט ער איז אין איר געווען און זי האָט געזוכט אים צו באַרואיקן. אין דער אייגענער צייט איז דאָס איר שטאַרק אָנגענעם געווען, און זי האָט זיך געפרייט מיט אַלע זיינע נאַרישקייטן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט צום סוף געמוזט אויפהערן צו קומען צו זיינע לעקציעס, ווייל, ווי ער האָט איר געזאָגט, ווען ער האָט דערזען זי אויף זיינער אַ לעקציע, איז אים שווער געווען צו קאָנטראָלירן זיינע געדאַנקען.

אין יענער צייט האָט דאָקטאָר ראַסקין איינמאָל אַ פרעג געטאָן ביי איר כלומרשט רואיק:

— נו, לאַלעטשקאַ, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין ראָ־מעאָ?

האָט זי אים געענטפערט:

— שלעכט, סאַשאַ! אַ רחמנות. ער פאַרזיפצט נעבעך אונדזער שווייצאַרישע לבנה. ווי אַזוי העלפט מען אים, סאַשאַ?

— ווען דו וואָלסט אים וועלן אויף אַן אמת העלפן — האָט דאָקטאָר ראַסקין געענטפערט ערנסט, — וואָלסטו עס גע־קאָנט.

— ווי אַזוי, סאַשאַ?

— רייס איבער מיט אים יעדע באַציאונג, לאָלעטשקאַ. הלמאי זאָל ער אומזיסט ליידן ?

— און דו מיינסט, אַז ווען איך זאָל איבעררייסן מיט אים וועט ער דעמאָלט ניט ליידן ? סאַשאַ — האָט זי שטיפעריש אַ שמייכל געטאָן און געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט אירע שוואַרצע, קאָכעדיקע אויגן — אפשר וואָלט...

— וואָס, לאָלעטשקאַ ?

— אפשר — האָט זי גערעדט ווייטער, און אין די אויגן ביי איר האָט זיך געריסן אַ ממזריש שמייכעלע — וואָלט איך אים געקענט העלפן אויף אַן אַנדער אופן. האַ, וואָס זאָגסטו, סאַשאַ ?

— ווי אַזוי מיינסטו ?

— פשוט : ער איז דורשטיק ? צוגעפירט אים צום קוואַל, און נאַ, טרינק !... וואָלט דאָס ניט געווען מענטשלעכער, זאָג אַליין, סאַשאַ ?...

דאָקטאָר ראַסקין האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן און זיך אָנגערופן כלומרשט אין שפּאַס :

— עך, איר ווייבער, איר ווייבער, וואָס פאַר אַ פאָלק איר זענט ! דאָרט ליידט צוליב אייך אַ מאַן און אייך טוט עס הנאה, און איר וויצלט זיך איבער דעם !...

האָט זיך לאָלאַ אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעשריען מיט כלומרשט אַן ערנסטער מינע :

— סאַשענעקע, ווער וויצלט זיך ? איך וויצל זיך ניט. איך מיין גאַנץ ערנסט. און, באמת, פאַרוואָס ניט, האַ ? מען טאָר ניט ? פאַרוואָס ? איך בין עפּעס פאַרקויפט ? וואָלט עס דען ניט געווען אין איינקלאַנג מיט אונדזערע אידייען ?...

— וואָס האָסטו זיך צעפלאַפּלט, דו נאַרישע פּלאַפּלערקע ?

— האָט ער געזאָגט און איז נאָך מער נערוועז געוואָרן.

איז לאָלאַ צו אים צוגעשטאַנען :

— זאָג סאַשאַ, ווען איך טו דאָס, ווי וואָלסטו אויף דעם געקוקט?

האָט ער זיך פּלוצלונג צונויפגענומען, געקוקט איר רואיק אין די אויגן אַריין און געענטפערט:

— דו פרעג ביי מיר מער ניט אַזעלכע פראַגן. טו, אויב דו פילסט אַזוי, און נאָכדעם ועסטו זען, ווי אַזוי איך וועל אויף דעם רעאַגירן.

האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים אויפן האַלדז מיט די ווערטער:

— דו ווייסט דאָך, אַז איך וואָלט עס ניט געקענט. קיינ־מאָל ניט, דו הערסט? קיינמאָל ניט!...

פונדעסטוועגן איז דאָקטאָר ראַסקין נאָכדעם אינגאַנצן רו־איק אויך ניט געווען. מחמת ער האָט גוט געקענט לאָלאַן, האָט געוואוסט, ווי אימפּולסיוו זי איז און ער האָט קיינמאָל ניט געקענט וויסן, ווי אַזוי זי וועט האַנדלען די נעקסטע מינוט.

איינמאָל ביינאַכט, ווען ער איז געקומען אַהיים פון אַ פּאַציענט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סצענע, וואָס האָט אים אויף אַ רגע צעמישט: לאָלאַ איז געזעסן אויף אַ שטול און דאָקטאָר דוואָרקין איז געשטאַנען אויף די קני פאַר איר און האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף איר שויס, און זי האָט אים מיט אַ האַנט געגלעט די האָר.

דאָקטאָר ראַסקין האָט געוואָלט זיך אַ כאַפּ טאָן צוריק, אַרויסגיין פונם צימער, אָבער דאָ האָט אים לאָלאַ באַמערקט און זי איז אויפגעשפרונגען פונם אָרט. דאָקטאָר דוואָרקין האָט זיך אויך אויפגעהויבן.

— אַנטשולדיקט, — האָט דאָקטאָר ראַסקין אַרויסגערעדט גאַנץ רואיק, און זיין רואיקער טאָן אין אָט דעם מאָמענט האָט נאָך מער צעטומלט סיי לאָלאַן און סיי דאָקטאָר דוואָרקין. דער לעצטער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין שוואַרצן הוט מיט די ברייטע ראַנדן און איז מיט אַ צעפלאַמטן פנים אַרויסגעלאָפן פונם צימער.

לאַלאַ האָט מיט אַ צעמישטן שמייכל געקוקט אויף איר מאַן און אירע טונקעלע באַקן האָבן זיך גערויטלט. דערנאָך האָט זי אַרויסגערעדט :

— אַ,סאַשאַ, גוט, וואָס דו ביסט געקומען. מיר איז קוים געלונגען אים צו באַרואיקן. ער האָט געוויינט, ווי אַ קינד.

— טאַקע ? — האָט דאָקטאָר ראַסקין שפּאָטיש זיך אָנגערופן — נו, אַז דו ביסט אַזאַ שלעכטע און לאָזסט אים ליידן. דו לאָז אים ניט ליידן אַזוי פיל, וועט ער ניט וויינען ביי דיר, אַזוי ווי אַ קינד...

— איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן פון דאַנען.

— איך רעכן, לאַלאַ, אַז מיר וועלן אינגיכן פון דאַנען אַוועקפאָרן — האָט דאָקטאָר ראַסקין געזאָגט.

— מיר, וואוהין ?

— קיין אַמעריקע. מיין ברודער רופט מיך שוין לאַנג אַהין. ער וויל אונדז אַרויסשיקן שיפסקאַרטן. איך רעכן אים צו שרייבן, אַז מיר זיינען גרייט צו פאָרן

לאַלאַ האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו פאָרן קיין אַמעריקע און זי האָט גענומען אים אָפּרעדן דערפון. זי וואָלט וועלן אונטערהאָדעווען פריער דאָס קינד דאָ — האָט זי גערעדט — און ערשט שפּעטער פאָרן קיין אַמעריקע, אויב ער וויל אומבאַדינגט פאָרן אַהין..

דאָקטאָר ראַסקין האָט געטראַכט :

„ניט פאָרן צוליבן קינד ? אפשר גאָר צוליב דאָקטאָר דוואָרקין ?"

אַ פאַרדאַכט האָט זיך געוועבט ביי דאָקטאָר ראַסקין אין האַרצן. פונדעסטוועגן האָט לאַלאַ ביי אים געפּועלט, ער זאָל איצט ניט טראַכטן מער וועגן פאָרן קיין אַמעריקע, און זי האָט אים ווידער און ווידער פאַרזיכערט, אַז צווישן איר און דאָקטאָר דוואָרקין איז ניט געווען מער ווי פריינטשאַפט.

און אַז דאָקטאָר ראַסקין האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געשעמט. ער האָט צו איר געטענהט:

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד? דו רעדסט צו מיר, ווי אַ קלייבבירגערלעכע פרוי צו אַ קליינבירגער אַ מאַן! איך פרעג דען ביי דיר וועגן אייערע באַציאונגען? איך האָב דיר, דאַכט זיך, קלאָר געזאָגט, אַז דו קאָנסט טאָן, וואָס דו ווילסט. דו ביסט אַ פרייע פרוי, אַ פרייער מענטש, ניט קיין שקלאַפין ביי מיר!..

ער האָט אַזוי גערעדט און זיך געפילט ביי זיך רואיקער סיי אַלס דער רעוואָלוציאָנער ראַסקין און סיי אַלס לאַלאַס מאַן...

נאָך אַ שטיקל צייט איז אַוועק, און עפּעס האָט פּאַסירט פון וואָס דער מאַן ראַסקין איז ווידער געוואָרן אומרואיק. ער איז געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט און אין דעם אַנדערן צימער האָבן זיך אונטערהאַלטן זיין ווייב און דאָקטאָר דוואָרקין. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט וועגן וואָס זיי ביידע האָבן דאָרט גערעדט מיט היץ, און ער האָט זיך פאַראינטערעסירט. זיי האָבן דאָרט גערעדט וועגן די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי. און כאָטש זיי האָבן אַרויסגעזאָגט אַזעלכע געדאַנקען, וואָס ער, דאָקטאָר ראַסקין אַליין, האָט צענדליקער מאָל אַרויסגעזאָגט אין זיינע לעקציעס אין אַ סך שאַרפערע און דרייסטערע ווערטער, איז ער איצט פון די דאָזיקע ווערטער פּלוצים געוואָרן אומרואיק. כמעט פאַר חוצפּהדיק האָט ער איצט געהאַלטן אָט די געדאַנקען, וואָס דאָקטאָר דוואָרקין האָט דאָרט אַרויסגעזאָגט..

אַן אומרואיקער האָט ער געטראַכט:

„נאָר ווען מען איז גאַנץ אינטים מיט אַ פרוי, קאָן מען מיט איר אַזוי רעדן. זאָל איך איר, לאַלאַן, גלויבן, אָדער ניט?“.

ער איז געוואָרן אייפערזיכטיק צו איר און איז געוועזן בייז אויף זיך דערפאַר און האָט אין די געדאַנקען זיך געזידלט און גערופן: „ליגנער, היפּאָקריט, שמאַטע“...

עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער ווידער גענומען רעדן וועגן פאָרן קיין אַמעריקע צו זיין ברודער אין פילאַדעלפיע, נאָר לאָלאַ האָט אַלץ קיין חשק ניט געהאַט צו פאַרלאָזן שווייצאַריע.

איינמאָל, ווען דאָקטאָר דוואָרקין איז צו איר געקומען אין אַ צושטאַנד, ווען מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז ער איז שיכור, און ער האָט אין נאָמען פון פרייע געפילן גענומען פאָדערן פון איר, אַז זי זאָל מיט אים גיין לעבן, מחמת זי איז ניט די שקלאַפין פון איין מאַן, און ווען ער האָט דערביי געסטראַשעט מיט זעלבסטמאָרד, איז זי אַליין דערנאָך געקומען צו איר מאַן, און האָט אים געזאָגט, אַז זי איז גרייט צו פאָרן קיין אַמעריקע.

צוויי חדשים שפּעטער זיינען זיי שוין געווען אין פילאַדעלפיע.

4

דער אַמעריקאַנער ברודער, מיסטער לעאָ ראָסקין, אַ רייכער פאַבריקאַנט פון פרויען־קליידער, האָט אויפגענומען זיין „גרינעם” ברודער און שווערגערין זייער גוט און זיי אַרויסגעוויזן אַ סך ליבע. די ברידער האָבן זיך שוין ניט געזען אַ יאָר צוואַנציק. מיסטער לעאָ ראָסקין האָט פאַר די גרינע איינגעריכט אַ שיין הויז און פאַרזאָרגט זייער היים מיט אַלע מעגלעכע באַקוועמלעכקייטן, אפילו מיט אַ מיידל פאַר זייער קינד.

ער איז געווען אַן אַסימילירטער און אַן אַמעריקאַניזירטער ייד, וואָס האָט שוין זינט יאָרן אָנגעהערט צו אַ קרייז דייטשע יאַהודים אין פילאַדעלפיע און איז מיט זיין ווייב געגאַנגען צו זיי אין טעמפל און האָט זיך באַטייליקט אין זייערע פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען.

ווען די גרינע האָבן שוין געוואוינט אין דער דירה, וואָס ער האָט פאַר זיי איינגעריכט, איז ער איינמאָל אַן אָוונט געקומען צו זיי מיטן געדאַנק, אַ שמועס צו טאָן מיט זיי וועגן אַ תכלית.

ער איז געווען אַ הויכער, דיקער מאַן, מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר און מיט אַ יונגן, אויסגעכאַליעטן, רייך־ראַזירטן פּנים. די דיקע ברעמען איבער זיינע גרויע, רואיקע אויגן זיינען געווען שוואַרץ געפאַרבט. ער האָט זיך געהאַלטן מעשה דזשענטעלמאַן און גערעדט העפלעך, שטיל, מיט אַ ליבנסווירדיקן שמייכל. ער איז געווען עלטער פון דאָקטאָר ראַסקין אויף איבער פופצן יאָר.

בעת ער האָט מיט די גרינע געטרונקען טיי ביים טיש, האָט ער, לעאָ ראַסקין, זיך מיט אַמאָל אָנגערופן:

— קינדער, איך וואָלט זיך מיט אייך וועלן היינט אַ ביסל דורכשמועסן. איר זענט גרינע, מיט דעם לאַנד און מיט די מענטשן נאָך אומבאַקאַנט, איז מער ניט ווי רעכט, אַז איך זאָל אייך באַקענען מיטן היגן גייסט.

האָט לאָלאַ אַ זאָג געטאָן האַלב שטיפעריש און האַלב ערנסט:

— איז דען ביי אייך אין לאַנד פאַראַן גייסט?

— דער שענסטער, דער איידלסטער און דער מענטשלעכ־סטער! — האָט געענטפערט דער רייכער שוואָגער לאַנגזאַם און געלאַסן און מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיינע ווערטער אַריינהאַקן איר אין קאָפּ — נאָר גרינע און משוגענע אַנאַרכיסטן קאָנען ניט באַנעמען אונדזער אַמעריקאַנער גייסט. אָט טאָקע וועגן דעם וועל איך היינט רעדן מיט אייך.

— אַדרבה, לעאָ, עס איז אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס אַן אַמעריקאַנער אַליין האָט צו זאָגן וועגן אַמעריקע — האָט דאָקטאָר ראַסקין באַמערקט און האָט מיט וואַרעמע אויגן גע־קוקט אויף זיין אַמעריקאַנער ברודער.

— וועגן אַמעריקע און וועגן זיין ברודער, וואָס קלייבט זיך צו וואוינען און מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע, וויל דיין ברודער רעדן — האָט אונטערגעכאַפּט לעאָ ראַסקין — דו פאַרשטייסט, סאַשאַ — האָט ער געזאָגט נאָך אַלץ אין אַ געלאַסענעם, באַלערנדיקן טאָן — איך שטויס זיך אָן, אַז דו

געהערסט אויך צו יענע וועלט־איבערקערער, מיט וועלכע איי־ראָפּע איז פול. ווייל איך דיר דערפאַר זאָגן, אַז דו קאָנסט דאָ זיין, וואָס דו ווילסט, אָבער אַ געשעפטסמאַן מוזטו זיין. אַמע־ריקע איז אַ פריי לאַנד, אָבער קיין משוגענער דאַרף מען ניט זיין און אַ ביזנעסמאַן מוז מען זיין אַפילו אין דיין פּראָפע־סיע אויך...

— אין מיין פּראָפעסיע ? וואָס האָט צו טאָן געשעפט מיט מיין פּראָפעסיע ? — האָט דאָקטאָר ראָסקין זיך אָנגע־רופן.

— נאָך ווי ! די אַלע היגע באַרימטע דאָקטוירים, וואָס אַנדערע פון זיי פאַרמאָגן היינט הונדערטער טויזנטער, וואָלטן היינט ניט געווען באַרימט, ווען זיי זאָלן ניט זיין גוטע גע־שעפטסלייט.

לאָלאַ האָט זיך אַריינגעמישט :

— אויב אַזוי וועט שוין אייער ברודער, ליבער שוואָגער, קיין הונדערטער טויזנטער דאָלער ניט פאַרמאָגן. מחמת ער איז אַ זייער שלעכטער געשעפטסמאַן...

דער רייכער ברודער האָט אויף דעם געענטפערט :

— דאָס קאָנט איר נאָך ניט וויסן, ליבע לאָלאַ. סאַשאַ האָט ביז אַהער ניט געהאַט די געלעגנהייטן, וואָס ער קען האָבן דאָ אין אַמעריקע. ער קען דווקא דאָ זיך אַרויסווייזן פאַר אַן אויסגעצייכנטן געשעפטסמאַן...

— און בלייבן דערביי אַ סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער?

— האָט זיך לאָלאַ אַ כאַפּ געטאָן, און זי האָט שפּאָטיש אָנגע־קוקט איר אַמעריקאַנער שוואָגער מיט אירע שוואַרצע קאָכעדיקע אויגן.

לעאָ ראָסקין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט עפּעס אָפּגעשטופּט פון זיך, און ער האָט גע־ענטפערט :

— בלייבן אַ סאָציאַליסט, ניט בלייבן, — דאָס איז נאָ־

רישקייט! הלוואי בלייבט ער דאָס ניט. און ווען אַפילו יאָ, קאָן מען מיט דעם אויך זיין אַ גוטער געשעפטסמאַן. איך קען סאָ־ציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, סיי לאָיערס און סיי פאַבריקאַנטן, און זיי זיינען די בעסטע ביזנעסלייט...

דאָקטאָר ראַסקין איז אויפגעשטאַנען פונם אָרט און איז אַ פאַרטראַכטער זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַ קער געטאָן צום ברודער און געפרעגט שטיל און פאַרטראַכט:

— און אַז מ׳איז אַ שלעכטער געשעפטסמאַן, לעאָ?

— איז שלעכט, סאַשאַ.

דאָקטאָר ראַסקין האָט אַ ציִ געטאָן די אַקסלען און אַרויס־גערעדט:

— איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין, לעאָ. וואָס האָט צו טאָן דאָקטאָריע מיט „ביזנעס״, ווי איר רופט עס ביי אייך אין אַמעריקע?

דער אַמעריקאַנער ברודער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— זיי ניט קיין קינד, סאַשאַ. דו ביסט דאָך שוין אַ דער־וואַקסענער מענטש. אַלץ האָט צו טאָן מיט ביזנעס, אַפילו פילאַנטראָפּיע, צדקה געבן, איז אויך אָפּט ביזנעס...

— קורץ — האָט זיך לאָלאַ ווידער מיט שפּאָט אַריינגעמישט — דער דאָלאַר און ווידער דער דאָלאַר און נאָך אַמאָל דער דאָלאַר — דאָס איז ביי אייך דער עיקר. איז מען דאָך ביי אונדז אין אייראָפּע געווען גערעכט, ווען מ׳האָט געהאַלטן, אַז ביי אייך אין אַמעריקע האָט דער דאָלאַר אויפגעגעסן און פאַרשלונגען דעם מענטשן מיט זיין האַרץ און נשמה...

— אָ, לאָלאַ! — האָט דער אַמעריקאַנער שוואָגער גוט־מוטיק אַ לאַך געטאָן, — דאָס איז שוין אַ ביסל צו שטאַרק, שוין אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. גענוג מענטש איז נאָך ביי אונדז פאַרבליבן, וואָס דער דאָלאַר האָט ניט פאַרשלונגען, און גענוג מענטשלעכע נשמה, און גענוג מענטשלעכער רחמנות...

די אַלע האָספּיטעלער, די אַלע צדקה־אַנשטאַלטן, די אַלע הילפס־פאַראייגען אונדזערע, דאָס אַלץ, ליבע לאַלאַ, באַווייזט עפּעס וועגן אונדזער הארץ און נשמה אויך...

און ער האָט אָנגענומען לאַלאַס האַנט אין זיינער און האָט וואַרעם געקוקט איר אין פּנים אַריין און ווייטער גערעדט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל:

— אָ, קינד. ווי איך זע זיינען ביי אייך אינם שיינעם קאָפּ פּאַרפאַקט געגוג משוגעתן. איר וועט דאָ זיי מוזן אויס־פּאַקן און אַרויסוואַרפן. איר וועט דאָס זיכער טאָן, וואָרים איר זענט גענוג קלוג, גענוג געבילדעט. איר דאַרפט זיך נאָר אַ ביסעלע אויסגרינען און אַ ביסעלע זיך לאָזן לערנען.

זי האָט זיך אָנגערופן האַלב־שטיפעריש:

— אוי, וועט איר האָבן אַ שלעכטע שילערין, ליבער שוואָ־גער, איך בין אייך גאָרניט מקנא!

לעאָ ראַסקין האָט זיך אָנגערופן:

— מיר, אין אַמעריקע, האָבן דאָ גענוג געדולד פאַר שלעכ־טע גרינע שילער און שילערינס. מיר ווייסן, אַז סוף־כל־סוף אַמעריקאַניזירן זיי זיך ביי אונדז.

שפּעטער איז דאָקטאָר ראַסקין פאַרבליבן אַליין מיטן אַמע־ריקאַנער ברודער און לאַלאַ איז אַוועק צו איר קינד אין צימער.

— זאָג מיר לעאָ, — האָט דאָקטאָר ראַסקין זיך געווענדט צו זיין אַמעריקטנער ברודער, — וואָס, אַן ערך, וואָלסטו מיר געראָטן צו טאָן איצט, איידער איך האָב אויסגעהאַלטן מיין שטאַט־עקזאַמען?

— אָט וועגן דעם וויל איך מיט דיר רעדן — האָט דער אַמעריקאַנער ברודער זיך אַ כאַפּ געטאָן — פאָלג מיך און אַלץ וועט זיין אָלרייט...

— וואָס מיינסטו, אַז איך זאָל דיך פאָלגן?

— דו דאַרפסט, סאַשאַ, האָבן אין זינען איין זאַך, אַז דו מוזט מאַכן דערפאָלג, סוקסעס, פאַרשטייסט? סוקסעס! אויב

דו וועסט דאָס האָבן אין זינען, פאַרזיכער איך דיך, אַז דיין רעפּוטאַציעאיז געמאַכט און דו וועסט דאָ האָבן אַ גרויסע פּראַק־טיק. איך און הענריעטע וועלן דיר אין דעם אַ סך קאָנען העלפן. מיר האָבן אַ גרויסן קרייז פריינט און באַקאַנטע פון רייכע און געקליבענע מענטשן...

דאָקטאָר ראַסקין האָט אַ שמייכל געטאָן:

— נו גוט, האָב איך עס אין זינען. וואָס אָבער דאַרף איך טאָן, לעאָ, נאָך דיין מיינונג, האָבנדיק דאָס אין זינען?

— ערשטנס לערנען ענגליש און וואָס גיכער איבערצוקומען דעם עקזאַמען. אַחוץ דעם, מאַכן פילן אַלעמען אַרום דיר, אַז דו ביסט אַ גרויסער דאָקטאָר, און ניט חברן זיך מיט יעדן איי־נעם. דו ביסט טאַקע אַ דעמאָקראַט, ביסט טאַקע אַ סאָציאַליסט, און אַלצדינג אין דער וועלט, אָבער דו ביסט דאָקטאָר ראַסקין, דער גרויסער, אייראָפּעאישער דאָקטאָר ראַסקין... דו רעדסט דאָך פראַנצויזיש? גוט! דו רעדסט דאָך דייטש? פיין! און רו־סיש אויך? דאָס קומט אויך צוניץ! און אַז דו וועסט נאָך רעדן ענגליש, ביסטו אַ גרויסער דאָקטאָר פון אייראָפּע און אַ גרויסער געבילדעטער מענטש, וואָס רעדט אַלע שפּראַכן אויף דער וועלט!... דו וועסט שוין דעמאָלט זען, וואָס פאַר אַ דערפאָלג דו וועסט דאָן האָבן ביי מיר אין מיין קרייז! דערווייל וואָלט ניט געשאַדט, אַז דו זאָלסט אָנהויבן זיך באַקענען מיט מיינע פריינט שוין איצט. איך וועל מאַכן עטלעכע אונטערהאַלטונגען ביי זיך אין הויז, כדי צו באַקענען דיך און דיין ווייב מיט זיי...

אָט אַזאַ שמועס האָט יענעם אויפדערנאַכט געהאַט לעאָ ראַסקין מיט זיין יינגערן ברודער פאַר דער טובה־וועגן פון די גרינע. דערנאָך, ווען ער איז אַוועק, איז דאָקטאָר ראַסקינען געוווען זייער שווער אויפן האַרצן. דער דאָזיקער שמועס האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק, ווי מען וואָלט אים פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן די נשמה צום טייוול פאַר אַ קאַריערע. און ער

האָט אויך געפילט, אַז אים וועט ניט איינמאָל אויסקומען צו האָבן אומאָנגענעמע סצענעס מיט זיין אַמעריקאַנער, פּראַקטישן ברודער...

און ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ער דעמאָלט מיט לאַלאַן גערעדט וועגן אָט דעם שמועס און וועגן דעם אַמע־ריקאַנעם רייכן ברודער...

לאַלאַ האָט זיך געקאַכט: אַ בורזשואַ בלייבט אַ בורזשואַ. אַזאַ איינער קען נאָר זען די מאַטעריעלע זייט פונם לעבן, מעג ער אַפילו זיין דער בעסטער מענטש. (און איר אַמעריקאַנער שוואָגער האָט זי אין יענער צייט דווקא געהאַלטן פאַר אַ וואוילן מענטשן, שוין צוליב דעם, וואָס סאַשאַ האָט דאַן שטאַרק ליב געהאַט זיין מאַעריקאַנעם ברודער). און דאָקטאָר ראַסקין האָט געטענהט, אַז זיין ברודער מעג זיך האָבן זיין מיינונג וועגן דעם, ווי אַזוי ער דאַרף זיך אַיינאָרדענען אין אַמעריקע, און ער, דאָקטאָר ראַסקין, וועט זיך איינאָרדענען אַזוי, ווי ער וועט אַליין דענקען און ווי אַזוי ער וועט אַליין פילן. ער דאַרף זיך נאָר באַקענען מער מיט דער שפּראַך און מיטן לעבן און מיט די מענטשן אין אַמעריקע.

שווער איז געווען זייביידן, דאָקטאָר ראַסקינען און לאַלאַן, זיך איינצולעבן אין אַמעריקע. זיי ביידן האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז זיי וועלן קיינמאָל זיך דאָ ניט קאָנען צוגע־וואוינען ניט צו דעם היגן לעבן און ניט צו די היגע מענטשן, און אויף שטענדיק וועט זיי בלייבן פרעמד דער גייסט פון אַמעריקע...

ווילד האָט זיי דעמאָלט אויסגעזען דער היגער טומל און דער היגער אימפּעט. זיי האָבן געזען און געדריקט מיט די אַקסלען. זיי האָבן געקוקט און פאַר די אויגן האָט זיי גע־שווינדלט. זיי האָבן געהערט און אין די אויערן האָט זיי גע־ליאַרעמט און געפילדערט.

מענטשן זיינען געלאָפן און האָבן געסאָפּעט. טראַמווייען

זיינען געלאָפן און האָבן געסאָפּעט. אויף אַלע גאַסן אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ טומל פון פאַרנט, פון הינטן און פון אַלע זייטן...

היינט ווער שמועסט נאָך, ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ שבת יענע גאַסן, וואו עס האָבן זיך געפונען די גרויסע געשעפטן, צי ווען זיי זיינען געגאַנגען אַמאָל פאַרנאַכט, בעת די גאַסן זיינען געווען פאַרפלייצט פון די אַרבעטער, וואָס זיינען געגאַנגען פון דער אַרבעט, — דעמאָלט זיינען זיי גאָר צעטומלט געוואָרן.

דאָקטאָר ראַסקין און לאָלאַ האָבן דעמאָלט גערעדט צווישן זיך:

— געוואַלד, ווי קאָנען מענטשן לעבן אין אַט דעם קאָכעדיקן און שרייענדיקן גיהנום? וואָס פּילדערן זיי אַלע אַזוי? וואוהין לויפן זיי אַלע מיט אַזאַ אימפּעט? וואָס טרייבט זיי? וואָס יאָגט זיי?

און ווען דאָקטאָר ראַסקין האָט אַמאָל אַ פרעג געטאָן ביי זיין אַמעריקאַנעם ברודער, האָט יענער אים געענטפערט:

— וואָס הייסט, וואוהין זיי לויפן? אין זייערע געשעפטן, אין זייערע פאַבריקן לויפן זיי. „טאַים איז מאָני" אין אַמעריקע. צייט איז געלט, סאַשאַ, און דו דאַרפסט עס געדענקען.

און אַז דאָקטאָר ראַסקין האָט דאָס דערהערט, האָט ער געטראַכט דעמאָלט מיט אַ שווערן האַרצן:

„יאָ, עס אז דער ריכטיקער ענטפער: „טאַים איז מאָני". דער דאָלאַר! דאָס איז דער אַמעריקאַנער קעניג, דער אַמעריקאַנער גאָט, וואָס צו אים בוקן זיך אַלע, אַלע, און וואָס צו אים וועט ער, דאָקטאָר ראַסקין, זיך אויך מוזן בוקן, אויב ער זאָל האָבן אין זינען אַ תכלית און זאָל פאָלגן זיין ברודער... ביין, קעגן דעם וועט ער קעמפן — האָט ער געטראַכט ווייטער — ניט לאָזן זיך אויפפרעסן פון דער אַמעריקאַנער פּראַקטישקייט"..

און אַן אַנדערש מאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן פאַר לאָלאַן:

— ס׳איז דאָ קאַלט, לאַלאַ, ס׳איז דאָ זייער קאַלט... די נשמה פרירט... דאָס האַרץ פרירט... איך האָב ליב לעאַ, דאָך איז ער מיר אין גייסט אַזוי פרעמד, אַזוי פרעמד. איך בין געוואוינט צו אַנדערע מענטשן, צו אַן אַנדער לעבן. וואָס טוט מען, לאַלאַ ?

— זאָלן מיר פאָרן צוריק, סאַשאַ. זאָלן מיר אַנטלויפן פון דאַנען וואָס גיכער, — האָט לאַלאַ אים געענטפערט מיט ליידנ־שאַפט אין קול, — זאָלן מיר אַנטלויפן פון אָט דעם שרעקלעך גרויסן מאָגן, וואָס הייסט „אַמעריקע״, פון אָט דעם מאָגן, וואָס האָט דאָ אויפגעפרעסן און פאַרשלונגען דעם מענטשן מיט זיין האַרץ און נשמה ! לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, וואָס גיכער, סאַשאַ !...

— אַנטלויפן, וואוהין ? אין רוסלאַנד דאָך ניט ? און אין שווייצאַריע... ווייניק געהונגערט דאָרטן ? און וועגן אונדזער קינד מוז מען אויך אַ טראַכט טאָן, לאַלאַ.

— סאַשאַ, מיר וועלן דאָ דערשטיקט ווערן מיט אונדזער קינד.

— איר פעלט דאָ דערוויל גאָרניט, אונדזער קיטין. אַזאַ היים, ווי זי האָט דאָ און אַזאַ האַדעוואַניע, קאָן זי אין ערגעץ ניט האָבן . . .

— אָבער דאָס איז דאָך נאָך ניט אַלץ. פון אונדזער קינד דאַרף דאָך אויסוואַקסן אַ מענטש אויך ?...

— דאָס רעדסטו ווי אַ קינד, לאַלאַ. עס וועט אויסוואַקסן.

— אין אָט דעם גייסט, וואָס איז אַרום אונדז...

— אין דעם גייסט פון איר היים, לאַלאַ . . .

— אָבער אַחוץ איר היים איז דאָך פאַראַן אַ גאַנצע וועלט, וואָס איז שטאַרקער פון איר היים ? . . .

— טרייב ניט איבער, לאַלאַ, מיר וועלן אַכטונג געבן אויף איר דערציאונג. וואו ביסטו ? און וואו בין איך ? . . .

און שטענדיק האָט דאָקטאָר ראַסקין אַזאַ שמועס פאַרענ־דיקט דערמיט, וואָס ער האָט געטרייסט לאָלאַן:

— זיי רואיק, לאָלעטשקאַ, מיר וועלן ניט פאַרלוירן גיין. עס וועט זיין „אָל־רייט", ווי מען זאָגט דאָ. איין זאַך נאָר — האָט ער דערביי קיינמאָל ניט פאַרגעסן איר צו דערמאָנען — דו דאַרפסט זיך נאָר צופיל ניט אַרומקריגן מיט לעאָ. צו וואָס? פאַר קיין סאָציאַליסט וועסטו אים ניט מאַכן, און דיר פאַלט עס דאָך אַפילו ניט איין? היינט למאַי זאָלסטו אים פאַר־שאַפן אומאָנגענעמלעכקייטן? לאָז אים צורו, פיר מיט אים ניט קיין דיסקוסיעס...

דעמאָלט האָט לאָלאַ אים דאָס צוגעזאָגט, אָבער זי האָט ניט אַלע מאָל געקענט האַלטן וואָרט, מחמת דער אַמעריקאַנער שוואָגער, אַזוי ווי זיין ווייב הענריעטאַ, האָבן ביידע נאָכאַנאַנד געזוכט זי אויסצוגרינען און זי אויסצומענטשלען פאַר איר טובה־וועגן...

אין דער אייגענער צייט האָט דאָקטאָר ראַסקין זיך פלייסיק געגרייט צו זיין שטאַטס־עקזאַמען און געלערנט די ענגלישע שפּראַך און פון צייט צו צייט האָט ער מיט לאָלאַן באַזוכט אַן אַרבעטער, אָדער אַ סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג. און אויך דאָרט האָט ניט ער און ניט לאָלאַ געפונען יענע באַפרידיקונג, אין וועלכער זיי האָבן זיך גענויטיקט. אויפן האַרצן איז זיי ניט וואַרעמער געוואָרן פון אָט די פאַרזאַמלונגען. אמת, דאָרטן האָבן טאַקע רעדנער גערעדט פון דער קלאַגעדיקער לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, האָבן געשילדערט, ווי אַזוי די אַרבעטער ווערן באַגזלט און באַראַבעוועט; עס האָט זיך אָבער געפילט, אַז שטאַרק האָבן זיי זיך ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ פון דעם, די רעדנער; אַז זיי האָבן עס גערעדט מער אויס געוואוינהייט, ווי פון דעם האַרצן, אָט ווי יידן, ניט קיין פרומאַקעס, דאַווע־נען... און די אַרבעטער אין דעם לאָקאַל, וואָס האָבן זיך צו־

געהערט צו די רעדנער, האָבן זיי אַפּלאָדירט אויך מער אויס געוואוינהייט, מעכאַניש, ווי מיטן האַרצן...

און אפשר האָבן זיי, דאָקטאָר ראַסקין און לאָלאַ, געהאַט אַ טעות? קאָן זיין. אָבער אין דעם זיינען זיי זיכער געווען, אַז אויף די פאַרזאַמלונגען אין שווייצאַריע, צו וועלכע זיי זיינען געווען געוואוינט, האָט מען גערעדט אַנדערש און מען האָט געהערט אַנדערש און מען האָט אַפּלאָדירט אַנדערש...

און זיי האָבן אויפגעהערט צו גיין אויף אַט די היגע פאַרזאַמלונגען . . .

אַזוי איז זיי אויך געבליבן פרעמד דער קרייז, צו וועלכן דער אַמעריקאַנער ברודער האָט באַלאַנגט. גאָר אַנדערע מענטשן זיינען זיי געווען, מיט אַנדערע מאַנירן, געוואוינהייטן און וועלט־אַנשויאונגען.

די דאָזיקע מענטשן, די מענער אַזוי ווי די פרויען, האָבן זיך אַלע אַרויסגעוויזן, סיי לאָלאַן און סיי דאָקטאָר ראַסקינען, ווי נאָך איין מוסטער צוגעשניטן. אַלע זיינען זיי געווען אַזעלכע העפלעכע, רואיקע, צופרידענע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל צו הויך ניט גערעדט, צו הויך ניט געלאַכט און וואָס האָבן זיך געפוצט פאַר דער וועלט אין מאַניערן און שמייכלען, אַזעלכע געקראָכמאַלעטע און שטייפע, ווי די העמדער און מאַנזשעטן, וואָס די מענער האָבן געטראָגן אונטער די קליידער פון דער לעצטער מאָדע...

זיי זיינען געגאַנגען אין טעמפל, ניט מחמת זיי זיינען געווען רעליגיעז, נאָר ווייל, ווי דעם רייכן ברודערס וויב — אַ דאַמע מיט רואיקע און אַריסטאָקראַטישע מאַנירן — האָט לאָלאַן אַמאָל געגעבן צו פאַרשטיין אין אַ שטילן און העפלעכן טאָן — ווייל יעדער אַנשטענדיקער מענטש מוז געהערן צו עפּעס אַ „טשוירטש”.

זיי זיינען געגאַנגען צו קאָנצערטן פון באַרימטע קינסטלער, ניט אויס ליבע צו מוזיק, נאָר ווייל אַנדערע פון זייער קרייז

זיינען געגאַנגען, און זיי האָבן דערנאָך גערעדט מיט התפּעלות וועגן די דאָזיקע קינסטלער, ווייל די אַנדערע האָבן וועגן זיי גערעדט מיט התפּעלות.

אַזוי זיינען זיי אויך געגאַנגען צו געוויסע פּיעסן. אַזוי האָבן זיי אויך געלייענט געוויסע ביכער און אַזוי האָבן זיי אויך אָנטייל גענומען אין צדקה־אַנשטאַלטן. ניט כדי צו באַפרידיקן זייער אייגענע נשמה־באַדערפעניש האָבן זיי דאָס געטאָן, נאָר ווייל די אַנדערע פון זייער קרייז האָבן דאָס געטאָן און ווייל עס איז געווען אַ צייכן פון „שיינעם טאָן" פאַר דער וועלט...

און צוליב דעם דאָזיקן „שיינעם טאָן" האָבן געוויסע פראגן ניט געטאָרט אָנגערירט ווערן אין אָט דעם קרייז, און ווען זיי זיינען אַמאָל יאָ אָנגערירט געוואָרן, איז דאָס געטאָן געוואָרן פאַרשלייערט, אויפן וואונק, מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל...

באַזונדערס האָט מען זיך דאָרט געהיט פון אָנצורירן די געשלעכט־פראַגע...

צי זיי זיינען באמת אַלע געווען אַזוי אָדער ניט, — אָבער דאָקטאָר ראַסקין און לאָלאַ האָבן זיי אַלעמען געזען אין אַזאַ ליכט...

איבערהויפּט לאָלאַ... זי האָט זיי גלייך פיינט געקראָגן. זיי האָבן זיך איר אויסגעוויזן גאָר ניט ווי לעבעדיקע מענטשן מיט לעבעדיקע באַדערפענישן, וואָס זיינען באַוועגט פון אַן אייגענעם ווילן, נאָר ווי מאַנעקענס, וואָס זיינען געווען באַוועגט פון איינער און דער זעלבער שפּרוזשינע...

אַמאָל האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן פאַר איר מאַן מיט אויפריכטיקער פאַרצווייפלונג:

— סאַשאַ, ווי לעבט מען צווישן אָט די מענטשן? אָן אַ סימן פון אינדיווידואַליטעט זיינען זיי, מאַנעקענס אויף פרוזשינעס. איך וואָלט נאָר וועלן וויסן, וואו שטעקט דאָרט ביי זיי די מאַכינאַציע, וואָס באַוועגט זיי אַלע גלייך? צעבראָכן וואָלט איך עס!...

און ער האָט ביטער געשמייכלט. און אַמאָל האָט ער איר געענטפערט:

—מאַך מיר ניט אַ תל פון מיינע צוקונפטיקע פּאַציענטן און פּאַציענטקעס. דו וועסט מיר דערהרגענען מיין קאַריערע!

און אַן אַנדערש מאָל האָט ער איר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און צו איר ווייך געזאָגט:

— וואָס זאָל מען טאָן, לאָלעטשקאַ? אַזוי זיינען זיי און אַזוי וועלן זיי בלייבן און עס איז ניט אונדזער זאַך. ניט מיר זיינען געקומען זיי איבערצומאַכן, ניט מיר וועלן קאָנען זיי איבערמאַכן און נישט מיר דאַרפן גאָר וועלן איבערמאַכן, כאַפּט זיי דער טייוול.

און מיט אַמאָל האָט דאָקטאָר ראַסקין איר געגומען אַרויסווייזן אַ געוויסע אומצופרידנקייט פאַר איר טאַקטלאָזער באַנעמונג קעגן זיין ברודערס ווייב, העניריעטע.

העניריעטע, אַ הויכע בלאָנדע דאַמע, שטענדיק מיט אַ רויטאיקן און העפלעכן שמייכל, איז אַמאָל געקומען צו זיי אויף אַ באַזוך און יעדעס מאָל האָט זי אין איר שטילן און העפלעכן טאָן, שמייכלענדיק מיט אירע ווייסע ציין, געמאַכט באַמערקונגען לאָלאַן וועגן הויז און וועגן קינד און וועגן לאָלאַס טואַלעט, און אַפילו וועגן דעם עסן. האָבן די דאָזיקע באַמערקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן האַלב אין ענגליש און האַלב אין אַ געבראָכענעם יידיש, און וואָס זיי זיינען אויסן געווען בלויז די „טובה פון דער גרינער שוועגערין״, שטענדיק ממש ווילד געמאַכט לאָלאַן.

און אַמאָל האָבן די דאָזיקע „לעקציעס״ זי אַזוי אַרויסגעבראַכט פון זיך, אַז זי האָט חשק געהאַט אויסצולאַכן איר רייכע אַמעריקאַנער שוועגערין און ווייזן איר, ווי לעכערלעך זי איז און אַז אין פאַרגלייך צו איר, לאָלאַן, איז זי אַ גראָבע, אומוויסנדיקע באַשעפעניש...

און עס האָט טאַקע אויך געטראָפן, אַז אינמיטן אַזאַ „לעק־

ציע" האָט לאָלאַ מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו ריידן מיט יענער רו־סיש אָדער פראַנצויזיש. דעמאָלט האָט די אַמעריקאַנישע שווע־גערין אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן און געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ ווילדער, וואָס האָט גערעדט צו איר אויף עפּעס אַ ווילדן לשון...

און גערעדט האָט צו איר לאָלאַ:

— בלאָנדע קו, ווער פרעגט ביי דיר עצות?

ניט מער!...

די שווערגערין, ניט קיין נאַרישע פרוי, האָט זיך אָנגע־שטויסן, געווויינלעך, פון דעם טאָן, מיט וועלכן לאָלאַ האָט גע־רעדט, אַז די גרינע איז ניט צופרידן געוועזן פון דעם, וואָס זי האָט זיך געמישט אין אירע זאַכן. אַזוי אָבער ווי זי איז בלויז אויסן געוועזן אויסצומענטשלען די גרינע פאַר איר אייגענער טובה וועגן, האָט זי זיך ניט גערעכנט דערמיט, וואָס די גרינע האָט זי אפשר געזידלט אין דער פרעמדער שפּראַך...

און איינמאָל אין אַזאַ מאָמענט האָט זי טאַקע געזאָגט צו לאָלאַן:

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט צו מיר, אפשר זידלט איר מיך: נאָר אויב איר זידלט מיך, וועט איר מיר שפּעטער דאַנקען, ווען איר וועט ניט זיין מער קיין גרינע...

דאָקטאָר ראַסקין האָט זיך דאַמאָלט אַלץ געבעטן ביי לאָ־לאַן:

— טו דאָס צוליב מיר. זיי העפלעכער און פריינטלעכער מיט העגריעטען. איך בעט דיך, לאָלאַ. דיין באַנעמונג מיט איר נעפעלט מיר גאָרניט.

און לאָלאַ האָט געטענהט, אַז זי קאָן ניט פאַרטראָגן די לעקציעס פון אַזאַ קו...

5

איינמאָל, אַז די שוועגערין איז אַוועק אַ באַליידיקטע פון זייער הויז, האָט דאָקטאָר ראַסקין זיך ערנסט צעווערטלט מיט לאָלאַן און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן דערביי, אַז זי האָט באַדאַרפט דאַנקען זיין אַמעריקאַנעם ברודער. ווען ניט ער, וואָלט זי נאָך איצט געהונגערט אין בערן...

האָט לאָלאַ אים אָנגעקוקט און אַרויסגערעדט מיט שפּאָט:

— דו ווילסט זאָגן, אַז דיין אַמעריקאַנעם ברודער דאַרף איך דאַנקען פאַר דעם ברויט, וואָס איך עס? דו ביסט גערעכט!

און זי האָט ניט געוואָלט מער ריידן דערפון און גענומען איר דריי־יאָריק קינד, קיטין, און איז אַוועק שפּאַצירן.

און אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען דאָקטאָר ראַסקין איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געפונען אַזאַ צעטעלע אויפן טיש אינם עס־צימער:

„זע, אַז דאָס מיידל, פאַר וועלכער דיין אַמעריקאַנער ברודער צאָלט, זאָל אויסבאָדן קיטין און איר געבן עסן. איך גיי זוכן עפּעס אַ באַשעפטיקונג".

דאָקטאָר ראַסקין האָט זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט. ער האָט צו־גוט געקענט זיין לאָלאַן און ער האָט געוואוסט, אַז ביי איר איז געווען געזאָגט און געטאָן... און ער האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי אומטאַקטיש נעכטן און האָט געזאָגט לאָלאַן עפּעס, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט זאָגן...

לאָלאַ איז אַוועק זוכן וועלכע ניט־איז באַשעפטיקונג. אַמליבסטן וואָלט זי געגעבן פראַנצויזישע לעקציעס, אָבער אַזעלכע, וואָס זאָלן וועלן זיך לערנען פראַנצויזיש, איז איר שווער געווען צו געפינען, מחמת קיין באַקאַנטשאַפט האָט זי נאָך ניט געהאַט.

האַט גראַד געדאַרפט טרעפן, אַז בעת זי איז געגאַנגען אויף מארקעט סט. יענעם אינדערפרי האָט זי אָנגעטראָפן אַ באַקאַנטן יידישן סאָציאַליסט, נאָך אויך גאָר אַ גרינעם, מיט וועלכן זי האָט זיך געהאַט באַקענט מיט אַ שטיקל צייט צוריק אויף איינער פון די סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען, וואָס זי האָט דאַן באַזוכט מיט דאָקטאָר ראַסקינען. האַט זי זיך מיט יענעם אָפּגעשטעלט און אים דערציילט, אַז זי האָט געזוכט וועלכע ניט־איז אַרבעט, צי אין אַ פאַבריק, צי ערגעץ־וואו אַנדערש, אַבי ניט אַרומצוגיין ליידיק. האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט געזען ערגעץ אַרום סאַאוט און פינפטער סטריט אַן אַרויסגעהאַנגענע שילד וועגן דעם, אַז מען פאַרלאַנגט אַרבעטער און לערנער צו פרויען־קליידער. אויב זי וויל, זאָל זי צוגיין אַהין.

איז לאַלאַ אַוועק אַהין. אין אַ ווײַלע שפּעטער איז זי צו־געקומען צו אַן אַלטן חושכדיקן בנין מיט אַ פינצטערן אַרייַנ־גאַנג, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקטער הו־זשען און זשוזשען, אַ זשוזשען ווי איר האָט זיך געדאַכט, אויך אַ פינצטערער...

אין דרויסן, ביים אַרייַנגאַנג, האָט זי דערזען דעם שילד, פון וועלכן יענער באַקאַנטער סאָציאַליסט האָט איר געזאָגט. איז זי אַריין אינעווייניק. דעם ערשטן מאָל אין איר לעבן איז זי איצט געווען אין אַ פאַבריק. און גראַד איז דאָס געווען איינער פון די אַלטע שעפּער,כמעט נאָך אַן אַמאַליקער „סוועט־שאַפּ”, וואו די לופט האָט געשטיקט און וואו מען האָט געאַר־בעט פאַר לעמפּלעך אינמיטן העלן טאָג. (אַזוי פינצטער איז דאָרט געווען פון די אַרומיקע בנינים, וואָס האָבן פאַרשטעלט די פענצטער).

אַ ייד איז צו איר צוגעגאַנגען, דער באַלעבאָס פונם שאַפּ, מיסטער שאַצקי. ער האָט אויסגעזען מיט זיין צעפּאַטלטן בערדל און מיט זיין איינגעבויגענעם אַקסל, ווי ער וואָלט ערשט נאָר־וואָס פון שיף אַראָפּ.

און עס האָט ניט לאַנג גענומען און זי האָט אָפּגעמאַכט מיט אַט דעם יידן, אַז ער זאָל זי אַריינגעמען צו אים אין שאַפּ און זאָל זי אויסלערנען די מלאכה פון אַרבעטן ביי דער מאַשין. דערפאַר האָט זי געדאַרפט אַרבעטן ביי אים אין שאַפּ צוויי וואָכן אומזיסט.

אינדערהיים ביי איר האָט דאָקטאָר ראַסקין זיך קוים דערוואַרט אויף איר. און אַז זי איז געקומען אויף דער נאַכט פון דער אַרבעט, איז ער געקראָכן פון דער הויט זי איבערצובעטן, האָט זיך פאַרענטפערט פאַר איר פאַר זיין באַמערקונג וועגן דעם, אַז זי דאַרף דאַנקען זיין ברודער, און ער האָט געטענהט, אַז זי דאַרף ניט קוקן אַזוי אויף דעם, ווייל ביז אַ גראָשן וועט ער צוריקקערן זיין ברודער, ווען ער, דאָקטאָר ראַסקין, וועט אָנהויבן אַליין שפּעטער צו פאַרדינען געלט. זי אָבער, לאָלאַ, האָט אויף אַלע זיינע טענות געענטפערט:

— פאַר מיין ברויט, וואָס איך עס, וויל איך קיינעם ניט שולדיק זיין, אַפילו דיר, סאַשאַ, אויך ניט, בפרט נאָך דיין ברודער מיט זיין בלאָנדער קו. און ווען איך וועל אַליין פאַרדינען, וועל איך האָבן אויך אַ רעכט ניט צו וועלן אויסהערן די קלוגע „לעקציעס” פון דיין שוועגערין, אַניט, מיינסטו, אַז איך דאַרף און איך מוז זיי אויסהערן.

און צום סוף האָט ער זי אַרומגענומען:

— אָבער אין כעס ביסטו ניט מער אויף מיר, לאָלעטשקאַ?...

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיט אירע צוויי שוואַרצע צעפּ.

—ניין, פאַרקערט, סאַשאַ. איך בין צופרידן, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. זיצן און וואַרטן ביז וואַנען דו וועסט אַ רעכט האָבן צו פּראַקטיצירן און ביז וואַנען דו וועסט אָנהויבן צו פאַרדינען און דערוויילע זיין אָנגעוויזן אויף אַנדערע, פרעמדע, מעגן זיי זיין אַפילו דיינע קרובים, — ניין, אויב

מען איז אַליין ניט קיין פיזישער, אָדער גייסטיקער קריפּל!...

— מיין בראַווע, מיין ליבע לאָלעטשקאַ! — האָט ער וואַרעם אַרויסגערעדט.

ער האָט נאָר זי געבעטן, אַז זי זאָל ניט דערציילן וועגן דעם, אַז זי אַרבעט אין אַ שאַפּ, זיין ברודער, מחמת אים וועט עס זיכער ניט אָנשטיין, אַז זיין שוועגערין זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ. אַחוץ דעם, איז דאָס אינגאַנצן קעגן זיין ברודערס פּלאַן, ווי אַזוי צו העלפן אים, דאָקטאָר ראַסקינען, אין זיין קאַריערע...

און אים, דאָקטאָר ראַסקינען, האָט גענומען אַ היבשע צייט ביז ער האָט, צום סוף, געפּועלט ביי לאָלאַן, אַז זי זאָל האַלטן בסוד פון איר שוואָגער, אַז זי איז געוואָרן אַ „שאַפּ־אַרבעטאָרין"....

און יעדן אינדערפרי איז זי אויפגעשטאַנען און איז אַוועק צו דער אַרבעטאון האָט זיך צוריקגעקערט פאַרנאַכט אַהיים אַ מידע. נאָכדעם האָט זי זיך געשפּילט מיטן קינד, ביז עס איז אַוועק שלאָפן. און ערשט דערנאָך האָט זי ביז שפּעט אינדערנאַכט זיך געלערנט ענגליש. קיין אַנדער בוך, אַחוץ אַן ענגלישן, האָט זי איצט אין די הענט ניט אַריינגענומען, און אין קיין אַנדער צייטונג, אַחוץ אַן ענגלישער, האָט זי ניט אַריינגעקוקט.

און אַמאָל איז זי ביינאַכט געלאָפן מיט איר מאַן צו אַ לעקציע, אויך צו אַן ענגלישער, און צוליב דער ענגלישער שפּראַך איז זי מיט דאָקטאָר ראַסקין אַמאָל אפילו געגאַנגען אין דער קירך, וואָס האָט זיך געפונען אין דער געגנט, וואו זיי האָבן געוואוינט.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. אַרבעטנדיק אין דעם דאָזיקן שאַפּ, האָט לאָלאַ זיך צום ערשטן מאָל אין איר לעבן באַקענט מיט דער לאַגע פון די אַרבעטער ניט פון ביכער און ניט פון פאַרזאַמלונגען. אַ שרעקלעכע לאַגע איז דאָס געווען. די אַרבעטער, וואָס האָבן מיט איר אין שאַפּ געאַרבעט, כמעט אַלע

נאָך גרינגע יידן, ניט קיין יוניאָן־לייט, זיינען אויף אַ מוראדיקן אופן עקספּלואַטירט געוואָרן. זיי האָבן געאַרבעט לענגערע שטונדן, ווי אין די אַנדערע שעפּער, און באַקומען אַ סך ווייניקער באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, ווי ערגעץ־וואו אַנדערש. און זיי האָבן אַפילו בייטאָג געאַרבעט פאַרן ליכט פון גאַז־לעמפּלעך, אַזוי טונקל איז דאָרט געווען. אַחוץ דעם, איז קיינער פון אָט די אַרבעטער ניט געווען זיכער מיט זייער פּלאַץ, מחמת צו יעדער מינוט האָט מיסטער שאַצקי געקאָנט אָפּזאָגן יעדן איינציקן פון זיי, ווען נאָר ער האָט געוואָלט...

און מיט ווייטיק האָט לאָלאַ צוגעזען, ווי די דאָזיקע יידי־שע אַרבעטער האָבן געבויגן זייערע רוקנס פאַר מיסטער שאַצקי און ווי זיי האָבן אים געחנפט מעשה שקלאַפן... און דעמאָלט האָט זי געטראַכט, אַז דער אמתער פּלאַץ, וואו רעוואָלוציאָנערע אַרבעט קאָן, דאַרף און מוז געטאָן ווערן, איז אַזאַ שאָפּ. אויפ־קלערן אָט די דערשלאָגענע און באַרויבטע יידישע אַרבעטער, אָנווייזן זיי, ווי זיי ווערן עקספּלואַטירט, און אָרגאַניזירן זיי צום קאַמף פאַר זייערע אינטערעסן דאַרף זי...

און צו איר מאַן אינדערהיים האָט זי דעמאָלט אַמאָל גע־רעדט:

— סאַשאַ, איך האָב איצט אַרבעט, ניט קיין טעאָרעטישע, ווי ביז אַהער, נאָר לעבעדיקע. די אַרבעטער פון מיין שאָפּ מוז איך אויפקלערן, העלפן...

ער, דאָקטאָר ראַסקין, האָט דעמאָלט אָנגעקוואָלן פון איר, און איר מקנא געווען. און כמעט שטענדיק האָט זי פון אים דעמאָלט געהערט:

— הלוואי, לאָלאַ, קאָן איך אויך זיין אַזוי צופרידן, ווי דו. אַזאַ אַרבעט וואָלט איך אויך וועלן טאָן.

און ווען לאָלאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַדרבא, סאַשאַ, פאַרוואָס ניט? טו!

ער האָט אָבער אַ פייר געטאָן מיט די הענט און געענטפערט:

— גיי, טו, אַז מען פילט זיך אַ ביסעלע געפּעגטעט...

האָט לאָלאַ זיך דעמאָלט צעהיצט:

— דו, סאַשאַ, זאָלסט זיך ניט פילן געפּעגטעט. אויפן ערגסטן פאַל וועל איך אַרבעטן און וועל פאַרדינען פאַר אונדז ביידן, ביז דו וועסט איבערקומען די עקזאַמענס...

— אַ דאַנק, לאָלעטשקאַ, אַ דאַנק! — האָט ער געמורמלט צעטראָגן — אָבער זיי רואיק, אַזוי געפּעגטעט, ווי דו מיינסט, וועל איך קיינמאָל ניט זיין.

אָבער באמת האָט ער שוין דעמאָלט, ווען ער האָט אַזוי גערעדט, געפילט, ווי געפּעגטעט ער איז געווען. ער איז צוויי מאָל געווען געפּעגטעט, סיי פון זיין רעוואָלוציאָנערער פאַר־גאַנגענהייט און סיי פון זיין „היינט”, וואָס מיט אים האָט ער זיך געמוזט רעכענען, אויב ער האָט געוואָלט ווי עס איז זיך איינאָרדענען אין אַמעריקע. און שוין דעמאָלט האָט ער אָנגע־הויבן צו מאַכן, אמת נאָך קעגן זיין ווילן, קאָמפּראָמיסן אין זיי־נע רייד און אין זיין באַנעמונג מיט זיין ברודער און מיט זיין ברודערס פריינט, אויב נאָר לאָלאַ איז ניט געווען דערביי. וואָ־רים דעמאָלט האָט ער זיך נאָך געהיט פאַר איר מיט זיינע מיי־נונגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שמעקן מיט קאָמפּראָמיסן; זי, לאָלאַ, איז נאָך דעמאָלט געווען זיין „רעוואָלוציאָנערער גע־וויסן”...

קורץ, אין יענער צייט האָט ער בגנבה פון לאָלאַן זיך אָנ־געהויבן צוצופּאַסן צו דעם היגן לעבן. פריער אין די געדאַנקען, באַכדעם אין זיינע רייד און האַלטונג מיט מענטשן, וואָס ער האָט גערעכנט, אַז זיי קאָנען אים צונוץ קומען. ער האָט זיך אָנגעהויבן היטן צו זאָגן, אָדער צו טאָן דאָס, וואָס עס האָט זיך אים ניט געלוינט. און ער האָט נאָך מער רעאַגירט, איידער פריער, אויף לאָלאַס האַלטונג מיט זיין ברודער און מיט זיין שוועגערין.

אַוודאי איז דאָס אים איצט אויך ניט גרינג אָנגעקומען. ס׳רוב

האָט אים געפּייניקט דער געדאַנק וועגן דעם, אַז ער לאָזט זיך אויספּרעסן פון דער אַמעריקאַנער פּראַקטישקייט, פון דעם אַמע־ריקאַנער „גרויסן מאָגן". האָט ער זיך אָבער דען געקאָנט העלפן? סיידן ער זאָל ניט טראַכטן דאָ זיך איינאָרדענען און אַוועק־פאָרן צוריק קיין שווייצאַריע. דאָס אָבער וואָלט ער ניט געטאָן. ער וואָלט עס ניט געטאָן שוין צוליב זיין קינד אַליין. און טאַ־קע די באַקוועמלעכקייטן און דער קאָמפאָרט, וואָס ער האָט געהאַט דאָ ביי זיך אינדערהיים נאָך די אַלע יאָרן פון נויט און אַמאָל הונגער אין שווייצאַריע — האָט מען אויך ניט גע־קאָנט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט!

האָט ער, הייסט עס, אין יענער צייט, זיך שוין גענומען צופּאַסן צום היגן לעבן, אָבער נאָך ניט דרייסט, און מיט אַ שווערן האַרצן, און בסוד פון לאַלאַן.

דערווייל האָט דער רייכער ברודער זיינער, מיסטער לעאָ ראַסקין, זיך דערוואוסט, אַז זיין שוועגערין לאַלאַ, זי, דאָס ווייב פון דעם צוקונפטיקן גרויסן דאָקטאָר פון אייראָפּע, פון דאָקטאָר ראַסקין, איז געוואָרן אַ שאַפּ־האַנט...

ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם אויף אַזאַ אופן: צו־פעליק האָט דער שאַפּ, וואו לאַלאַ האָט געאַרבעט, און וואו זי האָט שוין צוויי וואָכן פאַרדינט צו זעקס דאָלאַר אַ וואָך, גע־אַרבעט פאַר דער פירמע „ראַסקין ענד קאָמפּאַניע" — דאָס הייסט, פאַר זיין פירמע. און עס האָט פּאַסירט, אַז ווען ער, לעאָ ראַסקין, איז געווען אין יענער געגנט, וואו עס האָט זיך געפונען אָט דער שאַפּ, וואו לאַלאַ האָט געאַרבעט, איז ער אַריינגעגאַנגען אַהין וועגן עפּעס אַ נייעם אָרדער. קיין סך „הענט" האָבן דאָרט ניט געאַרבעט, אַרום אַ פּאָר טוצן איינגאַנצן. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שאַפּ, איז מיסטער שאַצקי גראָד דעמאָלט געווען פאַרנומען ביי די מאַשינען. האָט מיסטער ראַסקין געוואַרט אויף אים. דערווייל האָט ער באַטראַכט דעם שאַפּ אַרום זיך. מיט אַמאָל — אַ באַקאַנטער פּנים... ער האָט

די אויגן אויסגעגלאָצט. וואָס איז דאָס?... אַזוי ענלעך אויף זיין שיינער שוועגערין... ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז זי...

זי האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף אים פון איר מאַשין, איז ער נאָך מער צעמישט געוואָרן. אירע אויגן, זי...

וואָס טוט זיך דאָ? איז זי משוגע געוואָרן? איז זיין ברודער דאָרט משוגע געוואָרן?

דערווייל איז צוגעגאַנגען צו אים מיסטער שאַצקי, און גלייך האָט מיסטער ראַסקין ביי אים אַ פרעג געטאָן מיט פאַר־שטיקטער אויפרעגונג:

— זאָגט מיר, ווער איז אָט יענע, די טונקעלע, מיט די שוואַרצע אויגן? איך האָב זי דאָ, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט באַמערקט?

— אָ, איר מיינט דאָס גרינגע ווייבל? זי אַרבעט דאָ שוין עטלעכע וואָכן. איך האָב זי אַריינגענומען און אויסגעלערנט די אַרבעט.

— ווי הייסט זי? וואָס איז איר נאָמען?

— מיס ראַטנאָוו, צי ראַטנער, עפּעס אַזאַ נאָמען...

ראַסקין האָט אַ טראַכט געטאָן:

„זי האָט זיך געשעמט איר אמתן נאָמען אָנצוגעבן. אַ דאַנק איר כאָטש דערפאַר!"...

און פאַרנאַכט, ווען לאָלאַ איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט זי דערציילט איר מאַן, אַז זי האָט היינט געזען אין איר שאַפּ זיין רייכן ברודער.

איר מאַן האָט אָבער באַמערקט, אַז מסתמא האָט עס זיך איר אויסגעוויזן. זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אפשר... מיר אָבער זאָגט דאָס האַרץ, אַז ער וועט דיר שוין לאָזן וויסן וועגן דעם.

און אַזוי איז טאַקע געווען: נאָך דעם זעלביקן אויפדער־נאַכט איז צו זיי געקומען דער רייכער ברודער.

לאָלאַ איז דעמאָלט געזעסןביים טיש און האָט געהאַלטן פאַר אירע אויגן אַן ענגלישע צייטונג און דערביי איז אויך געלעגן אַן ענגלישער ווערטערבוך.

— וואָס מאַכט מיין ליבע שוועגערין ? — איז דער רייכער שוואָגער צוגעגאַנגען צו איר, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַגריסט מיטן ברודער.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון דער צייטונג:

— אָ, העלאָ!

— העלאָ! העלאָ! — האָט ער געענטפערט גוטמוטיק, און אַריינגענומען איר האַנט אין זיינער — ווי איך זע, לערנען מיר זיך פלייסיק ענגליש — האָט ער גוטמוטיק גערעדט ווייטער — פיין, דאָס איז גוט, לאָלאַ!...

— רעדט צו מיר ענגליש, — האָט זי זיך אָנגערופן, און געקוקט צו אים מיט אַ שמייכל.

— מיט פאַרגעניגן. וועט איר אָבער פאַרשטיין אַלצדינג, וואָס איך וועל אייך זאָגן ?

— איך וועל זיך באַמיען. סיי־ווי וויל איך זען, אויב איך וועל אייך קענען פאַרשטיין.

האָט ער דאַן אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיינער, און האָט אַ פרעג געטאָן אין ענגליש רואיק און מיט אַ ליבנסווירדיקן שמייכל:

— ווי קומט אָט די שיינע האַנט צו זיין אַ „שאַפּ־האַנט” ?...

לאָלאַ, נישט אָוועקנעמענדיק איר האַנט פון זיינער, האָט זיך צעלאַכט.

— אָ, דאָס מיינט איר ? — האָט זי געזאָגט, און זי האָט פאַרענדיקט ווי געוויינלעך אין רוסיש — איר דאַרפט זיך גאָרנישט שעמען מיט קיין „שאַפּ־האַנט”, ליבער שוואָגער, איר האָט גאָרנישט ניט צוגעלייגט צו די שאַפּ־הענט !...

דאָקטאָר ראַסקין, אַז ער האָט עס דערהערט, איז תיכף צוגעגאַנגען צו איר אַ נערוועזער מיט די ווערטער:

— לאָלעטשקאַ, לאָלעטשקאַ, לאָז איצט צורו וועגן אָט די ענינים!...

זי האָט אים געענטפערט שפּאָטיש:

— אָבער, סאַשענקאַ, ווי עס ווייזט אויס, אינטערעסירט דער ענין „שאַפּ־האַנט" דיין ברודער זייער שטאַרק...

דער רייכער ברודער האָט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זיי־נער און באַמערקט מיט דער זעלביקער רואיקייט ווי פריער:

— לאָלאַ, איך וואָלט וועלן ריידן מיט אייך ערנסט. זאָגט מיר, וואָס אייגנטלעך צווינגט אייך צו גיין אין אַזאַ פאַרשטיקטן שאַפּ אַרבעטן אויף אַ מאַשין פאַר זעקס דאָלאַר אַ וואָך?

— איך וועל זיך איינאַיבן מער אין דער אַרבעט, וועל איך מער פאַרדינען, — האָט זי געזאָגט.

— אָבער לאָלאַ, איר ענטפערט מיר אויף מיין פראַגע. הלמאי זאָלט איר אינגאַנצן גיין אַרבעטן? וואָס צווינגט אייך דערצו?

— וואָס הייסט, וואָס צווינגט מיך דערצו? איך בין אין אַ לאַנד, וואו אַלע אַרבעטן און וואו יעדער איינער קאָן פאַרדינען זיין ברויט. אויב ער האָט נאָר רעספּעקט פאַר זיך אַליין און וויל ניט זיין אָנגעוויזן אויף קיינעם. איך האָב אָנגעהויבן צו פילן, אַז איך בין מיט מיין עקזיסטענץ אָנגעוויזן אויף עמיצן און איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין....

— וואָס מיינט איר, אַז איר זייט אָנגעוויזן מיט אייער עקזיסטענץ אויף עמיצן? אויף וועמען זייט איר אָנגעוויזן?

— אויף אייך, אויף מיין מאַן. איך וויל אויף קיינעם ניט זיין אָנגעוויזן.

דער רייכער ברודער האָט גוטמוטיק אַ לאַך געטאָן:

— איר זייט צו־יונג, אַ קינד נאָך, מיט קינדערשע קאַ־פּריזן און איינפאַלן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איר זייט אַ

„פי־אייטש־די״ — האָט ער געזאָגט — איר וועט עלטער ווערן, ליבע, שיינע שוועגערין מיינע — האָט ער גערעדט ווייטער מיט וואַרימקייט אין זיין טאָן — איר וועט דאָ אָפּזיין עטלע־כע יאָר, און איר וועט זיך באַקענען מער מיט מענטשן און מיטן לעבן, וועלן שוין אייערע קאַפּריזן דעמאָלט זיין גאַנץ אַנדערע, איך פאַרזיכער אייך.

—ניין! — האָט לאָלאָ געענטפערט מיט זיכערקייט אין איר קול — אויב איר מיינט אַזוי, קענט איר מיך ניט. איין זאַך קען איך אייך פאַרזיכערן, ליבער שוואָגער, אַז אַזאַ לידי, וואָס זאָל געפעלן ווערן אייערע קרייזן, וועל איך קיינ־מאָל ניט זיין....

— איך וואָלט עס באַדויערט פון גאַנצן האַרצן, ווען איך וואָלט אויך אַזוי געדענקט. אָבער איך דענק ניט אַזוי. איך בין עלטער פון אייך. איך האָב מער דערפאַרונג מיטן לעבן און מיט מענטשן איידער איר, קינד. דער פאַקט אַליין, לאָלאָ, וואָס איר האָט ניט אָנגעגעבן אייער נאָמען אין שאַפּ, באַווייזט, אַז איר האָט געפילט, אַז דאָקטאָר ראַסקינס ווייב און מיין שוועגערין געהערט דאָרט ניט.

לאָלאָ האָט אים איבערראַשט אָנגעקוקט.

— אַנטשולדיקט — האָט זי דערנאָך אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכל — פאַרוואָס מיינט איר עפּעס, אַז איך האָב דאָרט דערפאַר ניט אָנגעגעבן מיין אמתן נאָמען, ווייל איך האָלט, אַז איך באַלאַנג דאָרט ניט? איר האָט אַ טעות. דווקא האָב איך דאָרט אָנגעגעבן מיין אמתן נאָמען. ראַטנאָוו איז מיין אייגענער נאָמען, און מיט אָט דעם נאָמען האָב איך זיך קיינמאָל ניט געשעמט...

און זי האָט צוגעלייגט שפּאָטיש:

— אפשר וועלן די ראַסקינס זיך אַמאָל שעמען מיט אים, אָבער איך ניט!...

האָט דער רייכער ברודער געפּרוואווט ווירקן אויף איר

מיט אַנדערע אַרגומענטן, אַז זי זאָל אויפגעבן די אַרבעט אין שאָפּ: זי איז אַ מאַמע, זי האָט פליכטן צו איר קינד. זי טאָר עס ניט איבערלאָזן אינגאַנצן אויף פרעמדע הענט. זי איז אַ ווייב פון אַ מאַן אַ דאָקטאָר, וואָס מוז זיך דאָ פאַרשאַפן אַ פּראַקטיק. דאָס ווענדט זיך אַ סך פון באַקאַנטשאַפטן פון דעם קרייז, אין וועלכן מען פאַרקערט. זי, מיט איר שיינקייט, מיט איר בילדונג, מיט איר שפּראַכן־קענטשאַפט, איז ווי געשאַפן צו העלפן מאַכן אַ קאַריערע איר מאַן דעם דאָקטאָר. ביז יענער צייט איז ער גרייט זיי צו שטיצן מיט געלט און זי דאַרף זיך וועגן קיין זאַך ניט זאָרגן...

אָבער אויף די דאָזיקע אַלע אַרגומענטן האָט לאָלאַ גע־ענטפערט אַזוי איר שוואָגער, אַז די אויגן ביי אים אונטער די דיקע, שוואַרצגעפאַרבטע ברעמען האָבן זיך געצונדן און דער פּנים האָט ביי אים געפלאַמט.

— וואָס איז שייך אַ מאַמע, ליבער שוואָגער, — האָט זי גערעדט, — קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז איך וועל זיין ניט קיין ערגערע, ווי די אַלע מאַמעס פון אייערע קרייזן. און וואָס איז שייך צו די פליכטן צו מיין מאַן, בין איך ניט קיין קאַריע־ריסטקע, און ער, אייער ברודער, איז אויך ניט קיין קאַריעריסט, ווי איר מיינט...

דאָקטאָר ראַסקין, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן און גע־היט זיך פון אַריינמישן, כדי צו פאַרמיידן אַ צו־שאַרפע סצענע, בעת זיין ברודער איז געווען דערביי, האָט מער זיך ניט געקאָנט באַהערשן און האָט זיך אַריינגעמישט:

— אָבער, לאָלאַ...

לאָלאַ האָט אים ניט געלאָזט ווייטער רעדן. זי האָט זיך נאָך מער צעהיצט:

— יאָ, סאַשאַ, דו ביסט ניט קיין קאַריעריסט, ווי דיין ברודער מיינט. ווען דו זאָלסט עס זיין, וואָלט איך קיין איין טאָג מיט דיר ניט פאַרבליבן. און וואָס איז שייך — האָט זי

זיך ווידער אַ קער געטאָן צו איר שוואָגער — אייער שטיצע ביז ער וועט האָבן אַ רעכט צו פּראַקטיצירן, שטיצט אים און נישט מיך. איך וויל אַליין פּאַרדינען אויף זיך. און ער וועט אייך אויך שפּעטער צוריקגעבן אייער געלט !...

דער רייכער ברודער האָט אַ צי געטאָן די ברייטע אַקס־לען. ער האָט מיט אַלע קרעפטן געזוכט צו באַהערשן זיין אויפרעגונג, האָט אָבער ניט געקאָנט, און, קוקנדיק איר גלייך אין פּנים אַריין מיט זיינע אויפגערעגטע אויגן, האָט ער אַרויס־געדעדט מיט אַ ציטערדיקן קול:

— יאָ, מיין ווייב איז גערעכט. עס איז שווער אויסצו־קומען מיט אַן אַנאַרכיסטקע...

האָט לאָלאַ זיך צעלאַכט.

— אַנאַרכיסטקע? איך? וואָס פאַלט אייך איין? אָ, נייך, איר האָט ווידער ניט געטראָפן !...

שפּעטער אַ ווײַלע איז דער רייכער ברודער אַריין מיט איר מאַן אין אַ צווייטן צימער און זיי זיינען דאָרט אַ שטיק צייט פאַרבליבן, און לאָלאַ האָט זיך ווידער אָוועקגעזעצט ביים טיש איבער דער ענגלישער צייטונג און איבער דעם ענגלישן ווערטער־בוך.

נאָכדעם זיינען די ברידער ווידער אַריינגעקומען אין דעם צימער, וואו זי איז געזעסן, און דער רייכער ברודער איז צו־געגאַנגען צו איר ווידער אַ רואיקער און אַ פריינטלעכער, און ער האָט זיך אָנגערופן צו איר גוטמוטיק:

— ווילן מיר זיך זעגענען פריינטלעך מיט דעם קאַפּי־טאַליסט?

זי האָט גראַציעז צו אים אויסגעשטרעקט איר קליין הענטל און געענטפערט:

— אָ, געוויס. גוטע נאַכט !...

ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער און האָט זי צו־געהאַלטן. נאָכדעם האָט ער פּלוצים געזאָגט:

— גוט, לאָלאַ. איך וועל אייך מאַכן אַן אַנדער פאָרשלאָג. קומט אַרבעטן צו מיר אין שאַפּ. ביי מיר וועט איר האָבן בעסערע אַרבעט. איר וועט אַרבעטן אין אַ ליכטיקן, ריינעם פּלאַץ און איר וועט פאַרדינען מער.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אירע קאָכעדיקע אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— און אונטער וועלכן נאָמען זאָל איך קומען צו אייך אַרבעטן?

— אונטער וועלכן איר ווילט.

— איז ביי אייך אַ יוניאָן־שאַפּ?

— אָ, דאָס ניט. קעגן דעם האָב איך אַלע מיינע יאָרן געקעמפט.

— און איך קאָן נאָר אַרבעטן אין אַ יוניאָן־שאַפּ.

— וואָס הייסט? דער שאַפּ וואו איר אַרבעט איצט, איז דאָך אויך ניט קיין יוניאָן־שאַפּ. איר אַרבעט דאָך ביי מיינעם אַ קאָנטראַקטאָר — האָט דער רייכער שוואָגער זיך אָנגערופן.

— יענער שאַפּ, וואו איך אַרבעט, וועט גאָר אין גיכן זיין אַ יוניאָן־שאַפּ. עס ווערט שוין עפּעס געטאָן וועגן דעם. און ווען איך זאָל ביי אייך אַרבעטן, וועט אייער שאַפּ אויך מוזן ווערן אַ יוניאָן־שאַפּ. איך פאַרזיכער אייך.

— אַזוי? — האָט דער רייכער ברודער געזאָגט, און ער האָט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זיינער. נאָכדעם האָט ער אַ ציי געטאָן די ברייטע אַקסלען און אַרויסגעמורמלט מער צו זיך אַליין:

— אַרויסגעוואָרפענע רייד. משוגע! געקומען אַהער פון אייראָפּע מיט אַ פולן קאָפּ מיט סם!...

און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו זיין ברודער און אַ זאָג געטאָן מיט כעס: „גוטע נאַכט!"

און ער איז אַוועק.

דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל, וואָס דער אַמעריקאַנער רייכער ברודער איז אַוועק פון זיי מיט כעס.

דאָקטאָר ראַסקין איז נאָכדעם צוגעגאַנגען אַ נערוועזער צו אַ פענצטער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן רוקן צו לאָלאַן. ער האָט גענומען נערוועז פייפן.

לאָלאַ איז צו אים צוגעגאַנגען.

— העי, העי, סאַשאַ, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעפייפט? זיי ניט אַזוי נערוועז! — האָט זי געזאָגט אַ ביסעלע שפּאָטיש.

ער האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט צו איר און אַרויסגערעדט נערוועז און אומצופרידן:

—דו ביסט אַ שלעכטע, לאָלאַ. איך האָב דיך אַזוי פיל מאָל געבעטן צו זיין אַ ביסל טאַקטישער. דו שטעלסט דאָך מיך אַוועק אין אַ לאַגע, אַז איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. דו רעדסט אַזוי, און דו האַנדלסט אַזוי, אַז מיר קומט אויס אָדער זיך צו קריגן מיט דיר, אָדער מיט מיין ברודער. גאָט מיינער, דו מוזט דאָך אַ טראַכט טאָן וועגן מיר אויך!

ביי לאָלאַן האָט זיך דאָס פּנים אָנגעצונדן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט וועלן וויסן, סאַשאַ, איין מאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר: וואָס אייגנטלעך ווילסטו פון מיר? איך פרעג ניט, וואָס די אַנדערע פון דיין משפּחה ווילן פון מיר — מיט יענע געהער איך זיך גאָר ניט אָן — אָבער דו דאַרפסט מיר זאָגן, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר און וואָס דערוואַרטסטו פון מיר?

— קיין זאַך ניט, וואָס זאָל זיין קעגן דיין געוויסן. איך וויל פון דיר דאָס אייגענע, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט פון דיר געוואָלט: צו געדענקען, אַז זיי זיינען מיר נאָענטע מענטשן, מעג אַפילו זייער וועלט־אַנשויאונג מיר זיין פרעמד; און אַז זיי האָבן ניט מיר און ניט דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן. מוזטו דען מיט זיי דיסקוסירן און פילאָזאָפירן? פאַרוואָס טוסטו עס, לאָלאַ, איך האָב דיר אַזוי פיל מאָל געבעטן!...

— איך קען ניט שווייגן, ווען ער פאַרטשעפּעט מיינע איבערצייגונגען. דאָס האָסטו זיך אויסגעלערנט צו שווייגן. איך האָב עס שוין לאַנג באַמערקט, סאַשאַ! — האָט זי אים פאַר־געוואָרפן.

ער האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן.

— יאָ, דו האָסט עס באַמערקט, הא? איך ווער דאָ פּראַק־טיש, הא? שנייד זיך אויף דעם וועג צו מאַכן אַ קאַריערע, הא? שעם זיך, לאָלאַ, אַזוי צו רעדן וועגן מיר! איך בין נאָך איצט מער רעוואָלוציאָנער ווי דו רעוואָלוציאָנערקע! — האָט ער געזאָגט מיט אָפענער ביטערקייט אין זיין טאָן.

—איך האָף אַזוי, סאַשאַ — האָט זי אים איבערגע־שלאָגן.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַ ווײַלע דאָרט געשטאַנען און האָט אַרויסגע־קוקט פאַרטראַכט אין דרויסן. נאָכדעם איז ער זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר לאָלאַן און געזאָגט:

— יאָ, לאָלאַ, איך בין ניט ווייניקער רעוואָלוציאָנער ווי דו, אָבער ניט אַזוי משוגע ווי דו. איך וויל נאָר פּאַרטיק ווערן מיטן עקזאַמען, איך וועל זיך נאָר פאַרשאַפן אַ ביסל פּראַק־טיק און נאָכדעם וועלן מיר קאָנען לעבן אַזוי ווי מיר וועלן אַליין וועלן. דו שטערסט מיר אָבער. פאַרוואָס טוסטו דאָס, לאָלאַ?

זי האָט אים אָנגעקוקט אומגעדולדיק.

— ווידער איך שטער אים! ווער שטערט דיר? וואָס מיינסטו, איך שטער דיר?

— אַזוי ווי דו וואָלסט געזוכט מיך צו צערייסן מיט מיין משפחה. דו דאַרפסט ניט באַליידיקן מיין ברודער, ער האָט עס ביי אונדז ניט פאַרדינט!

— סאַשאַ, זאָלן מיר בעסער דערפון ניט רעדן. ער איז

דיין ברודער, זיין ווייב איז דיין שוועגעריןְ, עס לוינט זיך דיר ניט צו רעדן מיט מיר וועגן זיי, ווייל איך האָב וועגן זיי מיין אייגענע מיינונג, וואָס דו וועסט ביי מיר ניט ענדערן. איין זאַך זאָג איך דיר: ווען זיי מיך צורו לאָזן, וועל איך זיי אויך צורו לאָזן; אויב ניט, וועל איך זיך גאַרניט צערעמאָניען מיט זיי!...

און, ווי געוויינלעך, האָט זיך אָט די סצענע דעמאָלט צווישן זיי געענדיקט אויפן בעסטן און פריינטלעכסטן אופן, מחמת זיי האָבן איינער דעם אַנדערן שטאַרק ליב געהאַט.

אָבער שפּעטער, ווען זי איז געלעגן אויף דער סאָפע און ער איז געזעסן לעבן איר און האָט זיך געשפּילט מיט אירע צוויי לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו איר:

— ווען לאָלעטשקאַ וואָלט מיר געוואָלט צוליב טאָן, וואָלט איך זי עפּעס געבעטן...

— וואָס ווילסטו, סאַשאַ? — האָט זי געפרעגט מיט ליבע אינם קול.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר.

— וועסט דאָס טאָן, לאָלעטשקאַ? דאָס וועט גאַרניט זיין קעגן דיין רעוואָלוציאָנערן געוויסן, אויב דו וועסט עס טאָן.

— וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן, סאַשאַ?

ער האָט אַ לאַך געטאָן און גלעטנדיק איר מיט ביידע הענט די באַקן, האָט ער געזאָגט:

— וועסטו מיך נישט רופן דערפאַר רענעגאַט און פאַר־רעטער?...

— רייד, וואָס ווילסטו? — האָט זי אַ געשריי געטאָן מעשה צעבאַלעוועט קינד.

— גיי מער ניט אַרבעטן אין שאַפּ. גיב נאָך לעאָן, לאָלעטשקאַ. ער טענהט, אַז דאָס קאָן מיר שפּעטער שאַדן

ווען איך וועל אָנהויבן צו פּראַקטיצירן. גוט, זאָל זיין, אַז דאָס וויל ער, ווייל אים שטייט ניט אָן, וואָס זיין שוועגערין איז אַ שאַפּ־האַנט, — גיב אים נאָך! וואָס אַרט דיר? דערמיט וועסטו ניט באַגיין קיין שום זינד קעגן דיין רעוואָלוציאָנערן געוויסן.

לאָלאַ האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך און זיך אויפגעזעצט אויף דער סאָפע און געענטפערט מיט אַנטשלאָסנקייט אינם קול:

— ניט דו און ניט דיין ברודער וועלן דאָס פועלן ביי מיר. מיר שטייט גאַנץ גוט אָן צו זיין אַ שאַפּ־האַנט; איך שעם זיך גאָרניט דערמיט. איך שעם זיך אָבער, וואָס דו האָסט עס מיר אָנגעבאָטן צו טאָן... גיי, רעד נישט מער צו מיר — האָט זי אַ ברוגזע זיך אויפגעהויבן פון דעם אָרט.

אָבער דאָקטאָר ראַסקין האָט זי ניט געלאָזט זיין ברוגז, און איידער זיי זיינען אַוועק שלאָפן, האָבן זיי זיך איבערגעבעטן...

6

אַ צוויי וואָכן שפּעטער האָט אין דעם שאַפּ, וואו לאָלאַ האָט געאַרבעט, אויסגעבראָכן אַ סטרייק, דער ערשטער סטרייק אין אָט־דעם ניט־יוניאָן־שאַפּ פאַר דער גאַנצער צייט זינט ער האָט עקזיסטירט...

לאָלאַ האָט דאָס אָרגאַניזירט אָט דעם סטרייק און זי האָט אים אָנגעפירט מיט דער הילף פון אַ פּאָר אַנדערע יוניאָן־טוער. און באַלד איז זי געוואָרן פּאָפּולער צווישן די יידישע אַרבעטער אין פילאַדעלפיע. זי האָט אַליין געהאָלפן פּיקעטן אַרום דעם שאַפּ, גערעדט אויף די פאַרזאַמלונגען פון די סטרייקער אין רוסיש און שפּעטער אין יידיש, און זי האָט מיט איר רעדן אַמאָל ממש באַצויבערט אירע צוהערער.

עפּעס איז געווען אין איר קול, וואָס מען האָט געמוזט זיך צוהערן צו איר, ווי צו אַ מוזיקאַלישן געזאַנג, וואָס רייסט מיט. עפּעס איז געלעגן אין איר׳ע ברוסט־טענער אַזוינס, וואָס האָט באַרוישט. גערעכט איז געווען דאָקטאָר דוואָרקין, ווען ער האָט אַמאָל באַמערקט וועגן דעם באַזונדערן כוח, וואָס איז געלעגן אין איר שטים. אַמאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די הייזעריקלעכע, ברוסטיקע טענער פון איר קול זיינען איינגע־טונקט אין פייער... די אַרבעטער פון איר שאַפּ האָבן אָבער פאַרלוירן דעם סטרייק, מחמת דער רייכער פאַבריקאַנט ראָס־קין, לאָלאַס רייכער שוואָגער, הייסט עס, האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם סטרייק. ער האָט ניט געוואָלט, ווייל עס האָט זיך אים ניט געלוינט, אַז דער שאַפּ, וואָס האָט געאַרבעט פאַר זיין פירמע, זאָל זיין אַ יוניאָן־שאַפּ. און ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן געגוג געלט צו דערשטיקן דעם דאָזיקן סטרייק פון די פאַר טוצן „הענט״, דורך פּאָליציי און דורך אונטערקויפן די מערסטע פון די סטרייקער, וועלכע זיינען אַלע נאָך געווען כמעט גרינע יידן, פריערדיקע קליינשטעטלדיקע אָרעמע הענד־לער...

לאָלאַ איז דערפון אַזוי אַנטוישט געוואָרן, אַז פאַר אַ געוויסער צייט איז זי מער ניט געגאַנגען אַרבעטן. אין האַרצן האָט זי אָבער איצט געהאַסט דעם רייכן שוואָגער אירן, ווייל זי האָט גוט געוואוסט, אַז דעם סטרייק האָט ער דערשטיקט; און אין די געדאַנקען ביי איר האָט זי אים געסטראַשעט, אַז זאָל זי נאָר זיך אַ ביסל מער אויסגרינען, מער זיך אַרומקוקן, מער זיך באַקענען מיט די אומשטענדן און מיט דער ענגלישער שפּראַך, וועט זי שוין זיין שאַפּ אויך אָרגאַניזירן... זי האָט כמעט אַ נדר געטאָן אויף דעם...

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט נאָך איידער דאָקטאָר ראַסקין האָט אויסגעהאַלטן זיין שטאַטס־עקזאַמען און נאָך איידער ער האָט געהאַט רעכט צו פּראַקטיצירן.

אַרום אַט דער צייט האָט פּאַסירט עפּעס, וואָס האָט אַרונ־טערגענומען ביי דאָקטאָר ראַסקין אַ שווערן שטיין פון זיין „רע־וואָלוציאָנערן געוויסן" און אים באַפרייט פון זיינע „פּענטעס". ער, דאָקטאָר ראַסקין, וואָס האָט זיך די לעצטע צייט אַלץ מער און מער געוואַקלט צווישן דאַרפן און ניט טאָרן זיין פּראַקטיש, האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ היתר (העטער) אויף צו מעגן זיין פּראַקטיש דורך אַ מאַן, וואָס איז געווען זייער באַרימט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט און וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן אין איי־ראָפּע.

דער דאָזיקער מאַן איז געקומען קיין פילאַדעלפיע אויף אַ לעקציע איבער סאָציאַליזם אין אַמעריקע און אין אייראָפּע.

דאָקטאָר ראַסקין און לאָלאַ זיינען אַוועק הערן זיין לעקציע און ער האָט אויף זיי ביידן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. אַ שיי־נער רעדנער איז ער געווען און האָט גערעדט קלאָר און מיט איבערצייגונג. די ערשטע אמת־סאָציאַליסטישע רעדע איז דאָס געווען, וואָס זיי ביידע האָבן דעמאָלט געהערט זינט זיי זיינען געקומען פון אייראָפּע. דער רעדנער, אַ פרומער אָרטאָדאָקסי־שער מאַרקסיסט, האָט קלאָר און שאַרף אַנטוויקלט דעם סאָ־ציאַליסטישן געדאַנק פון אַ מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט.

סיי דאָקטאָר ראַסקין און סיי לאָלאַ האָבן אים וואַרעם אַפּלאָדירט.

פון דער לעקציע זיינען זיי דערנאָך אַוועק אין אַ קאַפע־הויז און דאָרט איז זיי אויסגעקומען צו הערן וועגן אַט דעם ניו יאָרקער רעדנער עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דאָקטאָר ראַס־קינען כמעט דערפרייט און פון וואָס לאָלאַ האָט געהאַט אמתן האַרץ־ווייטיק.

ער איז געווען אַ רייכער מאַן, אַט דער באַרימטער סאָ־ציאַליסט, וואָס האָט אַזוי שיין און קלאָר גערעדט איבער מאַרק־סיזם — האָבן זיי געהערט — אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט פאַר־

טראָטן, אַחוץ די גרויסע יידישע יוניאָנס פאַר גוואַלדיק הויכן געצאָלט, אויך גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, און אַז ער אַליין איז געווען איינער פון די הויפּט־אַקציאָנערן אין אַ געוויסער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג.

און אַז לאַלאַ האָט דאָס געהערט, האָט זי מיט אַ טרויערי־קער מינע און מיט צער אין איר קול אַרויסגעמורמלט:

— אָט האָסטו דיר דעם אַמעריקאַנער סאָציאַליזם און די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן...

און דאָקטאָר ראַסקין האָט מיט צעלויכטענע אויגן, כמעט פרייליך, זיך אָנגערופן:

— מען קאָן זייןביידע זאַכן. איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט.

— וואָס? — האָט לאַלאַ אַ קוק געטאָן אויף אים.

ער האָט איר אָבער ניט געענטפערט. אין מוח ביי אים האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן געדאַנקען, אָן וועלכע ער האָט זיך אָנגעכאַפּט און מיט וועלכע ער האָט זיך דערפרייט. און ערשט שפּעטער, ווען ער מיט לאַלאַן זיינען שוין געווען אין דער היים, האָט ער פאַר איר אויפגעדעקט יענע געדאַנקען.

— אונדזער פעלער, לאַלאַ, — האָט ער זיך אָנגערופן — איז אונדזער גוואַלדיק איינזייטיקע פּאַרטייאישקייט. ווי באַלד מען איז אַ רעוואָלוציאָנער, מוז מען קיין רעוואָלוציע, מוז מען שלינגען רעוואָלוציע, מוז מען שפּאַצירן מיט רעוואָלוציע, מוז מען גיין אין בעט מיט רעוואָלוציע, אַניט איז מען אַ רענע־גאַט און מען איז אַ רעאַקציאָנער און אַ בורזשואַ, און וואָס ניט... מען קאָן ביי אונדז זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז מען קאָן זיין אַ רעוואָלוציאָנער און טרינקען בורזשואַזן וויין. זאָג איך דיר, לאַלאַ, אַז איצט ערשט פאַרשטיי איך, ווי נאַריש און ווי ענג־איינזייטיק דאָס איז! כל־זמן מיר לעבן אין אַ קאַ־פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, זאָלן מיר אָנווענדן די מעטאָדן פון די קאַפּיטאַליסטן אויף איינצואָרדענען אונדזער לעבן. פאַר־

שטייט זיך, דאָס מיינט ניט, אַז מיר דאַרפן ניט אין דער איי־גענער צייט באַקעמפן דעם קאַפּיטאַליזם, — ניין, מיר דאַרפן און מיר מוזן אים באַקעמפן! אָבער... עסן די בעסטע מאכלים, אויב מיר קאָנען; שלאָפן אויף די בעסטע געלעגערס, אויב מיר קאָנען, און וואוינען אין די שענסטע וואוינונגען, אויב מיר קאָנען...

— ניין, סאַשאַ, איך גלויב ניט אין דעם. אַזוי פילן, ווי דו רעדסט איצט, קאָן נאָר אַ בורזשואַ מיט בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע, און בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע מיט רעוואָלוציע פּאַרט זיך גאָרניט, סאַשאַ!...

— לאָז צורו די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע — האָט דאָק־טאָר ראַסקין זיך צעהיצט — האָט דער סאָציאַליסטישער פירער אין דייטשלאַנד, פּאָול זינגער, צום ביישפּיל, אַט דער פּאַברי־קאַנט, אויך געהאַט בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע? און דער הייני־קער פירער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, לעאָן בלום, אויך אַ רייכער מאַן, איז ביי אים די פּסיכאָלאָגיע אויך אַ טריפה, אַ בורזשואַזע? און נאָר זיי אַליין? איך וואָלט דיר געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער אַלס ביי־שפּיל.

לאָלאַ האָט אים אָבער ניט נאָכגעגעבן און איז באַ־שטאַנען אויף אירס, אַז רעוואָלוציאָנערן דאַרפן לעבן אַ רע־וואָלוציאָנערן לעבן, וואָס איז אין אַלץ דער היפּך פון דעם בורזשואַזן.

איצט האָט אים גראָד ניט געאַרט, וואָס זי האָט מיט אים ניט מסכים געווען. דער עיקר איז ביי אים געווען, וואָס ער האָט זיך אַליין גרינגער געמאַכט; וואָס ער האָט איצט פּלוצים געפונען אַ באַרעכטיקונג אויף איינצואָרדענען זיך אין אַמעריקע אויף אַ פּראַקטישן אופן, ווי זיין ברודער האָט געוואָלט און ווי ער אַליין האָט אין זיין האַרצן געוואָלט פאַר דער לעצטער צייט, באַהאַלטענערהייט פון לאָלאַן. און ער האָט געזען איצט

פאר זיך אַ גלייכן, גלייכן וועג. ער האָט נאָר געדאָרפט אי־
בער אים גיין מיט פעסטע, זיכערע טריט, און ניט וואַקלען
זיך...

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עק־
זאַמען און ער האָט באַקומען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן. דער
ברודער האָט אים איינגעאָרדנט אַ רייכן קאַבינעט מיט אַ שיי־
נער היים אין איינעם פון די שענסטע געגנטן פון פילאַדעלפיע.
עס איז געווען אַן ערך אַנדערהאַלבן יאָר נאָך דעם, ווי ער מיט
לאָלאַן זיינען געקומען קיין אַמעריקע.

לאָלאַ האָט שוין איצט געקענט גאַנץ גוט די ענגלישע
שפּראַך און האָט, אַנשטאָט אַרבעטן אין אַ שאַפּ, געגעבן פּראָנ־
צוויזישע לעקציעס צו עטלעכע קינדער פון רייכע אַמעריקאַנישע
פאַמיליעס. דערפון זיינען איר שוואָגער און שוועגערין דווקא
געווען צופרידן. אַ לערערין פון פראַנצויזיש איז דאָך געווען
עפּעס אַנדערש, ווי אַ „האַנט" אין אַ שאַפּ! און זיי ביידע,
סיי מיסטער לעאָ ראַסקין און סיי זיין בלאָנדע פרוי, העני־
ריעטע, האָבן איר איצט אַרויסגעוויזן אַ סך מער פריינטשאַפט
איידער פריער. אים, דעם רייכן שוואָגער, איז גאָרניט איינגע־
פאַלן, אַז זי, לאָלאַ, האָט איצט געפירט איר באַקאַנטשאַפט
מיט יוניאָן־טוער און מיט סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אָפט גע־
רעדט וועגן אָרגאַניזירן די הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער
אין זיין פאַבריק... געוואוסט האָט וועגן דעם בלויז דאָקטאָר
ראַסקין אַליין. און ווען זי האָט עס אים דערציילט, האָט ער
אויפגערעגט איר געוואָרנט:

— דו מיש זיך ניט אין דעם. זיי קאָנען טאָן, וואָס זיי
ווילן, דו אָבער ניט. איך וואָרן דיך, לאָלאַ!...

— רעד ניט צו מיר אין אַזאַ טאָן, סאַשאַ, — האָט זי
אים געענטפערט אויך אויפגערעגט, — איך וועל זיך זיכער
מישן, און נאָך ווי! דיין ברודער איז דער גרעסטער עקספּלואַ־
טאַטאָר. זיין גאַנצן קאַפּיטאַל האָט ער געמאַכט פון דעם, וואָס

ער האָט עקספּלואַטירט און באַגזלט די אָרעמע גרינע יידישע און איטאַליענישע אַרבעטער!

— זאָל זיין, אַז דאָס איז אַלץ אמת, אָבער דו, לאַלאַ, מיש זיך ניט, אויב דו ווילסט, עס זאָל זיין רואיק ביי אונדז אינדערהיים.

האָט לאַלאַ זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— אַרט מיך ניט, אַז ביי אונדז וועט ניט זיין אַזוי רואיק און איך וועל טאָן אַזוי ווי איך וויל, און ווי איך פאַרשטיי!...

אַזעלכע און ענלעכע סצענעס האָבן זיך צווישן זיי אָנגעהויבן איבערצוחזרן ווידער און ווידער.

און נאָכדעם האָבן זיי עטלעכע טעג ניט גערעדט, אַזוי ווי אָבער דאָקטאָר ראַסקין האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער צום סוף זי אַלעמאָל איבערגעבעטן.

איצט, ווען דאָקטאָר ראַסקין האָט פּראַקטיצירט, איז סיי זיין רייכער ברודער און סיי זיין שוועגערין געקומען אָפטער צו זיי אין זייער אויטאָמאָביל. (אין יענער צייט איז אַן אויטאָמאָביל נאָך געווען אַ זאַך, וואָס גאָר־גאָר רייכע מענטשן האָבן זיך דאָס געקאָנט פאַרגינען). זיי האָבן דאָס געטאָן אומיסטנע כדי מען זאָל זען פאַר דעם דאָקטאָרס הויז אויטאָמאָבילן וואָס אָפטער, כדי מען זאָל מיינען, אַז דאָס קומען צו אים רייכע פּאַציענטן...

און אַמאָל האָט די רייכע שוועגערין געבראַכט לאַלאַן דאָס נייסטע בוך, וועגן וועלכן מען האָט גערעדט אין די צייטונגען און אין די באַקאַנטע קרייזן, און אַן אַנדערש מאָל — בילעטן פאַר דער אָפּערע אָדער פאַר אַ טעאַטער. אויך האָט דער שוואָגער, מיסטער ראַסקין, יעדעס מאָל, ווען ער איז צו זיי געקומען, עפּעס געבראַכט, אַמאָל פאַר לאַלאַן, און נאָך אָפטער, פאַר איר קינד, פאַר דער קליינער קיטי.

לאַלאַ האָט זיך געהאַלטן מיט זיי העפלעך, אָבער ניט מער, און ווען עס איז איר אויסגעקומען ארויסצוזאָגן אַ מיי־

נונג, איז זי איצט אויך געווען פונקט אַזוי דרייסט און ניט פאַרשטעלט, ווי פריער.

אמתדיק האָט זיך מיט זיי געפריים נאָר די קליינע קיטי, מחמת סיי דער אָנקל און סיי די טאַנטע האָבן אַלע מאָל פאַר איר געבראַכט שיינע זאַכן, און מחמת זיי האָבן זיך מיט איר אַלעמאָל אַזוי שיין געשפּילט.

און אַמאָל, ווען לאָלאַ האָט געזען, ווי איר רייכער שוואָ־גער האָט זיך געשפּילט מיט איר קיטין, — אַ לעבעדיק, צאַפּל־דיק, קינד, מיט אַזעלכע גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי ביי איר מאַמען — איז ביי איר, לאָלאַן, דער כעס דאָן אָפּגעגאַנגען אויף אָט דעם „עקספּלואַטאַטאָר”, קעגן וועלכן זי האָט זיך געקליבן אָנצופירן דעם קאַמף פאַר זיינע אַרבעטער און עפּעס, וואָס איז ענלעך' געווען אויף אַ וואַרעמער פריינטשאַפט, האָט זיך געוועקט ביי איר אינם האַרצן.

דעמאָלט האָט מיסטער ראַסקין געזען גאָר אַן אַנדער שווע־גערין, אַן אַנדער לאָלאַ. זי האָט דעמאָלט געשפּאַסט מיט אים, זיך געווינצלט און, בכלל, זיך געהאַלטן אַזוי, אַז ער האָט גע־טראַכט ביי זיך: „זי מענטשלט זיך אויס”...

און ער האָט עס אויך געזאָגט דעמאָלט דאָקטאָר ראַסקי־נען און האָט אים פאַרזיכערט, אַז עס וועט ניט לאַנג נעמען און זי וועט אינגאַנצן ווערן אַ מענטש...

פּלוצים, אַזוי ווי אַ באָמבע איז דאָס געפאַלן ביי די ראַס־קינס און האָט זיי אַלעמען צעטומלט, איבערהויפּט דעם רייכן ברודער און די שוועגערין. עס איז געווען אַזאַ געשיכטע: איינ־מאָל איז אין דער פילאַדעלפיער צייטונג „פּאַבליק לעדזשער” דערשינען לאָלאַס אַ בילד מיט אַ באַריכט וועגן אַ פייערדיקער רעדע, וואָס זי האָט נעכטן געהאַלטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער אין אַ האַל, אויף פּיין סטריט, וועגן יוניאַניזירן די גרויסע פאַבריק פון דער פירמע „ראַסקין און קאָמפּאַניע”.

דאָקטאָר ראַסקין האָט זיין פרוי געוויזן די צייטונג און

ער איז דערביי געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז די הענט האָבן ביי אים געציטערט.

— לאָלאַ, — האָט ער געמורמלט, און אויפן פּנים ביי אים האָבן זיך געביטן די קאָלירן, — איך גראַטוליר דיך. זעסט? לייען! וויפיל קאָמפּלימענטן פאַר דיר! „די שיינע מיס לאָלאַ ראַטנאָף"... „די אַנאַרכיסטקע מיס לאָלאַ ראַטנאָף"... טוסט מיר אויף צו להכעיס, האַ? איך האָב זיך געבעטן ביי דיר: לאָז צורו מיין ברודער, זאָלן עס אַנדערע טאָן!...

עס איז געווען אינדערפרי. לאָלאַ איז נאָר־וואָס גע־האַט אויפגעשטאַנען פונם טיש באַלד נאָכן פרישטיק און זי האָט נאָך ניט געהאַט געלייענט קיין צייטונג. האָט זי גענומען דעם פילאַדעלפיער „פּאַבליק לעדזשער" ביי איר מאַן פון די הענט, אַ קוק געטאָן אויף איר בילד, און אַנשטאָט צו ענט־פערן איר מאַן אויף זיינע טענות, האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכל:

— אָ, ווי מיאוס זיי האָבן מיך געמאַכט! עס איז גיכער אַ בילד פון מיין מאַמען, ווי פון מיר...

דאָקטאָר ראַסקין האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— האָסטו געהערט, וואָס איך האָב גערעדט צו דיר? — האָט ער זיך ווידער אָנגערופן, נאָך אַלץ שטיל און פאַרשטיקט.

— וואָס איז דאָ צו הערן? קיין גרויסע חכמה האָסטו דאָך ניט געזאָגט — האָט זי גאַנץ רואיק געענטפערט — און, איבערהויפּט, סאַשאַ, וואָס האָסטו איצט מורא? דו ביסט דאָך שוין איצט זעלבסטשטענדיק! דו נויטיקסט זיך דאָך מער ניט אין דער שטיצע פון דיין ברודער!

דאָ האָט דאָקטאָר ראַסקין שוין לענגער ניט געקענט זיך קאָנטראָלירן און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— מיט די נאָענטסטע מענטשן מיינע צערייסטו מיך!...

— זיי האָבן צעריסן דעם נאָענטסטן מענטשן מיינעם

מיט מיר! — האָט לאַלאַ אַ געשריי געטאָן אים אין טאָן — איך דערקען דיך שוין באַלד ניט, סאַשאַ!...

און מיטאַמאָל האָט זיך דאָקטאָר ראַסקין אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגערעדט דורך פאַרשטשעמעטע ציין:

— שריי ניט אַזוי, דו! דאָס קינד איז דאָ, די דינסט!...

און ער איז אַנטלאָפן צו זיך אין קאַבינעט מיט דער צייטונג.

לאַלאַ איז אַוועק נאָך אים.

ער איז דאָרט געזעסן אויף אַ שטול, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן טיש. איז זי אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שפּאָטישן שמייכל. נאָכדעם האָט זי אים אַ רוף געטאָן:

— סאַשאַ!

ער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. האָט זי אים אַ רוף געטאָן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. און נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו אים און האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט צו אים אויפן אַקסל. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און מיטן אַקסל נערוועז אַרונטערגעשליידערט פון זיך איר האַנט און איז אויפגעשפּרונגען.

— לאָז!...

— דו האָסט דאָך מיך שיר־ניט אומגעוואָרפן, סאַשאַ! וואָס ביסטו אַזוי ווילד געוואָרן?

ער האָט גענומען לויפן איבערן צימער און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— ניין, אַ סוף מוז געמאַכט ווערן, אַ סוף! זי רעכנט זיך מיט קיינעם ניט. בלויז מיט אירע אייגענע קאַפּריזן!...

— גוט, צופרידן, מאַך אַ סוף — האָט זי זיך אָנגערופן שפּאָטיש — יאָ, סאַשאַ, אַ סוף מוז געמאַכט ווערן!... מיר זיינען דאָ געוואָרן צוויי פרעמדע וועלטן, צוויי פיינטלעכע וועלטן, סאַשאַ! עס ווערט מיר אַלץ ענגער און ענגער ביי דיר אינם הויז...

— דו מאַכסט זיך אַליין ענג. דו מאַכסט ענג מיר און זיי, די נאָענטסטע מענטשן מײַנע, וואָס האָבן אונדז בלויז גוטס געטאָן!

לאָלאַ האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן:

— אַך, סאַשאַ, וואָס אַמעריקע האָט פון דיר געמאַכט. ווי עס טוט מיר וויי פאַר דיר. איך דערקען דאָך דיר גאָר ניט. וואו איז מײַן סאַשאַ, וואָס איך האָב אים אַמאָל אַזוי פאַרגעטערט? — האָט זיך בײַ לאָלאַן דעמאָלט אַרויסגעריסן מיט ווייטיק.

— סאַשאַ איז דאָ. ער איז נאָך ניט געשטאָרבן, לאָלאַ! און ער רעדט מיט דיר איצט אָפן — האָט ער געענטפערט האַרט — אויב דו וועסט ניט צוימען דײַן משוגעת, וועט דײַן סאַשאַ מוזן עפּעס טאָן!

— וועט ער מוזן עפּעס טאָן? — האָט לאָלאַ ווידער שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן — וואָס, אַן ערך, וועט סאַשאַ טאָן?...

— דו וועסט שוין זען! — האָט ער איר אַ סטראַשע געטאָן.

האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אויפגערעגטע, פײַערדיקע אויגן און האָט אַ ווײַלע געשוויגן. אין אָט דעם מאָמענט איז זי געווען אויסערגעוויינלעך שיין אין איר רויטן מאָרגן־קלייד מיט די ביידע שוואַרצע צעפּ אַרונטערגעלאָזט איבער די אַקסלען. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— ווען גייסטו אין טעמפּל מיט דײַן ברודער, סאַשאַ?

און דאָקטאָר ראַסקין, וועלכער איז געווען צערייצט, האָט איר געענטפערט:

— ווען איך וועל וועלן!

— גוט. דאַן זאָלסטו טאָן וואָס דו ווילסט, און איך — וואָס איך וויל.

האָט ער באַמערקט:

— נאָר נישט אַזעלכע זאַכן וואָס זיינען מיר אומאָנגע־
נעם.

האָט לאָלאַ אים אויף דעם געענטפערט אין אַ פעסטן טאָן:

— איך וועל טאָן אַלע זאַכן, וואָס זיינען אָנגענעם מיר. איך האָב מיין ווילן אין אַמעריקע ניט אָנגעוואוירן. געענדערט, אַזוי ווי דו, האָב איך זיך אויך ניט. קיין היפּאָקריטקע בין איך דאָ ניט געוואָרן און קיין שמאָטע אויך ניט. פוי, סאָשאַ, שעם זיך!

האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— שיסט מיט די הויכע פראַזן! די פרייע פרייהייט, האַ? קאָן זיך גאָר ניט צעשיידן אויף קיין איין רגע מיט דעם!...

— יאָ, די פרייע פרייהייט. ריכטיק! — האָט זי גע־ענטפערט אים אין טאָן — און איך בין אַזוי שטאָלץ אויף דעם, אַז איך בין גרייט אַפילו צו דערציילן דיין ברודער און שווע־גערין, אַז איך לעב מיט דיר אין „פרייער פרייהייט"...

דאָקטאָר ראַסקין איז צעטומלט געוואָרן, און זי איז אַנט־לאָפן צו איר אין צימער.

דעם אייגענעם טאָג איז געקומען צולויפן דער רייכער ברודער צו דאָקטאָר ראַסקין אַהיים און איז געזעסן מיט אים פאַרשפּאַרט אַ לאַנגע צייט אינם קאַבינעט און האָט דאָרט גערעדט און געקאָכט זיך וועגן און קעגן לאָלאַן. מיט לאָלאַן אַליין האָט ער שוין איצט ניט געוואָלט ריידן. אַפילו אַ קוק טאָן אין איר זייט האָט ער ניט געוואָלט. און איידער ער איז אַוועק, האָט ער געבעטן דאָקטאָר ראַסקין איבערצוגעבן איר, אַז ניט ער און ניט זיין ווייב וועלן אַמאָל איבערטרעטן די שוועל פון אָט דעם הויז, כל־זמן זי וועט דאָרטן זיין. און אויך, אַז גיכער וועט זי זיין אין געפענגעניש, איידער זיין פאַבריק וועט ווערן אַ יוניאָן־שאָפּ!...

און עס האָט זיך צעברענט דערנאָך אַן אָפענער קאַמף צווישן דעם רייכן שוואָגער, דעם פאַבריקאַנט, און זיין יונגער

שוועגערין, דער רעוואָלוציאָנערקע, וועלכע האָט גערופן פאַרזאַמ־לונגען פון די הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אים אין דער פאַבריק...

איצט האָט זי אַמאָל גערעדט אויך אויף ענגליש פאַר די איטאַליענישע אַרבעטער, און אירע רעדעס האָבן געצונדן הער־צער, אויפגעוועקט ביי די אַרבעטער דעם דראַנג צו קעמפן פאַר זייערע אינטערעסן.

און דער סוף איז געווען, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער פאַבריקאַנט ראַסקין האָט אונטערגעקויפט אַ היבשע צאָל פון זיינע אַרבעטער, וועלכע — ווי ער האָט גערעכנט — האָבן געהאַט אַ דעה אויף די איבעריקע „הענט" פון זיין שאָפּ, איז דאָך איר געלונגען אַרויסצורופן זיינע אַרבעטער אויף אַ סטרייק, וואָס האָבן אים אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז ער זאָל באַ־שעפטיקן בלויז יוניאָן־אַרבעטער.

אַ ביטערער קאַמף איז עס געווען, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנגע וואָכן. אַרום דעם שאַפּ האָט מען זיך געשלאָגן. סטריי־קערס מיט סקעבס האָבן זיך געשלאָגן און סטרייקערס מיט פאָליציי. פאַר די סקעבס האָבן זיך אָנגענומען געדונגענע פויסט־העלדן און מעסער־העלדן, אַחוץ דער פאָליציי. אַ סך פון די סטריי־קערס זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אָבער דער סטרייק איז ניט געבראָכן געוואָרן, אַ דאַנק לאָלאַן און נאָך אַ פּאָר ענערגישע יוניאָן־טוער.

זי, לאָלאַ, האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דעם דאָזיקן קאַמף. סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט האָט מען זי געקאָנט טרעפן ביי די סטרייקערס אויף די פאַרזאַמלונגען אָדער אין יוניאָן־לאָקאַל. זי איז געקומען אַהיים שפּעט נאָך האַלבער נאַכט און אַמאָל פרי פאַרטאָג.

דאָקטאָר ראַסקין האָט זי איצט זעלטן־ווען אָנגעזען. און, ווען אַפילו ער האָט זי געזען, האָט ער מיט איר ניט גערעדט. איצט, ווען זי האָט אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן זיין ברודער, איז ער

צופיל פאַרביטערט געוועז קעגן איר. דער אָפּגרונט צווישן זיי איז געוואָרן טיפער. ער האָט זי באַשולדיקט, אַז זי האָט פאַרטריבן פון זיין הויז זיין משפחה, וואָס האָט אים אַזוי פיל גוטס געטאָן און וואָס האָט אים אַפילו איצט ניט אויפגעהערט צו טאָן גוטס, רעקאָמענדירנדיק אים רייכע פאַציענטן פון זייער קרייז. ער האָט זי אויך באַשולדיקט, אַז זי איז גאָר קיין מאַמע ניט געוועז; אַז איר קינד קיטי איז איר אַזוי ווייניק אָנגעגאַנגען, אַזוי ווי זי וואָלט אינגאַנצן אָן איר פאַרגעסן.

אַ דאַנק איר אַרבעט און איר רעדנער־טאַלאַנט, איז לאָלאַ איצט באַקאַנט געוואָרן ניט נאָר צווישן די אַרבעטער אין פילאַדעלפיע אַליין. די דאָרטיקע ענגלישע צייטונגען האָבן שטענדיק וועגן איר געשריבן און זיי האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „די רויטע לאָלאַ".

דער סטרייק האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פאַר די אַרבעטער. דער פאַבריקאַנט, מיסטער ראַסקין, האָט צום סוף איינגעזען, אַז ער האָט געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון זיינע אַרבעטער: ער האָט אָנערקנט די יוניאָן.

פון דעמאָלט אָן איז לאָלאַ געוואָרן נאָך מער באַליבט ביי די אַרבעטער, און אַמאָל איז זי איינגעלאַדן געוואָרן צו די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין אַנדערע שטעט אויך.

אָט אין יענער צייט, נאָך דעם זיג איבער איר שוואָגערס פאַבריק, האָט זי געאַרבעט אַלס אָרגאַניזאַטאָרין פאַר דער יוניאָן. זי איז אָנגעקומען אַרבעטן אין שעפער, וואו עס האָבן געאַרבעט ניט יוניאָן־„הענט" און האָט געזוכט זיי צו אָרגאַניזירן. זי האָט אַגיטירט פאַרזיכטיקערהייט צווישן די „הענט" וואָס האָבן געאַרבעט אין שכנות לעבן איר, און נאָכדעם צווישן אַנדערע, ביז זי האָט, צום סוף, צונויפגערופן די דאָזיקע אויפגעקלערטע „הענט" אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו זי האָט געקאָנט ווירקן אויף זיי מיט איר רעדנער־טאַלאַנט.

דאָס רוב האָט זיך איר איינגעגעבן צו געווינען אָט די „הענט״ פאַר אַ קאַמף מיט דעם באַלעבאָס, וואו זיי האָבן גע־אַרבעט און ביי וועמען זיי האָבן דערנאָך געסטרייקט, און וואו זיי האָבן אַמאָל געוואונען און אַמאָל פאַרלאָרן דעם סטרייק.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט. זי איז אַלץ מער און מער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דאָזיקער אַרבעט און זי האָט זיך געפילט גליקלעך און צופרידן, און אָפט האָט זי ביי דער דאָ־זיקער אַרבעט פאַרגעסן, אַז זי איז געווען אַ ווייב פון אַ מאַן און אַ מוטער פון אַ קינד.

צו דער קליינער קיטין האָט דאָקטאָר ראַסקין צוגענומען אַ גאוווערנאַנטקע, וואָס זיין שוועגערין האָט אים רעקאָ־מענדירט. און ער אַליין איז איצט געווען ניט ווייניקער פאַר־נומען מיט זיין זאַך, ווי זיין ווייב מיט אירער.

ער האָט גרויס דערפאָלג געהאַט ביי זיינע רייכע פּאַ־ציענטן, און, איבערהויפּט, ביי זיינע רייכע פּאַציענטקעס. ער איז געווען אַ שיינער מאַן און ער האָט געכאַפּט דעם ריכטיקן שניט ווי אַזוי צו געפעלן: האָט גערעדט מיט אַ באַזונדערער ליבנסווירדיקייט, האָט זיך געהאַלטן גאַלאַנט מיט די דאַמען. מיט אַנדערע פון זיי האָט ער גערעדט פראַנצויזיש און מיט אַנדערע דייטש, און, דער עיקר, ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו אימפּאָנירן זיי אַלס דער ג ר ו י ס ע ר דאָקטאָר פון אייראָפּע.

אָנגעטאָן איז ער שטענדיק געווען עלעגאַנט, אין קליידער פון דער לעצטער מאָדע, און, אַחוץ דעם, האָט ער זיך געלאָזט וואַקסן אַ קליין וואַן־דייק בערדל, וואָס האָט צוגעגעבן זיין טונ־קעלן פּנים אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעסאַנטן אויסזען אין די אויגן ביי אַ גרויסן טייל פון זיינע פּאַציענטקעס.

אין די אָוונטן, ווען דאָקטאָר ראַסקין איז ניט געווען פאַרנומען מיט זיין פּראַקטיק, איז ער פאַרנומען געווען ערגעץ ביי אַן אונטערהאַלטונג, צי ביי זיין ברודער אין דעם רייכן הויז,

צי ביי אַנדערע פון זיין נייעם קרייז. דעמאָלט, ווען ער האָט גע־קוקט אויף די ווייבער, וואָס זיינען שטאַרק געפאַרבט און גע־שמינקט געווען, האָט ער זיך אַמאָל דערמאָנט אָן זיין לאָלאַן און האָט שטאַרק געבענקט נאָך איר.

זינט דעם סטרייק ביי זיין ברודער האָט ער מיט לאָלאַן ניט גערעדט. געפּרואווט אַ פּאָר מאָל מיט איר ריידן און זיך באַלד ווידער צעוורטלט. ער איז דעמאָלט אַליין אויפגערעגט געוואָרן און זי אויפגערעגט, ביז ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט ניט צו ריידן מיט איר, ניט צו קוקן אין איר זייט און לאָזן איר טאָן, וואָס זי וויל. ער וועט זען, וואָס עס וועט זיין דער סוף דערפון.

אין דער אייגענער צייט האָט ער זי נאָך איצט אויך ליב געהאַט. ער האָט זי ליב געהאַט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, נאָך מער ווי ווען־עס־איז פריער. מחמת ער איז איצט געווען אויסגעהונגערט נאָך איר. און אַמאָל האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ בענקשאַפט נאָך איר, באַזונדערס אין די נעכט, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט מער קאָנטראָלירן און איז אַרונטער פון זיין געלעגער און האָט זיך צוגעגנבעט צו איר טיר. איר טיר איז אָבער שטענדיק געווען פאַרריגלט... האָט ער דאַן געפילט ווי ער ווערט ווילד פאַר כעס; ער האָט זיך אָבער באַהערשט, האָט נאָר אין די געדאַנקען געסטראַשעט לאָלאַן, אַז סוף כל סוף וועט ער זי שיקן צום טייוול... נאָכדעם איז ער געלעגן אויף זיין געלעגער און האָט זיך געפייניקט, און זיך דערמאָנט ווי לאַנג ער און לאָלאַ זיינען געווען ברוגז און ער האָט זיך געוואונדערט, ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז זי, לאָלאַ, מיט איר ליידנשאַפט־לעכער נאַטור, זאָל זיך קענען אַזוי לאַנג באַהערשן... סיידן אַז זי האָט געהאַט אימיצן דאָרט, אַ געליבטן — האָט ער דעמאָלט געטראַכט אַמאָל. און אַן אַנדערש מאָל אין אַזאַ צייט האָט ער זיך דערמאָנט אויך אָן דער געשיכטע מיט דאָקטאָר דוואָרקינען,

און ער האָט געטראַכט דעמאָלט אָן אויפגערעגטער: ער ווייסט דען אין וואָסערע באַציאונגען זי איז געווען מיט יענעם?

די געשיכטע מיט דאָקטאָר דוואָרקינען האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין זיין זכרון, אַז אינגאַנצן דאָס פאַרגעסן האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט.

דער סך־הכל פון אַזעלכע רעגונגען און אויפרעגונגען איז געווען, אַז אויף מאָרגן האָט ער זיך געפילט נאָך מער פאַר־ביטערט קעגן איר, און אַזוי איז צווישן זיי קיין שלום ניט געוואָרן. ער האָט ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט, ווי שווער דאָס זאָל אים ניט זיין, זיך ניט אונטערצוגעבן און ווייזן איר כאַראַקטער.

דעמאָלט האָט ער אָנגענומען אַ נייע טאַקטיק — אינגאַנצן איגנאָרירן זי...

זיין גאַנצע ליבע און וואַרעמקייט האָט ער איצט אָפּגעגעבן זיין קיטין.

אַ גוטער פאָטער איז ער געווען און שטאַרק ליב געהאַט זיין קינד. אָפט, ווען ער איז געווען ערגעץ צו גאַסט, האָט ער זיך אינמיטן דרינען דערמאָנט אָן זיין קיטין און ער האָט זיך דעמאָלט קוים דערוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער וועט קומען אַהיים און זי קאָנען זען.

און אַז ער איז געקומען נאָכדעם אַהיים, האָט ער זיך אויף די שפּיץ פינגער אַריינגעגנבעט צו קיטין אין צימער און מי־נוטן לאַנג איז ער געשטאַנען איבער איר בעטל און זיך צוגע־הערט צו איר אָטעם. און אַמאָל האָט קיטי אין שלאָף דער־פילט, אַז איר טאַטע איז לעבן איר, און זי האָט זיך אויפגע־זעצט אין בעטל און דער סוף איז דעמאָלט געווען, אַז דאָקטאָר ראַסקין האָט זי גענומען צו זיך אין צימער...

7

ווען לאָלאַ האָט איצט אַמאָל געזען איר מאַן אַזאַ אויסגע־פּראַנטעוועטן מיט זיין שוואַרץ וואַן־דאַיק בערדל, האָט זי ביי

זיך געטראַכט: „זע נאַר, עס איז דאָך אים גאָרניט צו דער־קענען".

און אַן אומרואיקע, אַ נערוועזע, האָט זי ווייטער גע־טראַכט, אַז ער איז איר געווען אַ פרעמדער. פרעמד איז ער איר געווען סיי מיט זיין גייסט און סיי מיט זיין קערפּער. און זי אים אויך. ער האָט זי גאָרניט באַמערקט. האָט אינזינען געהאַט בלויז איין זאַך — זיין קאַריערע...

און הגם זי האָט אין דער אייגענער צייט געוואוסט, אַז ווען ער זאָל פּרואוון צוגיין צו איר, וואָלט זי אים אָפּגע־שטויסן פון זיך, האָט איר פאַרדראָסן, און אַפילו ווי געטאָן, פאַרוואָס, בעת זי איז מיט אים געווען אינדערהיים, האָט ער ניט נאָר ניט געפּרואווט צוגיין צו איר, נאָר ער האָט זי ווי גאָרניט באַמערקט...

ס׳רוב מאָל אָבער, ווען זי האָט אַזוי געטראַכט, האָט זי זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן: „עך, צום טייוול! זאָל ער! סיי־ווי־סיי וועט מען דאַרפן אַמאָל מאַכן אַ סוף צו דעם אינגאַנצן"... און זי האָט זיך באַמיט מערניט צו טראַכטן דערפון.

אָבער ביסלעכווייז האָט זי גענומען טראַכטן דערפון אַלץ מער און מער. באַזונדערס האָט זי אַרויפגעפּירט אויף אַט די געדאַנקען דאָס נייע מיידל, די נוירס, וואָס איר מאַן האָט אָנגע־שטעלט ביי זיך אין קאַבינעט. אַ יונג, בלאָנד מיידל איז זי געווען, מיט בלויע, פריילעכע אויגן, און מיט אַ פאַרריסן נעזל. אין איר ווייסן יוניפאָרם מיטן טשעפּיק אויפן בלאָנדן קאָפּ האָט זי אויסגעזען העל און ליכטיק, און לאַלאַן האָט זיך אויס־געוויזן, אַז יענע מוז אַוודאי אינטערעסירן איר מאַן. און אפשר האָט ער זי טאַקע דערפאַר אָנגעשטעלט ביי אים אין קאַבינעט. און, ווער ווייסט, אפשר איז צווישן זיי שוין...

דערדאָזיקער געדאַנק, אַז ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר קאָפּ, האָט ער זי ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט דערפון געטראַכט סיי ביי דער אַרבעט אין שאַפּ און סיי אַפילו אויף די מיטינגען.

און דעמאָלט האָט זי געפילט, ווי זי האָט נאָך איר מאַן אַלץ ליב...

זי האָט געגומען קומען אַהיים פריער, געדרייט זיך פאַר זיינע אויגן, געפרואווט פאַרבינדן אַ שמועס מיט אים, און ער, אַזוי ווי אייז! אַמאָל געענטפערט אַ וואָרט און אויסגעמיטן דערביי צו קוקן אין איר זייט. צי ער איז גאָר אַוועק צו זיך אין קאַבינעט און האָט זיך דאָרט פאַרשפאַרט.

אַזאַ באַנעמונג האָט זי ווילד געמאַכט. זיין גלייכגילטיקייט צו איר און זיין איגנאָרירן זי איז איר געווען שווער אַריבער־צוטראָגן. און אַמאָל האָט זיך איר דעמאָלט געגלוסט צו זאָגן אַזוינס, וואָס זאָל אים אויפרעגן, צערייצן. זאָל ער זי זידלען, זאָל ער שרייען אויף איר, זאָל ער זי באַליידיקן, אַבי זאָל ער עפּעס זאָגן...

אין האַרצן ביי זיך האָט זי אים דעמאָלט געזידלט:

„געוואָרן באַלד ווי זיין ברודער. קאָן ניט פאַרטראָגן קיין קעגנער פון די בורזשוקעס און פון די עקספּלואַטאַטאָרס"...

אַן אַנדערש מאָל האָט זי אים אין די געדאַנקען געסטראַ־שעט:

אַט, זי וועט נעמען און אַנטלויפן פון הויז! זי וועט מיטנעמען קינדער און וועט אַנטלויפן... אויב ער האָט געפונען פאַר זיך אַ געליבטע, וועט זי געפינען פאַר זיך אַ געליבטן. זי וועט געפינען צען פאַר איינעם...

דעמאָלט האָט זי ביי זיך אויך אַמאָל געפרעגט: קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז זי האָט אים אויפגעהערט צו אינטערע־סירן אַפילו ווי אַ ווייב אויך?... שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג...

איינמאָל אויפדערנאַכט איז זי געשטאַנען אין באָד־צימער און האָט באַטראַכט איר נאַקעטן קערפּער. זי איז ערשט ניט לאַנג אַרויס פון דער וואַנע און איר גראַציעזער יונגער, פרישער קערפּער איז נאָך געווען נאַס. איז זי אַזוי געשטאַנען פאַרן שפּיגל און האָט געקוקט און באַטראַכט גליד נאָך גליד פון איר

וואונדערלעכן קערפּער. און דערנאָך האָט זי צו זיך געזאָגט שיער ניט מיט באַוואונדערונג:

„נאָך געגנוג שיין!"...

זי האָט אָנגענומען מיט די הענט אירע רונדע שטייפע בריסט און הייס אַרויסגעפּליסטערט:

„ווי ביי אַ יונג מיידל!"...

נאָכדעם האָט זי זיך אָנגעטאָן, פאַרפלאָכטן אירע ביידע שווערע צעפּ און האָט זיי אַריבערגענומען אויף פאָרנט, אַזוי ווי זי האָט זיי געטראָגן אַמאָל אין שווייצאַריע. דערנאָך איז זי אַריין צו זיך אין צימער און דאָרט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט פאַרן שפּיגל און זיך צוגעהערט צו דאָקטאָר ראַסקינס קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פון עס־צימער.

ער איז דאָרט געזעסן מיט קיטין אויפן שויס און האָט איר דערציילט אַ מעשה. לאַלאַ האָט זיך איינגעהערט, געוואָלט כאַפּן די ווערטער, כדי צו וויסן, ווען ער וועט דאָרט זיין מעשה ענדיקן...

דערנאָך איז זי אַרויס פון איר צימער און איז אַריינגעגאַנגען אַהין, וואו דאָקטאָר ראַסקין מיטן קינד זיינען געזעסן.

ער האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף איר. זי האָט אויסגעזען איצט, נאָך דער וואַנע, באַזונדערס פריש און אין אירע אויגן האָבן זיך געטוקט ליכטיקע פייערלעך.

מיט אַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן צו אים, כלומרשט גלייכגילטיק:

— האָסט דאָ ניט געזען מיין ציַיטונג?

האָט ער געענטפערט אויך אַזוי גלייכגילטיק, ווי זי, נאָר אַ ביסעלע פאַרוואונדערט:

— דו פרעגסט עס מיך?

— יאָ, דיך. האָסט ניט געזען דאָ מיין צייטונג?

— וועלכע צייטונג?

— מיין צייטונג, די סאָציאַליסטישע...

האָט ער קאַלט געענטפערט:

— דיינע צייטונגען אינטערעסירן מיך ניט. עס וואונדערט מיך גאָר, וואָס דו פרעגסט ביי דעם בורזשואַ אויף דיינער אַ צייטונג.

— יאָ, דו ביזט גערעכט. עס איז טאַקע אַ נאַרישקייט — האָט זי אַרויסגעמורמלט אונטער דער נאָז ברוגז און האָט זיך אַנגעבלאָזן.

נאָכדעם, ווען זי האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צו איר אין צימער, האָט דאָקטאָר ראַסקין זי באַגלייט מיט די אויגן און אויפן פנים ביי אים איז געווען ווי אָנגעשריבן: אָט אַזוי, דו וועסט שוין ביי מיר ווערן אַ מענטש! דיינע קאַפּריזן וועל איך שוין צוימען. און אַזוי משוגע וועסטו ביי מיר שוין ניט זיין!...

און זי, לאָלאַ, איז געזעסן אין איר צימער, און איז געווען אויסער זיך.

זי האָט געטראַכט: „וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי בעט מען זיך איבער מיט אים? פאַרוואָס האָט ער מיר איצט געענטפערט אַזוי גראָב, אַזוי קאַלט, ווען איך האָב ביי אים געפרעגט אויף מיין צייטונג?... ווען ער וואָלט מיר געענטפערט אַ ביסעלע פריינטלעכער... און אפשר בין איך געקומען צו אים ניט מיט די ריכטיקע ווערטער?... איך האָב געדאַרפט פריער וויסן, אַז ווען איך וועל פרעגן ביי אים אויף מיין סאָציאַליסטישער צייטונג, וועט דאָס אים נאָר אויפרעגן, דעם היינטיקן דאָקטאָר ראַסקין... און אויב אַזוי" — האָט זי זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן — „ווי קאָן איך גאָר טראַכטן פון אים און פון קושן אים? און דאָך... און דאָך"...

לאָלאַ האָט זיך מיטביידע הענט גענומען דריקן דעם קאָפּ. האָט זיך אויפגעהויבן פונם אָרט און איז אַוועק שפּרייזן איבער איר צימער אַהין און צוריק און האָט זיך געראַנגלט און געקעמפט מיט איר געפיל, וואָס האָט זי געשלעפּט און געצויגן צו אים.

אפשר, ווען זי זאָל זיך איבערבעטן מיט אים — האָט זי געטראַכט ווייטער — ווען זי זאָל לעבן מיט אים גוט און אין ליבע, וואָלט זי געקאָנט אויף אים ווירקן, וואָלט זי געקאָנט אים פאַרהיטן פון איינגעשלונגען ווערן אינגאַנצן פון זיין נייער סביבה, פון דעם נייעם קרייז און פון זיינע נייע פריינט...

זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דעם פּלאַץ, וואו זי איז פריער געזעסן, און זי האָט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן געקוקט אויף דער אָפענער טיר פון איר צימער און זיך צוגעהערט צו דאָקטאָר ראַסקינס קול, וואָס האָט זיך נאָך געטראָגן פונם עס־צימער, און צו דער מעשה, וואָס ער האָט נאָך דערציילט דאָרט קיטין.

אפשר זאָל זי פּרואוון ווידער? פאַרוואָס איז זי ניט צוגעגאַנגען צום קינד? פאַרוואָס האָט זי ניט געמאַכט בעסער אַ רייד מיט אים וועגן דעם קינד? דאָס וואָלט דאָך אים זיכער פאַראינטערעסירט... זי איז אַליין שולדיק... זי איז אַזוי פאַרכאַפּט און פאַרטשאַדעט געוואָרן פון דעם געפיל צו אים, אַז זי האָט אפילו פאַרגעסן אַ טראַכט צו טאָן וועגן קיטין.

און מיט אַ נערוועזן אימפּעט האָט זי זיך אַ הויב געטאָן פון איר אָרט און איז אַריינגעגאַנגען צוריק אין עס־צימער און איז גלייך צוגעגאַנגען צו קיטין, וועלכע איז נאָך געזעסן ביי איר פאָטער אויפן שויס, און געוואָלט איר עפּעס זאָגן; אָבער קיטי מיט צעפלאַמטע בעקעלעך, וואָס איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער מעשה, וואָס דער פּאַפּאַ האָט איר דערציילט, האָט אומגעדולדיק אָפּגעשטעלט איר מאַמע מיט איר הענטל און אַ שאָקל געטאָן איר קאָפּ מיט די שוואַרצע לאָקן.

דאָקטאָר ראַסקין האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן אין זיין בערדל אַריין און זיך אָנגערופן, ניט־קוקנדיק אויף לאַלאַן:

— דאָס איז די שטראָף פאַר אַ מאַמע, וואָס איז קיין מאַמע ניט...

און דערנאָך האָט ער דערציילט ווייטער זיין מעשה שוין

מיט נצחון אין קול. לאַלאַ האָט געשוויגן און געשמייכלט צע־מישט און געוואַרט ביז וואַנען איר מאַן וועט ענדיקן זיין געשיכטע.

אָבער, ווען דאָקטאָר ראַסקין האָט געענדיקט, איז קיטי גלייך אַרונטערגעשפּרונגען פון זיין שויס און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר מאַמע און זיך צוגעדריקט צו איר.

זי האָט איר מאַמע ליב געהאַט און זי האָט זיך זייער געפרייט, ווען איר מאַמע איז מיט איר געווען.

און מיט אַ צעלויכטענעם פּנים האָט לאַלאַ, האַלטנדיק איר האַנט ביים קינד אויפן קאָפּ, זיך דעמאָלט אַ קער געטאָן צו איר מאַן און געזאָגט מיט יענע באַזונדערע ברוסטיקע טענער אין איר קול, וואָס זיינען אַזוי ווי געטונקט געווען אין פייער:

— זי ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ שענער און שענער, אונדזער קיטי!

— אַזוי? מיט יעדן טאָג? — האָט דאָקטאָר ראַסקין איר געענטפערט מיט קאַלטן שפּאָט — דו זעסט זי דען יעדן טאָג?

לאַלאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם האָט זי באַמערקט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל:

— דערפאַר, סאַשאַ, קאָן איך דאָך אָפּשאַצן, ווי זי ווערט שענער. ווען איך זאָל זי זען יעדן טאָג, וואָלט איך דאָס ניט געקאָנט באַמערקן.

— גערעכט! — האָט ער אַרויסגעמורמלט אונטער דער נאָז און אַ רוף געטאָן די גוואוורנאַנטקע און איר געהייסן, אַז זי זאָל לייגן קיטין שלאָפן. קיטי אָבער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די מאַמע זאָל איר היינט לייגן שלאָפן.

איז לאַלאַ דאַן אַוועק מיט קיטין אין איר צימער און די גוואוורנאַנטקע נאָך זיי.

און ווידער האָט דאָקטאָר ראַסקין זי איצט באַגלייט מיט די אויגן און מיט אַ צופרידענעם שמייכל, וואָס האָט ווי גערעדט:

„אַט אַזוי־אַ! נאָך אַ ביסעלע, נאָך אַ ביסעלע און זי וועט ווערן סיי אַ גוטע מאַמע און סיי אַ גוטע ווייב. מען דאַרף איר נאָר ווייזן כאַראַקטער".

יענעם אויפדערנאַכט האָט לאַלאַ פאַרבראַכט ביי קיטין אינם צימער אַ שטיק צייט און איר דערציילט מעשיות און געזונגען פאַר איר לידלעך, ביז קיטי איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און דערנאָך, ווען זי איז אַרויס פון קינדס צימער, איז שוין דאָקטאָר ראַסקין אינם הויז ניט געווען. צי ער איז אַוועקגעגאַנגען צו אַ פּאַציענט, אָדער ערגעץ צו אַן אונטערהאַלטונג, צי אפשר איז ער גאָר אַוועק ערגעץ מיט דער בלאָנדער זיינער, — דאָס האָט לאַלאַ ניט געוואוסט; עס איז אָבער איר זייער שווער געוואָרן אויפן האַרצן און שרעקלעך אומעטיק...

שפּעט איז זי יענעם ביינאַכט געגאַנגען שלאָפן און האָט לאַנג, לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפן און האָט זיך אַלץ צוגעהערט, טאָמער קומט ער, טאָמער גייט ער. די טיר פון איר שלאָף־צימער, וואָס זי האָט די לעצטע צייט געהאַלטן צוגעמאַכט, האָט זי היינט געלאָזט ברייט אָפן...

און גאַנץ שפּעט האָט זי דערהערט, ווי ער איז אַריינגעקומען אין הויז און זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אויף איר געלעגער. זי האָט אַ הוסט געטאָן, און ווידער אַ הוסט געטאָן, כדי צו לאָזן אים וויסן, אַז זי האָט נאָך ניט געשלאָפן, און זי האָט געוואַרט און געוואַרט מיט אַלע אירע גלידער, מיט יעדן טראָפּן פון איר אָנגעצונדענעם בלוט, און צום סוף האָט זי דערהערט, ווי ער איז אַריין דאָרט צו זיך אין צימער און ווי ער האָט דאָרט עפּעס אַ רוק געטאָן, צי דאָס בעט, צי אַן אַנדער שטיק מעבל...

ער איז ניט אַריינגעקומען צו איר. זי האָט זיך מיט די ציין איינגעשטשעמעט אין איר קישן און האָט געקרעכצט...

און אין יענער נאַכט, ווען זי האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן, איז ביי איר ווידער געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן

אַ געליבטן, און זי האָט געטראַכט וועגן דעם מיט אַ מין פייער־דיקער עקשנות, מיט אַ ברענענדיקן צו־להכעיס געפיל. זי וועט אים שוין ווייזן...

און אין אירע געדאַנקען האָבן זיך דורכגעטראָגן די אַלע מענער, וואָס זי האָט דאָ געקענט און מיט וועלכע זי איז געקומען אין טאָג־טעגלעכער באַרירונג. איינער נאָך דעם אַנדערן האָבן זיי זיך פאַרבייגעטראָגן אין איר פאַנטאַזיע — יונגע, געזונטע, בלאָנדינען, ברונעטן, אַנדערע פון זיי שיינע און סימפּאַטישע, אָבער אויף קיין איינעם פון זיי האָט זי זיך ניט געקענט אָפּ־שטעלן. ווייל לאָלאַ האָט געקענט האָבן אינטימען פאַרקער בלויז מיט אַ מאַן, וואָס זאָל זיין גלייכן אין אינטעליגענץ און אין גייסט, און די אַלע, מיט וועלכע זי האָט זיך איצט געטראָפן, זיינען געווען אַפילו ערלעכע, סימפּאַטישע מענטשן, יוניאָן־טוערס און סאָציאַליסטן, אָבער האַלבע אינטעליגענטן, צי נאָך ווייניקער...

ניין, לאָלאַ וואָלט בשום אופן ביי זיך ניט געקענט פועלן צו האָבן אינטימע באַציאונגען מיט אַ מאַן פון ניט איר גייסטיקן וואוקס, האָט ער פיזיש געמעגט זיין אַפילו דער שענסטער מאַן...

אָבער אויף מאָרגן נאָך יענער נאַכט, ווען זי איז אויפ־געשטאַנען, האָט זי שוין אַנדערש געפילט. זי האָט געלאַכט פון זיך אַליין פאַר דעם נעכטיקן ביינאַכט, און ווען זי האָט געטראָפן איר מאַן, איז זי אים פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ שטר־מען, שפּאָטישן שמייכל.

שפּעטער ביי דער אַרבעט אינם שאַפּ האָט זי אויף אַ רגע ווידער אַ טראַכט געטאָן וועגן אַ געליבטן, אָבער נאָר אויף א רגע. מחמת איצט, ווען זי איז געווען רואיק, ווען איר בלוט האָט ביי איר ניט גערעדט און ניט געפּאָדערט, האָט זי געקאָנט טראַכטן וועגן אַנדערע ענינים, וואָס האָבן זי מער און כמעט די גאַנצע צייט אינטערעסירט...

און געטראַכט האָט זי פון איר ארבעט אין דער באַוועגונג, וועגן איר ווירקונג דאָרט און וועגן דער ליבע און דער פאַר־ערונג, וואָס די אַרבעטער־מאַסן האָבן ארויסגעוויזן צו איר.

און דאָס איז איר האַרצן נעענטער געווען. דאָס האָט גע־שטאַרקט אירע כוחות און באַפליגלט איר ענערגיע, צו אַרבעטן פאַר אָט די אַלע טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס די היינטיקע אָרדענונג האָט זיי פאַרוואַנדלט אין „הענט״, און דער עיקר אין „הענט״...

און מיט נאָך מער פייער, איידער פריער, האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און געזוכט זיך דאָרט אויסצולעבן אינגאַנצן. זי האָט גערעדט אויף די מיטינ־גען, אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען, האָט געברענט אַליין מיט באַגייסטערונג און האָט אָנגעצונדן אַנדערע מיט באַגייסטערונג און איז פאַרשיכורט געווען פון די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס זי האָט באַקומען...

זעלטן האָט זי איצט באַזוכט אַ טעאַטער, צי די אָפּערע, הגם זי איז געווען אַ גרויסע ליבהאָבערין פון אָט דיביידע זאַכן, אַזוי פאַרכאַפּט איז זי געווען פון איר אַרבעט אין דער באַ־וועגונג.

און מיט דער צייט איז זי אויך אַריינגעטראָטן אָפיציעל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און אויף די מיטינגען פון דער פּאַרטיי האָט זי זיך געפילט אַ סך היימישער, איידער אַמאָל אויף די פאַרזאַמלונגען, וואָס זי האָט זיי דאָ באַזוכט מיט דאָק־טאָר ראַסקינען. אויף אָט די מיטינגען פון דער פּאַרטיי זיינען פאַרהאַנדלט געוואָרן די פּראָבלעמען, וואָס זיינען איר נאָענט געווען און די מענטשן אַליין, מיט וועלכע זי האָט זיך דאָרט געטראָפן, זיינען איר אויך נעענטער געווען.

אמת, גאָר צופרידן איז זי איצט אויך ניט געווען מיט די היגע סאָציאַליסטן און מיט זייערע מיטינגען: צו וואָכעדיק האָבן זיי איר אויסגעוויזן. עס האָט ביי זיי אינגאַנצן געפעלט

יענע אידעאַליסטישע אַטמאָספּערע פון די רוסישע רעוואָלוציאָ־נערן, צו וועלכע זי האָט אַמאָל געהערט אין שווייצאַריע. צו רואיק און געשעפטסמעסיק האָבן די היגע סאָציאַליסטן זייערע מיטינגען געפירט, צו רואיק פאַר איר קאָכעדיקער, שטורמישער נאַטור.

דאָך אָבער האָט זי מיט זיי געהאַט אַ סך געמיינשאַפט־לעכס. זיי האָבן זי פאַרשטאַנען און זי — זיי...

און באַלד האָט זי פאַרנומען צווישן זיי אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ.

מיט די אינטעליגענטערע פון זיי האָט זי זיך באַפריינ־דעט, און אַזוי האָט זי זיך דערמאָלט געשאַפן אַ קרייז מענטשן מיט וועלכע זי האָט זיך געקענט טרעפן און האָט זיך געטראָפן, ניט דווקא אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען אַליין.

און געמיינט האָט זי דעמאָלט, אַז די גייסטיקע אינטערעסן בלויז, דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איבערהויפּט, האָבן די־דאָזיקע באַציאונגען געשאַפן צווישן איר און אירע סאָציאַליסטי־שע געגנאָסן. אין דער אמתן אָבער זיינען אירע פריינטלעכע באַציאונגען אַרויסגערופן געווען און אויפגעהאַלטן געוואָרן פון דער באַוואונדערונג, וואָס זיי האָבן צו איר אַרויסגעוויזן און וואָס האָט איר אינגאַנצן איצט געפעלט אין דער היים.

זיי, די סאָציאַליסטישע גענאָסן אירע, האָבן געזען אין איר אַן אויסערגעוויינלעך־געבילדעטע און גייסטרייכע פרוי, אַ סאָציאַליסטקע מיט כמעט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט אין זייער טעטיקייט דעם גאַנצן ברען און דעם ענטוזיאַזם פון איר גרויסן טעמפּעראַמענט, און זיי האָבן זי פאַרערט און באַוואונדערט.

און הגם זיי אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי און איר מאַן זיינען געווען צוויי פרעמדע, שיר ניט פיינטלעכע וועלטן, און הגם זי איז געווען אַזאַ רייצנדע פרוי, וואָס זי האָט געכישופט ממש מיט יעדן ריר און באַוועגונג פון איר שלאַנקן, גראַציעזן גוף,

מיטן ברעג פון אירע קאָכעדיקע, שוואַרצע אויגן און מיטן בליאַסק פון אירע ווייסע ציין, בעת איר טונקעלער ציגיינער־פּנים האָט זיך אַמאָל צעלויכטן מיט אַ שמייכל, וואָס איז ווי אין זון געטונקט געווען, — האָט דאָך קיינער פון זיי אין יענער צייט זיך ניט דערוועגט אַפילו מיט קיין געדאַנק צו פאַרשוועכן די־דאָזיקע פרוי...

און זי האָט זיך געפילט באַפרידיקט פון דערדאָזיקער פאַרערונג.

דאָקטאָר ראַסקינען האָט שוין איצט פאַרדראָסן פאַר זיין „קלוגער" דיפּלאָמאַטיע, וואָס ער האָט אָנגעווענדט קעגן איר פריער, בעת ער האָט באַמערקט, אַז זי וויל זיך מיט אים אי־בערבעטן. איצט האָט ער שוין געזוכט מיט איר גוט צו ווערן, אָבער עס איז אים אַלץ ניט געלונגען. עס האָט זיך אים אויס־געוויזן, ווי זי וואָלט אים מיט אַ כיוון איצט אויסגעמיטן.

8

און איינמאָל, ווען לאָלאַ איז געקומען אַהיים, האָט דאָק־טאָר ראַסקין זי איבעראַשט. ער האָט זי אויפגענומען מיט די ווער־טער, אַן אויפגערעגטער:

— איך וואַרט אויף דיר, לאָלאַ.

— דו אויף מיר? וואָס איז? — האָט זי אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— דאָס קינד איז קראַנק. שרייט, אַז עס וויל די מאַמען. אפשר וועט דאָס דיך דערמאָנען, אַז דו ביסט אַ מאַמע...

עס איז געווען אין אַ ווינטערדיקן אויפדערנאַכט. לאָלאַ איז אָנגעטאָן געווען אין אַ פעלץ, וואָס זי האָט נאָך געהאַט פון רוסלאַנד, האָט זי האַסטיק אים פון זיך אַרונטערגעוואָרפן, און איז אַריינגעלאָפן צום קינד אין צימער.

קיטי איז מיט צעפלאַמטע בעקעלעך געלעגן דאָרט אין איר

בעטל, מיט די שוואַרצע האָר צעוואָרפן איבערן ווייסן קישן. זי איז געשלאָפן מיט צוגעמאַכטע אויגן און שווער געסאָפּעט. אַ יונגע קראַנקן־וועכטערין איז געזעסן דאָרט אויף אַ שטול ניט ווייט פונם בעטל און האָט געקוקט אויף אַ טערמאָמעטער, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

לאַלאַ, אַז זי האָט איצט דערזען קיטין, האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים און ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן:

— מיין קינד, מיין בייבי!

די קראַנקן־וועכטערין האָט איר איבערגעשלאָגן מיט אַ פליסטערן:

— ש... שאַ! וועקט עס ניט, עס איז ערשט איינגעשלאָפן...

— וואָס איז מיט איר?

— דיפטעריע — דענקט דער דאָקטאָר.

— דיפטעריע — האָט לאַלאַ צעמישט אַרויסגעמורמלט און זי איז אויף די שפּיץ־פינגער אַרויסגעגאַנגען פון איר קינדס צימער און אַריינגעלאָפן צו איר מאַן אין קאַבינעט.

דאָקטאָר ראַסקין איז דאָרט אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק אַ נערוועזער און האָט זיך יעדע ווײַלע צוגעהערט, צי מען רופט אים ניט פון זיין קינדס צימער.

לאַלאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט שרעק אינם קול:

— סאַשאַ, וואָס איז מיט קיטין?

— דיפטעריע אין אַ שווערער פאָרם — האָט ער געענטפערט הייזעריקלעך און געקוקט אויף איר מיט צעטראָגענע אויגן.

— סאַשאַ, איז זי געפערלעך?

ער האָט ניט געענטפערט.

— סאַשאַ, ראַטעווע זי, ראַטעווע קיטין. טו וואָס דו קאָנסט. עס זיינען דאָך דאָ ספּעציעלע גרויסע קינדער־דאָקטוירים, רוף...

— רואיק! — האָט ער זי נערוועז איבערגעשלאָגן — דו רייד ניט, פון דיר וויל איך ניט הערן וועגן קינד!

לאָלאַ האָט זיך צעוויינט.

— סאַשאַ, דו וועסט זיך אָן אַנדערש מאָל מיט מיר אויס־רעכענען. זע צו ראַטעווען דאָס קינד!

— בלייב דאָ און צום קינד אין צימער זאָלסטו ניט אַריינ־גיין אַ וויינענדיקע. אַ מאַמע מיטאַמאָל געוואָרן! — האָט ער אַרויסגערעדט אונטער דער נאָז און איז אַרויס פונם צימער.

ער איז אַריינגעגאַנגען צום קראַנקן קינד, האָט געפרעגט עפּעס דאָרט ביי דער קראַנקן־וועכטערין און געגעבן ווייטערדיקע אָרדערס.

אין יענער נאַכט האָט לאָלאַ אויף קיין איין מינוט ניט פאַרלאָזן קיטיס צימער און איז געזעסן דאָרט צוזאַמען מיט דער קראַנקן־וועכטערין. דורך דער נאַכט איז דאָקטאָר ראַסקין אַריינ־געקומען אַ מאָל פינף־זעקס און יעדעס מאָל האָט ער דאָרט געטראָפן לאָלאַן.

אַ צען טעג האָט מען קיטין געהאַלטן אינם בעטל אין איר צימער און די גאַנצע צייט האָט לאָלאַ זי אויף קיין איין שעה ניט פאַרלאָזן, אַזוי ווי זי וואָלט מיט איר איצטיקן אָפּגעבן זיך צו קיטין געפּלייסט זיך גוטצומאַכן אַן עוולה, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן איר.

דאָקטאָר ראַסקין איז אויך יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט געהאַט, געווען לעבן קינד. און דאָ האָבן זיי זיך איבער־געבעטן. דאָס איז געקומען פון זיך אַליין, אָן שום אָנשטרענגונג ניט פון זיין זייט און ניט פון איר זייט און אָן שום „דיפּלאָ־מאַטיע". אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן איז עס געקומען ביי זיי. ווען דאָס קינד איז אין געפאַר געווען, האָבן זיי ביידע זיך גלייך געשראָקן. ווען עס האָט זיך גענומען בעסערן, האָבן זיי ביידע גלייך זיך געפרייט, און ווען עס איז אינגאַנצן אַרויס פון געפאַר, זיינען זיי ביידע גליקלעך געווען. אונטער אַט דער

צייט האָבן זיי גערעדט איינער מיטן אַנדערן, געטיילט זיך איינער מיטן אַנדערן מיט די אײַנדרוקן, הגם סיי זייערע רייד און סיי די איינדרוקן האָבן דערווייל אַ שייכות געהאַט בלויז מיט דעם צושטאַנד פון זייער קינד.

ביז איינמאָל ביינאַכט, ווען זייביידע זיינען אַרויסגעגאַנגען גליקלעכע, צופרידענע פון קיטיס צימער, איז ער צוגעפאַלן צו לאַלאַן און אין דער זעלביקער רגע זי צו אים, ווי פון איין שטויס געשטויסן און פון איין כאַפּ געכאַפּט, און זיי האָבן זיך פאַרלוירן איינער אין דעם אַנדערנס אָרעמס...

און אַ ניי לעבן האָט זיך ביי זיי פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן. זיי האָבן נאָכאַמאָל איבערגעלעבט זייער „האָניק־מאָנאַט”. און דאָקטאָר ראַסקין האָט געטענהט, אַז ער האָט ערשט איצט צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אמתן גליק...

איינער האָט דעם אַנדערן געזוכט צופרידנצושטעלן. דאָקטאָר ראַסקין האָט עטלעכע מאָל געגעבן געלט פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זי האָט אויסגעמיטן צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט סיי וועגן זיין ברודער און סיי וועגן זיין שוועגערין, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פרעמד, אַפילו פיינטלעך צו איר...

אין יענער צייט האָט זי איינמאָל זיך אָנגערופן צו דאָקטאָר ראַסקינען:

— דו ווייסט, סאַשאַ, איך האַלט, אַז דיין ברודער איז אַ גאַנץ פיינער מענטש, אַ גוטער ברודער און איז אפשר גוט צו פרעמדע מענטשן אויך. אייגנטלעך איז ער דאָך ניט שולדיק וואָס ער איז אַן עקספּלואַטאַטאָר. שולדיק אין דעם איז די היינטיקע אָרדענונג, די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, און ניט ער!

זי האָט געוואוסט, אַז קיין גרויסע חכמה האָט זי דערמיט ניט געזאָגט און קיין נייס איז דאָס אויך ניט געווען פאַר אים, מחמת ער אַליין און צענדליקער אַנדערע האָבן ניט איינמאָל געזאָגט, אַז ניט די מענטשן זיינען שולדיק, וואָס זיי עקספּלואַ־

טירן די אַנדערע, נאָר דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אָבער זי האָט עס אים איצט געזאָגט, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז עס וועט אים זיין אָנגענעם צו הערן עס פון איר וועגן זיין ברו־דער...

און ער אַליין האָט איר אויך צוליב געטאָן און אַוועק־געשיקט די בלאָנדע „נוירס" און גענומען אַן אַנדערע, מחמת ער האָט דערפילט, אַז די בלאָנדע נוירס געפעלט ניט לאָלאַן...

איצט האָט אַ טייל פון די געגנאָסן, וואָס זי האָט זיך מיט זיי געטראָפן אַמאָל אויסער די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אָנגעהויבן צו קומען צו איר אַהיים אויך, זיינען געוואָרן אירע הויז־פריינט, און גאַנץ אָפט האָט דאָקטאָר ראַסקין מיט זיי אויך פאַרבראַכט און האָט דערציילט וועגן דעם פריערדיקן רעוואָלוציאָנערן לעבן אין שווייצאַריע. און בשעת ער האָט דער־ציילט האָט לאָלאַ געלויכטן און געטראַכט האָט זי דעמאָלט:

„ער קומט צוריק, מיין סאַשאַ" !...

אים צוליב האָט זי איצט אויפגעהערט גיין אין שאָפּ אַרבעטן און איז ניט אַזוי אָפט געגאַנגען צו די מיטינגען און האָט איר גאַנצע צייט איצט אָפּגעגעבן צו איר קינד און צו אים. זי האָט געלערנט מיט קיטין, געשפּאַצירט מיט איר אי־בער פעירמאָונט פּאַרק און האָט איר דערקלערט וועגן די פאַר־שיידענע בלומען און פלאַנצן, וואָס זיינען דאָרט געוואַקסן און וועגן די פויגלען און חיות, וואָס זיי האָבן דאָרט געזען.

די גוואווערנאַנטקע האָבן זיי ניט אָפּגעזאָגט, אָבער לאָלאַ האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דער דערציאונגס־מעטאָדע פון דער גוואווערנאַנטקע, און אַמאָל האָט זי איר אויף עפּעס אויפ־מערקזאַם געמאַכט.

קיטי, אַ בילד פון לאָלאַ אין איר עלטער, איז שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו איר מאַמען פאַר אָט דער צייט. קיינער, ניט דער פאַפּאַ און ניט די גוואווערנאַנטין האָט געקאָנט זי אַזוי פאַראינטערעסירן מיט דעם, וואָס זי האָט גערעדט און

דערציילט, ווי איר מאַמע, און קיינער איז ניט געווען אַזוי שיין און אַזוי פריילעך און האָט ניט געקאָנט אַזוי לאַכן און אַזוי שטיפן, און שפּילן זיך, ווי איר מאַמע...

זי, לאָלאַ, איז איצט אָפּט געגאַנגען מיט דאָקטאָר ראַסקין אין טעאַטער און אין דער אָפּערע און אַמאָל אַפילו צו אַן אונטערהאַלטונג אין אַ הויז פון זיין נייעם קרייז.

און צו אַזאַ אונטערהאַלטונג איז לאָלאַ אויך געגאַנגען נאָר כדי אים צוליב טאָן. ווייל די מענטשן, וואָס זי האָט אין אַזאַ געזעלשאַפט געטראָפן, איבערהויפּט די פרויען, האָבן זי ניט אינטערעסירט, זיינען איר געבליבן פרעמד, אַזוי ווי פריער. און כמעט שטענדיק, ווען זי איז געקומען צו אַזאַ אונטערהאַלטונג, האָט זי באַליידיקט דעם „שיינעם טאָן" פון די פאַרזאַמלטע געסט מיט איר האַלטונג, מיט איר אָפנהאַרציקייט און מיט אירע מיינונגען...

די מענטשן פון יענעם קרייז, סיי די מענער און סיי די פרויען, האָבן צווישן זיך זי גערופן: „די רויטע לאָלאַ", אָדער „דאָקטאָר ראַסקינס אַנאַרכיסטקע", און ווען זי וואָלט ניט געווען די פרוי פון דאָקטאָר ראַסקין און די שוועגערין פון דעם רייכן מיסטער ראַסקין, וואָלט מען זי דאָ קיינמאָל ניט איינגעלאַדן. אַזוי אָבער האָט מען זי דאָרט אויפגענומען מיט געמאַכטער פריינטלעכקייט, און דערביי טאַקע זיך געהיט פון אַריינצולאָזן זיך מיט איר אין אַ דיסקוסיע וועגן עפּעס, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז זי האָט געהאַט אַ „גיפטיקע צונג", און אַז זי האָט זיך ניט צערעמאָניעט מיט קיינעם.

די מערסטע פרויען האָבן איר מקנא געווען. און אַמאָל, ווען זי האָט אַרויסגעזאָגט אַ צו שאַרפע און דרייסטע מיינונג וועגן עפּעס, וואָס האָט שאָקירט די אַנדערע און באַליידיקט דעם „שיינעם טאָן", האָט זיך צו איר צוגערוקט עמיצער פון די דאָרטיקע פרויען מיט אַ פאַרסודעטן בליק אין די אויגן און האָט צו איר שטיל אַרויסגעפליסטערט: „אַ, טייערע מיסעס

ראַסקין, עס איז דאָך אַזוי אמת, וואָס איר זאָגט, מיט מיין גאַנצן האַרצן בין איך מסכים מיט אייך״.

האָט לאָלאַ דעמאָלט אויך מיט אַזאַ פאַרסודעטער מינע אין אירע אויגן איר געענטפערט אויך מיט אַ פליסטערן, כלומרשט שטאַרק ערנסט:

— אויב איר זייט מסכים מיט מיר, זאָגט עס אַרויס אָפן. עס איז ניט שיין, מאַדאַם, ווען מען האָט מורא צו זאָגן דעם אמת. מען איז דעמאָלט אַ היפּאָקריטקע!...

איז יענע דאַמע, געוויינלעך, דעמאָלט בלייך און רויט געוואָרן און האָט צעטומלט געקוקט אויף לאָלאַן און האָט זיך ביזן ביין געערגערט, פאַרוואָס זי האָט זיך גאָר אָנגעהויבן מיט דער „רויטער לאָלאַן״.

און אַז זי, לאָלאַ, איז נאָכדעם געפאָרן אַהיים מיט איר מאַן פון אַזאַ אונטערהאַלטונג, האָט זי צו אים טענות געהאַט, פאַרוואָס ער שלעפּט זי צו אָט די מענטשן. און זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער דאַמע און אָן דער אַנדערער, אָן דעם גאַסט און אָן דעם אַנדערן, און האָט געלאַכט און געלאַכט...

דאָקטאָר ראַסקין האָט דעמאָלט מיטגעלאַכט מיט איר. דערביי אָבער האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן איר צו באַמערקן אויף אַ זייער פאַרזיכטיקן אופן, אַז זי האָט זיך ניט געדאַרפט מיט זיי אַזוי האַלטן...

— ווען דו קומסט צו זיי — האָט ער זיך כמעט געבעטן ביי איר — האַלט זיך אַ ביסעלע פאַרקנעפּלט.

האָט זי געלאַכט:

— עס זיינען ניטאָ אויף דער וועלט אַזעלכע שטאַרקע קנעפּלעך, וואָס זאָלן מיך קאָנען האַלטן צוגעקנעפּלט, סאַשאַ. דו ווייסט עס!...

— אוי, ווייס איך עס! — האָט ער אויך אַ לאַך געטאָן.

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ יאָר און אַזעלכע צאַנקערייען, ווי פריער, זיינען צווישן זיי מער ניט פאַרגעקומען. אָבער גאָר

צופרידן זיינען זיי אויך ניט געווען איינער פונם אַנדערן: אַמאָל האָט ער געוואָלט גיין מיט איר אין אַ טעאַטער און זי איז גאָר אַוועק צו אַ מיטינג; צי אַמאָל איז זי קעגן זיין ווילן גע־פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט צו האַלטן דאָרט רעדעס אויף פאַר־זאַמלונגען. דאָס אַלץ אָבער זיינען געווען קליייניקייטן, וועלכע האָבן ניט געמאַכט קיין טיפן ריס אין זייער צוזאַמענלעבן. אַפילו די באַציאונגען צווישן איר און זיין משפחה זיינען פאַר דער צייט אויך בעסער געוואָרן. מיסטער ראַסקין און זיין פרוי האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיי צוגאַסט, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, און זיי האָבן זיך פריינטלעך אונטערהאַלטן מיט איר. דערביי אָבער האָבן זיי שטענדיק אינם זינען געהאַט, אַז זי איז געווען אַ געפערלעכער מענטש און מען האָט זיך ניט געדאַרפט אַריינ־לאָזן מיט איר אין קיין דיסקוסיעס וועגן וועלכן ניט איז ענין...

און מיטאַמאָל איז לאָלאַן מיאוס געוואָרן דאָס „אַנשטענ־דיק" לעבן, וואָס זי האָט די לעצטע צייט געפירט, און עס האָט איר אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן אין דער היים. זי, לאָלאַ, האָט לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן די ראָל פון אַן איבערגע־געבענער מוטער און אַ פאַרליבטער ווייב. עס איז איר ממש ענג געוואָרן ביי איר אינדערהיים און זי האָט זיך ווידער אַריינ־געוואָרפן, ווי גאָר אין דער ערשטער צייט, אין דער באַוועגונג.

אָוונט נאָך אָוונט איז זי אַוועקגעגאַנגען פון דער היים און האָט זיך צוריקגעקערט נאָך האַלבער נאַכט.

דאָס האָט געפירט צו נייע צאַנקערייען צווישן איר און איר מאַן, וואָס זיינען געוואָרן אַלץ שאַרפער און ביטערער.

דאָס מאָל האָט ער שוין ניט געפירט מיט איר קיין „פאָ־ליטיק". איצט איז ער זי כסדר באַפאַלן מיט די שאַרפסטע ווערטער. באַפאַלן זי, פאַרוואָס זי איז געווען אַ רעדנערין; פאַר־וואָס זי האָט זיך געשטופט אַזוי אין דער עפנטלעכקייט; באַ־שולדיקט זי, אַז זי זוכט רעקלאַמע, זוכט, אַז די צייטונגען

זאָלן טומלען וועגן איר. און ער האָט איר געוואָרנט, אַז דאָס מאָל וועט זי מוזן מאַכן אַ סוף צו דעם. זי וועט זיך מוזן אויס־קלייבן: אָדער די היים און די טאָכטער און דעם מאַן, אָדער...

און פאַר כעס האָט ער איצט פאַר איר אויך ניט גע־לייקנט, אַז ער איז שוין ניט געווען מער דער פריערדיקער רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט. אַ דאַנק איר, האָט ער איצט אַ גאַנץ אַנדער בליק געהאַט אויף דעם — האָט ער גערעדט מיט גאַל. וואָרים אויב דאָס, וואָס זי טוט, איז סאָציאַליזם און אויב דאָס מיינט צו זיין רעוואָלוציאָנער, — איז צום טייוול דערמיט און צום טייוול אַזאַ ווייב!...

אַזוי פאַרביטערט קעגן לאָלאַן איז איצט געווען דאָקטאָר ראַסקין און אַזוי פאַרביטערט האָט ער זי איצט באַקעמפט. ער האָט געוואָלט ברעכן איר עקשנות, האָט ניט געקענט און איז נאָך מער פאַרביטערט געוואָרן...

און דער סוף פון דעם איצטיקן קאַמף איז געווען, אַז לאָלאַ האָט אַ מאַך געטאָן אויף אים מיט דער האַנט און האָט זיך איינגאַנצן אויפגעהערט צו רעכענען מיט אים....

אין אַט דער צייט האָט אויסגעבראָכן איינער פון די גרעסטע סטרייקס אין דער נאָדל־אינדוסטריע, וואָס פילאַדעלפיע האָט אַמאָל געהאַט.

די אַרבעטער פון עטלעכע גרויסע שעפּער זיינען אַרויס אויף אַ סטרייק און זיי האָבן פאַראייניקטערהייט געקעמפט פאַר בעסערע באַדינגונגען.

דערדאָזיקער קאַמף, אַ פאַרביטערטער, אַן עקשנותדיקער, איז אויך געשטיצט געווען מיט געלט פון אַרבעטער פון אַנדערע אינדוסטריעס. רעדנער פון ניו־יאָרק זיינען געקומען און פון דער אַמעריקן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר. די פאַבריקאַנטן האָבן אויך ניט געשוויגן.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, ווען זיי האָבן זיך שטאַרק געבויטיקט אין „הענט", און זיי האָבן,

ווי דער שטייגער איז, זיך פאַרזאָרגט מיט „סקעבס”, מיט פּאָ־
ליציי און מיט „וואָראַנטס” קעגן די פירער פון אַט דעם סטרייק.

באַזונדערס אויסגעצייכנט האָט זיך אין דעם דאָזיקן סטרייק,
לאַלאַ, ניט נאָר אַלס רעדנערין, נאָר אויך אויף דער „פּיקעט
לאַין”. בעת די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע
אַרום די שעפּער, איז זי אין פאָראויס געגאַנגען צווישן אַ ריי
יידישע אַרבעטער, וואָס אַנדערע האָבן אויסגעזען מיט זייערע
בערד און זייערע קאַפּעלושן, ווי היימישע קליינשטעטלדיקע
יידן, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַרונטער פון דער שיף...

די מערסטע פון אַט די סטרייקערס האָבן געטראָגן אויף
זיך פּלאַקאַטן, איינעם פון פאָרנט און איינעם פון הינטן, מיט
גרויסע ווערטער, וואָס האָבן אָנגערופן דעם שאַפּ אין וועלכן
זיי האָבן געסטרייקט. און לאַלאַ האָט אויך געטראָגן אַ פּלאַקאַט
מיט גרויסע ווערטער: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייי־
ניקט אייך, קעמפט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם!”

און ביי די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס איז כמעט שטענדיק
פאַרגאָסן געוואָרן בלוט. געוויינלעך, זיינען זיי פאַרגעקומען
אינדערפרי, ווען מען האָט געפירט די סקעבס אין אויטאָמאָ־
בילן צו דער אַרבעט אין די שעפּער, אָדער פאַרנאַכט, ווען מען
האָט זיי פון דער אַרבעט געפירט. די סטרייקערס און די אַנ־
דערע, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט זיי, זיינען דעמאָלט באַ־
פאַלן די סקעבס אין די אויטאָמאָבילן און די פּאָליציי, וואָס
האָט זיי באַוואַכט, מיט אַ טומלדיקן „בו־ר־ו”, און עס האָט זיך
אָנגעהויבן אַ געשלעג. דערביי האָט מען קעפּ געשפּאָלטן און
כמעט שטענדיק האָט מען צענדליקער סטרייקער אַרעסטירט...

און לאַלאַ איז אַלעמאָל געווען אין דעם סאַמע קאָך פון
אַט־די בלוטיקע געשלעגן. זי איז ניט געווען די איינציקע פרוי
אויף דער פּיקעט־לאַין. צענדליקער אַנדערע מיידלעך האָבן אָנ־
טייל גענומען אין דידאָזיקע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אַרום די
שעפּער אויף דער פּיקעט־לאַין. זיי האָבן דערמונטערט די מענער

צו קעמפן פאַר זייערע אַרבעטער־אינטערעסן און, אַזוי ווי די מענער, האָבן זיי זיך געשלאָגן מיט די סקעבס, זיך געשטעלט קעגן דער פּאָליציי און, פּונקט אַזוי ווי די מענער, זיינען זיי אַרעסטירט געוואָרן...

און אויף איינער פון אָט־די דעמאָנסטראַציעס איז אויך לאָלאַ אַרעסטירט געוואָרן. אויף יענער דעמאָנסטראַציע האָט די פּאָליציי באַזונדערס פלייסיק געאַרבעט מיט זייערע פויסטן און מיט זייערע האַרטע שטעקלעך. אַנגעפירט פון אַ קעפּטן, האָבן זיי, אין די לאַנגע בלויע מאַנטלען, און מיט די שטעקלעך אין די הענט, מיט ווייסע האַנטשו, זיך געיאָגט נאָך די דעמאָנסטראַנטן און זיי געשלאָגן. די לופט איז פאַרהילכט געווען פון געשרייען, פון געוואַלדן און פון אַ יאָמער, און פון דעם אימפּעטיקן גע־לאַף פון הונדערטער און הונדערטער מענטשן...

דאָ און דאָרט איז עמיצער געפאַלן אונטער די פיס פון דעם פּאָליסמאַן, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אים; און דאָרט זיינען געלאָפן אַרבעטער מיט צעבלוטיקטע פּנימער און שטערנס, און אַהינטער זיי אַרבעטער מיט בערד, אָן היטלען, מיט רעקלעך, וואָס זיינען געווען צעריסן אויף זיי, און מיט פּנימער בלייכע, צעשראָקענע, און מיט געשרייען „געוואַלד!‟

אַ קליין, דאַר מיידל האָט זיך דאָרט געריסן פון די הענט פון אַ הויכן פּאָליסמאַן, וואָס האָט זי געשלעפּט אין פּאַטרול־וואָגן, וואָס איז דערביי געשטאַנען שוין אָן איבערגעפּאַקטער מיט אַרעסטירטע אַרבעטער און אַרבעטאָרינס...

אָן אַנדער מיידל, מיט אַ צעפלאַמטן פּנים, האָט מיט צעשפּרייטע הענט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן די דעמאָנסטראַנטן, וואָס זיינען געלאָפן פון די פּאָליסלייט, און זי האָט צו זיי גע־שריען מיט אַלע אירע כוחות:

— אַנטלויפט ניט פון די בלוט־הינט, קעמפט!...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס זעלביקע מיידל זיך גע־

ראַנגלט מיט אַ געזונטן פּאָליסמאַן, וואָס האָט זי כמעט גע־טראָגן אין זײַנע אָרעמס צום פּאַטרול־וואָגן...

דאָס איז גראָד געווען פּאַרנאַכט, בעת די סקעבס זײַנען אַרויס פון די שעפּער און זײַנען געגאַנגען צו די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיי, באַוואַכט פון פּאָליסלײַט.

לאָלאַ איז דעמאָלט געווען אין אַ יוניאָן־לאָקאַל מיט אַ פּאָר רעדנער פון ניו־יאָרק. אַ טעלעפאָן איז דאַן אָנגעקומען אין לאָקאַל, וואָס האָט געלאָזט וויסן וועגן דערדאָזיקער אַטאַקע, פון דער פּאָליציי אויף די סטרײַקער אַרום די שעפּער, און תיכף איז לאָלאַ אַוועקגעלאָפן אַהין, באַגלייט פון נאָך אַ פּאָר יוניאָן־טוער.

זי איז אָנגעקומען אַהין, ווען די דעמאָנסטראַציע איז שוין געווען באַלד אײַנגאַנצן צעטריבן. האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ וואָגן, וואָס איז דערבײַ געשטאַנען, וואו די אַרבעטער זײַנען געלאָפן, געיאָגט פון דער פּאָליציי, און זי האָט אויפ־געהויבן אירע הענט אין דער הויך און זי האָט אַפּעלירט אויף איר הילכעדיקן קול צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ניט אַנט־לויפן.

און דאַן האָט זי דערפילט, אַז מען האָט זי אַ פּאַק גע־טאָן פון הינטן מיט אַזאַ קראַפט, אַז די קנעפּלעך פון איר מאַנטל זײַנען צעפלויגן אויף אַלע זײַטן. זי האָט זיך אומגעדרייט און זי האָט דערזען פאַר זיך אַ פּאָליסמאַן מיט אַ ברייטן רויטן פּנים. דער פּאָליסמאַן האָט זי אַ פּאַק געטאָן פאַר אַן אָרעם און מיט אַ שמייכל צו איר רואיק געזאָגט:

— היינט, רויטע לאָלאַ, וועט איר מוזן גיין אין פּאַטראָל־וואָגן מיט די אַנדערע, איידער איר האָט געענדיקט אייער רעדע...

זי האָט גענומען זיך רייסן פון זײַנע הענט און פּראָטעס־טירן. און דאָ איז צוגעלאָפן צו איר איינער אין ציווילע קליי־דער, אַ דעטעקטיוו, און האָט געהאָלפן זי אַרונטערשלעפּן פון

דעם וואָגן. דערביי איז דער פּנים ביי איר צעקראַצט געוואָרן ביז בלוט און דאָס קליידל אונטערן מאַנטל איז ביים קראַגן צע־ריסן געוואָרן...

מען האָט זי געבראַכט מיט די אַנדערע אין דעם געפּאַקטן פּאַטרול־וואָגן אין פּאָליציי־צירקל און מען האָט זי אָנגעקלאָגט פאַר אויפהעצן די אַרבעטער צו אַ „ראַיאָט".

אַזוי ווי דערווייל איז געוואָרן גאַנץ שפּעטלעך ביינאַכט, האָט מען זי מיט נאָך אַנדערע פאַרשפאַרט אונטן אין אַ קעלער, וואָס איז שוין כמעט פול געווען מיט פאַרשיידענע פרויען־פאַר־שוינען, וואָס די מערסטע פון זיי, געפּאַרבטע און געשמינקטע, זיינען געווען גאַסן־פרויען און סתם פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, פון וועלכע עס האָט געשלאָגן דער ריח פון ביר און שנאַפּס....

דעם אַדוואָקאַט פון דער יוניאָן איז געווען לייכט צו באַ־פרייען די אַנדערע. זי אָבער צו באַפרייען איז אָנגעקומען שווער, מחמת פאַר איר איז אַן אַנדער „וואַראַנט" געווען אויסגעשוואָרן נאָך פאַר פריערדיקע זינד, און כדי זי ניט צו לאָזן איבערנעכטיקן אין דעם פּאָליציי־קעלער מיט די אַנדערע פרויען, וואָס זיינען דאָרט פאַרשפּאַרט געווען, האָט מען געמוזט אָנווענדן פּאָליטי־שע שתדלנות. מחמת דעם האָט די יוניאָן געלאָזט וויסן וועגן איר אַרעסט דעם מאַן אירן דאָקטאָר ראַסקינען.

אַרום עלף ביינאַכט האָט מען זי באַפרייט. דאָקטאָר ראַס־קין האָט דאָרט געוואַרט אויף איר אין דרויסן. ער האָט אויס־געזען בלייך און האָט זי אויפגענומען מיט אַ ביטערן שמייכל און מיט אַ פּאָר ווערטער נאָר:

— אַ דאַנק!...

און מער האָט ער מיט איר ניט גערעדט, ביז ער האָט זי געבראַכט אַהיים אין זיין אויטאָמאָביל. דערנאָך, אַז ער איז אַריינגעקומען מיט איר אין הויז, האָט ער זי גוט אָנגעקוקט, גוט באַטראַכט איר צעקראַצטן פּנים, דאָס קליידל, וואָס האָט גע־האָט אַ גוואַלד־ריס פון דעם קראַגן ביז אַרונטער, און ער האָט ווי־

דער ביטער אַ שמייכל געטאָן און דער נאָך אַרויסגערעדט שטיל, פאַרשטיקט, דורך פאַרשטשעמעטע ציין:

— פיין, זייער פיין, דו גרויסע קעמפערין!

איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ רגע און האָט אַלץ גע־קוקט אויף איר מיט אַ ביטערן, שפּאָטישן שמייכל און צוגע־שאָקלט דעם קאָפּ. נאָכדעם האָט ער צוגעלייגט מיט אַ טיפן זיפץ:

— נאָך גוט, וואָס דיין קינד זעט דיך ניט אַזוי, ווי דו קוקסט אויס איצט. און עס איז אויך גוט, וואָס מיין ברודער האָט דיך ניט געזען איצט, אַניט וואָלט ער דיך געלאָזט דאָרט זיצן, וואו דו געהערסט! ער, דער בורזשוי, האָט דיך פון דאָרט איצט באַפרייט. ווען דו ביזט אַ ריכטיקע רעוואָלוציאָנערקע — האָט דאָקטאָר ראַסקין מיט גאַל אַ לאַך געטאָן — וואָלסטו ניט געדאַרפט אָננעמען זיין הילף און געדאַרפט גיין צוריק אַהין, פון וואַנען ער האָט דיך באַפרייט!... אָבער מיר וועלן נאָך ריידן דערפון... און אפשר גאָרניט ריידן, נאָר האַנדלען. גענוג גערעדט, גענוג! — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, און ער איז אַוועק צו זיך אין קאַבינעט און האָט פאַרהאַקט מיט אַ געפילדער די טיר. לאָלאַ איז דערנאָך אַוועק צו זיך אין צימער און זי האָט אויך פאַרריגלט די טיר.

צוליב דעם, וואָס מען האָט זיך דעמאָלט אַזוי גענויטיקט אין „הענט", האָבן די אַרבעטער יענעם סטרייק אין דריי וואָכן שפּעטער געוואונען, און דער פּראָצעס קעגן דער „רוטער לאַ־לאַן", פאַר העצן די סטרייקערס צו אַ „ראַיאָט", איז אויך צע־ריבן געוואָרן; אָבער די באַציאונגען צווישן איר און דאָקטאָר ראַסקין זיינען ניט געוואָרן בעסער.

אמת, פון יענער צייט אָן, זינט מען האָט לאָלאַן אַרעסטירט, האָט ער, דאָקטאָר ראַסקין, געטראַכט ניט איין מאָל, אַז ער מוז איצט „האַנדלען", מוז זיך שיידן מיט איר וואָס גיכער, וואָרים זי מאַכט אים אומגליקלעך: זיין רעפּוטאַציע ליידט און ער

אַליין פילט זיך באַליידיקט און אויסגעלאַכט. זי איז ביי אים אַ בייזע מכה, וואָס איבער איר מוז געמאַכט ווערן אַן אָפּעראַציע. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט ער געפילט, ווי שווער עס איז געווען אָט־די אָפּעראַציע צו מאַכן, און ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט זי אַזוי געהאַסט, אַז ער האָט פשוט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, וואָס זי איז אינם הויז געווען; און פאַרקערט, עס זיינען געווען מאָמענטן, אויב זי איז ניט געווען אינם הויז, האָט ער געבענקט נאָך איר, כאָטש זי צו זען.

אַזוי איז געגאַנגען ווייטער די צייט, און ער האָט זיך נאָך אַלץ געקליבן צו „האַנדלען".

9

לאַלאַ איז באַוואונדערט און פאַרגעטערט געוואָרן פון די אַלע מענער, מיט וועלכע זי האָט זיך געטראָפן אויף די מיטינגען און ביי איר אינדערהיים, אָבער איר אייגענער מאַן איז איר געבליבן פרעמד, איז געוואָרן איר אַלץ פרעמדער און פרעמדער.

אמת, די פאַרערונג פון אירע פריינט איז איר טייער געווען, אָבער די פּוסטקייט פון יענעם ווינקל ביי איר אינם האַרצן, וואָס האָט געפאָדערט, אַז זי אַליין זאָל ליבן, אַז זי אַליין זאָל פאַרערן, האָט דאָס ניט געקאָנט אויספילן.

און עס האָט געמוזט אַמאָל קומען אַ סוף צו אַזאַ לאַגע.

וואָרים ווי אַנגענעם עס איז ניט דער פרוי צו פילן, אַז אַנדערע ליבן און באַוואונדערן זי, אָבער באמת גליקלעך איז זי נאָר דעמאָלט, ווען זי אַליין ליבט און באַוואונדערט עמיצן.

לאַלאַ האָט צום סוף געטראָפן עמיצן, וואָס זי האָט זיך אין אים פאַרליבט.

אַ באַרימטע פערזענלעכקייט איז ער געווען פון דער רו־סישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַ מענטש מיט כמעט אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע, וואָס איז שוין פאַרשיקט געווען אויף דער רוסישער קאַטאָרגע און איז דערנאָך אַנטלאָפן פון דאָרט אויף אַ העלדישן אופן. די לעצטע יאָרן האָט ער געוואוינט מיט זיין ווייב אין שווייצאַריע. אַהער איז ער געקומען אין די אינטערעסן פון זיין פאַרטיי. ער איז געקומען אַהער אַ קורצע צייט פריער איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און דערנאָך, אַז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט ער געמוזט דאָ פאַר־בלייבן. דאָ האָט ער געליינט לעקציעס און געשריבן אין די סאָציאַליסטישע צייטונגען, מערסטנס אין די רוסישע. דערפון האָט ער געצויגן חיונה פאַר זיך און פאַר זיין ווייב, וועלכע איז געבליבן וואוינען אין שווייצאַריע.

ער איז שוין געווען אַ מאַן איבער פערציק, אַ בלייכער, מיט אַ פנים אַ דורכזיכטיקן און אַ פאַרטראַכטן. מחמת זיין פעך־שוואַרצער באָרד, ווי פון פיינעם זייד, האָט זיין פנים אויסגעזען בלייכער און דורכזיכטיקער און פאַרטראַכטער, ווי געשלייערט אין אַ פאַרחלומטקייט...

ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ מאָגערער, מיט הענט, וואָס זיינען געווען קליין און ווייס, און קיינעם, וואָס האָט אים ניט געקענט און ניט געוואוסט, ווער ער איז געווען, וואָלט ניט איינגעפאַלן, אַז אָט דער שטיל־פאַרטראַכטער פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען שיר־ניט אַ מאָדערנער רבי, האָט אין רוסלאַנד ניט איינמאָל אַנטייל גענומען אין די געפערלעכסטע עקספּראָ־פּריאַציעס מיט אַנדערע חברים רעוואָלוציאָנערן, ווען זיין פאַרטיי האָט זיך גענויטיקט שטאַרק אין געלט; אַז דערדאָזיקער מענטש מיטן פיינעם, בלייך־פאַרחלומטן, דורכזיכטיקן פנים איז ניט איין־מאָל גרייט געווען אַוועקצולייגן זיין אייגן לעבן פאַר דער רעוואָ־לוציע און אומברענגען אַנדערע לעבנס...

די לעצטע צייט האָט ער געוואוינט אין שיקאַגאָ ביי זיי־

נער אַ שוועסטער און פון דאָרט האָט מען אים אַרונטערגעבראַכט קיין פילאַדעלפיע אויף אַ לעקציע.

און צו זיין לעקציע זיינען געקומען אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ וועלכע־ניט־איז שייכות צו דער באַוועגונג. זיין נאָמען האָט זיי אַלעמען צונויפגעבראַכט. און הגם קיין גרויסער רעדנער איז ער ניט געווען, האָט מען אים דאָך דאָרט פאַרהאַלטן פאַר אַ גאַנצער סעריע לעקציעס איבער פאַרשיידענע פראַגן. איז ער דערווייל פאַרבליבן אין פילאַדעלפיע, און נאָכדעם האָט איינער פון די דאָרטיקע גענאָסן, אַ רייך־געוואָרענער יידישער פאַבריקאַנט, אים פאַרגעלייגט צו פאַרבלייבן אינגאַנצן אין פילאַדעלפיע און וואוינען ביי אים אינם הויז די גאַנצע צייט, כל־זמן ער וועט זיין אין אַמעריקע.

האָט דעמבאָ זיין פאַרשלאַג אָנגענומען, און פון יענער צייט אָן איז ער פאַרבליבן אין פילאַדעלפיע.

אויף לאַלאַן האָט ער געמאַכט באַלד אַ טיפן איינדרוק. אפשר דערפאַר, ווייל זי איז גוט באַקאַנט געווען מיט זיין רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, און אפשר האָט זיין אויסזען אויף איר אַזאַ איינדרוק געמאַכט. אמת, אין פאַרגלייך מיט איר מאַן איז ער גאָרניט געווען שיין; אָבער עפּעס איז געווען אין אים אַזוינס, וואָס האָט זי געצויגן צו אים.

„ער פאַרמאָגט מאַגנעטישן כוח", האָט זי שוין אין דער ערשטער צייט פון זייער באַקאַנטשאַפט געטראַכט וועגן אים.

איבערהויפּט, ווען זי האָט זיך געטראָפן מיט אים, האָט זי ניט געקאָנט אָוועקרייסן די אויגן פון זיינע ווייסע, צאַרטע, דורכזיכטיקע הענט. און איינמאָל, אין אַ גאַנץ קורצער צייט נאָך זייער באַקאַנטשאַפט, האָט זי אַריינגענומען זיין האַנט אין אירער און באַמערקט:

— ווען איך קוק אויף אָט דער וואונדערלעכער האַנט, קאָן איך זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז זי איז אַמאָל געשמידט געווען אין צאַרישע קייטן...

און ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי פּשוט און איינפאַך, גע־רעדט שטיל און געשמייכלט שטיל. אין דער אייגענער צייט איז ער אויך געווען אַ גאַלאַנטער קאַוואַליער. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט ער זיך גאַלאַנט פאַרנויגט פאַר איר און געקושט איר די האַנט. אינם קאַפע־הויז האָט ער גע־האָלפן איר אויסטאָן און אָנטאָן דעם מאַנטל און זיך פריער ניט געזעצט, איידער זי האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט.

און די דאָזיקע שטריכן, וואָס ביי אַן אַנדערן וואָלט זי זיי אפשר גאָרניט באַמערקט, האָט זי באַוואונדערט ביי אים. אָפט האָט זי געטראַכט: אַ פּערזענלעכקייט מיט אַזאַ רעפּוטאַציע און האַלט זיך אַזוי באַשיידן. אַזאַ באַרימטער רעוואָלוציאָנער און ער איז אַזאַ וועלטלעכער, אַזאַ ליבנסווירדיקער קאַוואַליער!...

און וואָס אָפטער זי האָט אים געטראָפן, אַלץ מער נייע גוטע מעלות האָט זי ביי אים אַנטדעקט. יעדע פרוי זעט דאָס, וואָס זי וואָלט וועלן זען ביים מאַן, וואָס זי איז אין אים שטאַרק פאַראינטערעסירט. זי שאַפט אים אַמאָל איבער אין איר פאַנטאַזיע... לאַלאַ איז ניט געווען קיין אויסנאַם אין אָט דעם פּרט: זי האָט אָנגעהויבן צו זען דעמבאָן אין אַזאַ ליכט, ווי זי האָט אים געוואָלט זען, אַפילו פיזיש...

און זי אויף דעמבאָן האָט אויך געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין צו איר אַהיים, און אַז דאָקטאָר ראַסקין האָט דערזען, ווי לאַלאַ האָט אים אויפגענומען, איז עס אים גאָרניט געפעלן געווען.

ער האָט באַמערקט, ווי די אויגן ביי איר האָבן אַלעמאָל זיך צעלויכטן, בעת דעמבאָ איז אַריינגעקומען, און ווי אויפגעלעבט זי איז געוואָרן, און ווי איר געלעכטער האָט זיך צעצונדן מיט די הייסע ברוסט־טענער, וואָס זיי זיינען אים אַזוי גוט באַקאַנט געווען פון אַלע יאָרן...

ביי דאָקטאָר ראַסקין האָט זיך גענומען וועקן אַלץ שטאַר־

קער אַ חשד אויף זיין ווייב און אויף דעמבאָן, ער האָט עס אָבער ביי זיך געשטיקט אינם האַרצן.

עטלעכע וואָכן זיינען פאַריבער, לאָלאַ האָט ווייטער גע־חלומט פון דעמבאָן. זי האָט געזען אין אים דעם מאַן מיטן אמתן שטאַרקן ווילן און מיטן אמתן פרייען גייסט, וואָס נאָר מיט אַזאַ מענטשן וואָלט זי געקאָנט גליקלעך זיין.

און איצט האָט זי געזוכט צו טרעפן זיך מיט אים דווקא ניט ביי איר אינדערהיים. מחמת איצט, ווען זי איז אַזוי פול געווען מיט אים און געוואָלט זען און פילן נאָר אים אַליין, האָבן איר געשטערט דער קול פון איר קינד, דער פאַרדעכטיקער בליק פון איר מאַן און אַפילו די ווענט פון איר הויז...

זי האָט אים געזוכט אין דעם קאַפע־הויז, וואו ער איז שטענדיק געגאַנגען, אויף די פאַרזאַמלונגען, וואו ער האָט זיינע לעקציעס געלייענט, און זי האָט זיך געטראָפן מיט אים אויף די סאָציאַליסטישע מיטינגען.

דערווייל האָט זי אים געזוכט מער מיטן פאַרחלומטן האַרצן, ווי מיט דעם אָפּגעמאַכטן, באַשטימטן, דרייסטן געדאַנק...

זי האָט געבענקט צו זען זיין פאַרחלומט־בלייכן פנים אין דעם שוואַרצן ראַם פון זיין ווייך־זיידענעם בערדל. זי האָט געבענקט צו קוקן אין זיינע גרויע אויגן, וואָס זיינען, ווי מיט אַ סוד פאַרשלייערט געווען, און אויף זיינע וואונדערלעכע הענט, וואָס האָבן זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי צערטלען, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, און זי האָט געבענקט צו הערן זיין שטילן און דאָך דורכדרינגענדיקן קול.

און אומעטום איז זי געזעסן נאָענט לעבן אים. האָט גע־רעדט מיט אים שטענדיק אינטערעסאַנט און גייסטרייך. מחמת די שענסטע פאַרבן און קאָלירן פון איר גייסט האָט ביי איר זיין נאָענטקייט אַרויסגערופן, און האָט ער גערעדט, איז איר פייער־דיקער בליק און איר כישופדיקער שמייכל, און דער בליאַסק פון אירע ווייסע ציין געווענדט געווען צו אים. און אָפט, בעת

ער האָט גערעדט מיט איר, האָט זיך איר געגלוסט אָנצונעמען זיין האַנט און גלעטן זי ווייך, צאַרט...

וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט? וועגן דער באַוועגונג און אַמאָל וועגן דער מלחמה.

ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די אייזערנע געזעצן פון דער עקאָנאָמיק האָבן צו אָט דער מלחמה געבראַכט און פירן אָט די מלחמה צו דער וועלט־רעוואָלוציע. דאָס האָבן שוין אַלע גוטע מאַרקסיסטן שוין לאַנג פאָראויסגעזען...

און אַמאָל האָבן זיי גערעדט וועגן דער פרוי, וואָס די מלחמה וועט זי עמאַנציפּירן, צי וועגן ביכער, צי וועגן שווייצאַריע...

און אַן אַנדערש מאָל, ווען זיי זיינען געווען אויג אויף אויג, צי בעת זיי זיינען אינם קאַפע־הויז געזעסן, צי בעת זיי זיינען געגאַנגען פון אַ פאַרזאַמלונג, האָט זי גערעדט מיט אים וועגן זיך אַליין און האָט אים דערציילט, ווי נאָענט איר מאַן איז איר אַמאָל געווען און ווי פרעמד היינט...

און שפּעטער האָט זי אים גענומען אויספרעגן וועגן זיין פרוי אויך: צי זי איז עפּעס אינטערעסאַנט. צי זי איז שיין. צי זי איז אַ בלאָנדע, צי אַ ברונעטקע. צי זי האָט באַזוכט אַ העכערע שול און צי האָט ער געבענקט שטאַרק נאָך איר, און אַזוי ווייטער... און שטענדיק האָט ער דעמאָלט גערעדט וועגן זיין פרוי מיט אַ סך בענקעניש און ליבע, און שטענדיק האָט דאָס האַרץ דעמאָלט ביי לאַלאַן זיך צעטומלט געקאָרטשעט, און אַ שווערקייט האָט זיך געלייגט ביי איר אויפן געמיט, און כמעט דיזעלביקע ווערטער האָט זי געמורמלט: „ווי איר האָט ליב אייער ווייב! זי מוז זיין זייער אַן אינטערעסאַנטע פרוי”. און זי האָט גענומען באַלד ריידן וועגן עפּעס אַן אַנדער ענין...

נאָכדעם, אַז זי איז געבליבן מיט זיך אַליין, האָט זי געטראַכט: „ווי פאַרליבט ער איז אין זיין ווייב, ווי פאַרליבט ער איז אין איר!”

און שטאַרק געבענקט...

און דערדאַזיקער געדאַנק האָט אין דער ערשטער צייט געליימט איר דרייסטקייט, אויף וועלכער זי איז געווייינלעך פעאיק געווען. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זי זיך נאַריש מאַכן פאַר אים...

און דעמבאָ האָט געזען, אַז ער איז געווען איר געפעלן און אַז זי האָט געזוכט זיין געזעלשאַפט, און ער האָט לכתחילה עס פאַרשטאַנען אויף זיין אופן: דער מאַן איז איר פרעמד געווען, קיין געמיינשאַפטליכעס האָט זי ניט געהאַט מיט אים, האָט זי געזוכט דערפאַר די געזעלשאַפט פון אַ מענטשן, וואָס ער איז אידעאיש איר געווען נאָענט און מיט וועמען זי האָט געקאָנט ריידן און פאַרברענגען.

און ניט מער.

און אים איז איר געזעלשאַפט אויך אַנגענעם געווען. ער האָט געקוקט אויף איר, ווי אַלע אַנדערע פון אירע גענאָסן, ווי אויף אַ זייער אינטעליגענטער און גייסטרייכער פרוי און ווי אויף אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסטקע, און ער האָט זי רע־ספעקטירט.

ער האָט זיך נאָר געחידושט, פאַרוואָס זי, אַזאַ פרוי, איז געבליבן וואוינען מיט איר מאַן, ווען ער איז איר פרעמד גע־וואָרן...

דעמבאָ האָט אָבער מיט איר קיינמאָל דערפון ניט גערעדט. ער האָט געהאַט אַ פיינעם טאַקט־געפיל.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט. זי איז אַלץ מער פאַר־כאַפּט געוואָרן פון איר געפיל צו אים און האָט אַלץ שטאַרקער געבענקט נאָך אים.

אָט אין דער צייט, ווען זי האָט געקוקט אויף אים, האָט אָפּט ביי איר אין די אויגן זיך געשלייערט יענער פאַרחלומטער בליק, וואָס איז געווען אַ געמיש פון תאווה און פאַרגעטערונג, און דרייסטע געדאַנקען האָבן דעמאָלט געטומלט אין איר מוח

און געצונדן איר בלוט:

„ער מוז... איך בין געגוג שיין... זיין ווייב איז ווייט און איך בין נאָענט"...

אויך אין אָט דער צייט, ווען זי איז געווען מיט אים אויג אויף אויג, האָט זי איצט כסדר גערעדט מיט אים וועגן דעם ענין „פרייע פרוי און פרייער מאַן", און דערביי האָט זי אַרויס־געזאָגט די סאַמע דרייסטע געדאַנקען.

האָט ער אַוודאי מסכים געווען מיט איר וועגן אָט דעם ענין און ער האָט דערביי זיך אָנגעשטויסן, פאַרוואָס זי האָט אַזוי גערעדט, געפילט איר אָנגעצונדן בלוט און האָט זיך אַליין אָנגעצונדן.

אָבער ער האָט זיך געהיט, ניט מחמת ער איז געווען, אָדער געוואָלט זיין, אַ יוסף הצדיק, נאָר מחמת ער האָט מורא געהאַט פאַר „אַריינפלאָנטערן" זיך!

ווייל, ווײסנדיק אירע באַציאונגען צו איר מאַן, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט זי דערנאָך איר מאַן פאַרלאָזן און ער, דעמבאָ, וועט דעמאָלט בלייבן שטעקן אין אַן אומאָנגענעמען „פלאָנטער"...

אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען באַמערקט, אַז זי איז ניט געווען גלייכגילטיק צו דעמבאָן, און מען האָט זיך געסודעט וועגן דעם...

און איינמאָל, ווען ער האָט זי באַגלייט אַהיים פון דעם קאַפע־הויז, האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו אים:

— דעמבאָ, ווי געפעל איך אייך?

— זייער, לאָלאָ.

— כ'מיין ניט דווקא ווי אַ מענטש...

דעמבאָ האָט אויפגערעגט אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:

— נו, יאָ, איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט. איר געפעלט מיר שטאַרק אינגאַנצן. איר זענט אַ רייצנדע פרוי און זייער און זייער אַן אינטעליגענטער און אינטערעסאַנטער מענטש...

האָט זי דעמאָלט אַרויסגעפּליסטערט:

— נו?...

— וואָס נו?...

האָט זי אים אָנגעקוקט אַזוי מאָדנע און נאָכדעם אָפּגע־קערט דעם קאָפּ פון אים און געשוויגן.

זיינען זיי געגאַנגען דערנאָך און קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעצויגן זי צו זיך און זי אַ קוש געטאָן.

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז צוגעפאַלן מיט איר פּנים צו זיין ברוסט.

אַ זומערדיקע נאַכט געווען מיט אַ פאַרחלומטער לבנה. זיי זיינען געווען ניט ווייט פון דעם וואונדערלעכן פעירמאַונט פּאַרק, און ניט ווייט פון דעם הויז, וואו דעמבאָ האָט געוואוינט.

זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— קומט אויף אַ ווײַלע אין פּאַרק. איכל ניט קאָנען איצט שלאָפן.

און ווען זיי זיינען דערנאָך אין פּאַרק געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ זייטיקער אַלעע, האָט ער מיטאַמאָל זיך אָנגערופן מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט פון אינעווייניקסטן געראַנגל מיט זיך אַליין:

— לאָלאַ, איר זענט מיר צו טייער. זאָלן מיר בלייבן פריינט...

— איר זענט מיר מער ווי טייער, — האָט זי אים גע־ענטפערט, און געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט אַ בליק, וואָס האָט ווי הכנעהדיק געקניט פאַר אים.

— גייט אַהיים, לאָלאַ. קומט, איך וועל אייך צופירן צו אַ טעקסי — האָט ער ווייטער גערעדט. און פּלוצים האָט ער זי אַ ציי געטאָן צו זיך אויף די קני, און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן:

— איך בין דאָך ניט קיין מלאך!

האָט לאָלאַ דעמאָלט מיט אירע הייסע ברוסט־טענער אַ לאַך געטאָן:

— איך האָף אַזוי!

און אירע ליפּן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין זיינע.

און שפּעטער אַ ווײַלע זיינען זיי ביידע צוגעגאַנגען צום הויז, וואו דעמבאָ האָט איצט געוואוינט גאַנץ אַליין, מחמת דער באַלעבאָס פונם הויז מיט זיין פאַמיליע איז געווען אַוועקגעפאָרן אויף דער זומער־וואַקאַציע אין די בערג, און דעמבאָ האָט מיט אַ שליסל געעפנט די גאַס־טיר און איז פאַרשוואונדן הינטער איר מיט לאָלאַן...

פון דעמאָלט אָן האָט לאָלאַ אָנגעהויבן לעבן מיט דעמ־באָן...

און אַזוי ווי זי האָט געהערט מיט אַלע אירע פרייע רע־וואָלוציאָנערע געדאַנקען צו דעם טיף פרייע פרוי, וואָס האָט געהאַלטן, אַז איר מאַן דאַרף וויסן, אַז זי ליבט אָן אַנדערן און אַז עס איז אונטער איר ווירדע אים צו באַטריגן הינטער זיין רוקן, האָט זי איינמאָל באַשלאָסן צו דערציילן אים וועגן דעם.

עס איז געווען אַ בייטאָג. דאָקטאָר ראַסקין איז נאָר וואָס פאַרטיק געוואָרן מיט זיין לעצטן פאַציענט. מיטאַמאָל איז צו אים אין קאַבינעט אַריינגעקומען לאָלאַ.

ער האָט זי דערזען און זיך פאַרוואונדערט: זייט הדשים ווי זי איז צו אים אין קאַבינעט ניט אַריינגעקומען, און, אַחוץ דעם, האָט זי אויסגעזען באַזונדערס אויפגערעגט און צע־טראָגן.

און נאָך איידער זי האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— וואָס איז געשען, לאָלאַ?

און מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן האָט זי שטיל גע־ענטפערט:

— איך בין געקומען דיר עפּעס זאָגן, סאַשאַ...

און פון איר טאָן האָט דאָקטאָר ראַסקין זיך גלייך אָנגע־שטויסן, אַז דאָס, וועגן וואָס זי האָט געוואָלט מיט אים ריידן, האָט געהאַט אַ שייכות מיט דעמבאָן, און ער איז געוואָרן אומ־רואיק און נערוועז.

ער האָט זיך אָנגערופן, און דערביי זיך באַמיט צו ווייזן איר אַ רואיקע מינע:

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן, לאָלאַ?

— מיר מוזן זיך פונאַנדערגיין, סאַשאַ.

— האַ? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, און די אונטערש־טע ליפּ איבער זיין שוואַרץ וואַן־דאַיק בערדל האָט זיך שפּאַ־טיש אַ קרים געטאָן.

לאָלאַ האָט גערעדט ווייטער, און זי האָט שוין געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין:

— יאָ, מיר מוזן זיך פונאַנדערגיין. מיר האָבן שוין אַזוי פיל מאָל גערעדט וועגן מאַכן אַ סוף צו אונדזערע אומדער־טרעגלעכע און פאַלשע באַציאונגען; איצט קומט יענער סוף...

— נו, נו! — האָט דאָקטאָר ראַסקין מיט געמאַכטער רואיקייט געענטפערט — אַדרבה, אַדרבה! זאָג, וואָס דו ווילסט. רייד קלאָר. זאָל איך וויסן, וואָס דו ווילסט...

— איך האָב ליב אַן אַנדערן, סאַשאַ, און איך האַלט, אַז דו דאַרפסט וויסן וועגן דעם, כאָטש מיר זיינען אַזוי פרעמד איינער דעם אַנדערן, אַפילו ווי מאַן און ווייב. און איך האַלט אויך, אַז איך דאַרף איצט ניט בלייבן וואוינען מיט דיר אונטער איין דאַך...

— דו ווילסט זיך אַרויסקלייבן פון דאַנען? דו ווילסט זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער דירה?

לאָלאַ האָט געענטפערט מיט אַ פעסטן טאָן:

— איך וויל דאָס און איך וויל אויך, אַז די וועלט זאָל מער ניט קוקן אויף מיר ווי אויף דיין ווייב. איך וויל זיין אינגאַנצן פריי פון דיר...

דאָקטאָר ראַסקין האָט שפּאָטיש אַ לאַך געטאָן.

— און פון קיטין אויך?

און ער האָט ניט געוואָרט אויף איר ענטפער און גערעדט ווייטער, און ער האָט שוין ניט געקאָנט זיך מער באַהערשן, און אַלץ, וואָס עס איז ביי אים געווען אויפן האַרצן קעגן איר, האָט ביי אים איצט אַרויסגעפּלאַצט:

— ס'איז גאָר נאַריש דאָס צו פרעגן ביי דיר. וואָס גייט דיר אָן דיין קינד? און וואָס גייט דיר אָן, ווער עס איז אין דעם הויז? טראָגסט זיך אַרום מיט אַ געשוואָלענעם „איך", די גאַנצע צייט האָסטו זיך דערמיט אַרומגעטראָגן: דו, דו, דו! נאָר דו אַליין! — האָט ער זיך צעשריען — ביי דיר איז דער שכל! ביי דיר איז די בילדונג! דו ביזט די רעדנערין! דו ביזט די רעוואָלוציאָנערקע! דיר קומט די אַפּלאָדיסמענטן! און איך, און מיר אַלע, זיינען נאָר בורזשוקעס! מיר האָבן קיין רעכט ניט צו לעבן! מען דאַרף אונדז אומברענגען, אויסוואָרצלען אינגאַנצן! אָבער גוט. דו ווילסט אַסוף? איך וויל אויך אַ סוף! איך האָב דיר שוין לאַנג געדאַרפט הייסן גיין פון דאַנען. גענוג אויסגעשטאַנען פון דיר! דו ביזט דאָ אַ פרעמדע! דיין קינד ביזטו פרעמד! מיר ביזטו פרעמד! קאָנסט גיין געזונטערהייט — האָט ער גערעדט, און ער האָט אויסגעזען ווי אַ משוגענער אין זיין אויפרעגונג — דו מיינסט איך פאַרשטיי ניט? — האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, און גענומען שפּאַנען מיט גרויסע טריט איבער זיין קאַבינעט אַהין און צוריק — איך האָב עס באַלד באַמערקט! גלייך! דעמבאָ, האַ? — האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געקוקט איר אויפגערעגט אין פּנים אַריין — אים האָסטו פאַרדרייט דעם קאָפּ, האַ? אַ צווייטער דאָקטאָר דוואָרקין, האַ?!

און מערקווירדיק, ווי רואיק לאַלאַ איז איצט געשטאַנען און האָט אים אויסגעהערט. זי האָט אַפילו ניט אַ שמייכל געטאָן. נאָר ביי די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט אַזוי געלאַסן, ווי געלאַסענער קאָן ניט זיין:

— פאַרשטייסט דאָך אַליין. אויב אַזוי האָסטו מיר פאַרשפּאָרט דיר צו דערציילן !...

און קיין וואָרט מער. זי איז באַלד דערנאָך אַוועק צו זיך אין צימער.

דאָקטאָר ראַסקין האָט נאָכדעם אַרומגעשפּאַנט אַ לאַנגע צייט איבער זיין קאַבינעט, און וואָס מער ער האָט געטראַכט דערפון, וואָס איז ערשט פאָרגעקומען צווישן אים און לאַלאַן, אַלץ פיינלעכער האָט ער געפילט, ווי זיין פלייש איז צוגעשמידט געווען צו אירן, און ווי שווער עס איז געווען פאַר אים, ווי כמעט אוממעגלעך עס איז געווען פאַר אים, זיך צו שיידן מיט איר...

און אומזיסט האָט ער דעמדאָזיקן געפיל צו איר גערופן „נידערטרעכטיקע שוואַכקייט״; און אומזיסט האָט ער זיך גערופן „שמאַטע״ און „אידיאָט״ — ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשן און ניט געקענט זיך באַרואיקן. און ווידער און ווידער האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן איר און דעמבאָן און וועגן דעמבאָן און איר, און די אייפערזוכט האָט זיך געוועקט ביי אים, געפּייניקט אים און געצונדן זיין בלוט און קיין רו אים ניט געגעבן...

צום סוף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און איז אַריינגעגאַנגען צו לאַלאַן אין צימער. זי איז דאָרט געזעסן אויף אַ שאָקל־שטול און האָט געליינט אַ בוך.

ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי זיך אויפגעהויבן פונם אָרט און האָט אַוועקגעלייגט דעם בוך אויף אַ דערבייאיקן טישל. און אַזוי ווי דאָקטאָר ראַסקין האָט געקוקט אויף איר מיט

צעטומלטע אויגן און געשוויגן, האָט זי זיך אָנגערופן אין אַ רואיקן טאָן:

— ווילסט מיר עפּעס זאָגן?

— יאָ, לאָלאַ. איך ווייס אָבער ניט, צי וועל איך געפינען איצט די ריכטיקע ווערטער — האָט ער געענטפערט אין אַ גאַנץ אַנדער טאָן, איידער פריער, — פאַרשטייסט, לאָלאַ, איך בין אינגאַנצן איצט צעמישט. איך האָב פאַרדעכטיקט, אַז צווישן דיר און אים... פונדעסטוועגן, אַז דו האָסט עס מיר דערציילט, האָסטו מיר אינגאַנצן צעטומלט. איך האָב דיר ליב, לאָלאַ, ניט ווייניקער ווי אַמאָל, אפשר מער. און זאָגן דיר דעם אמת? מיטן געדאַנק פאַרשטיי איך, אַז עס וואָלט געווען בעסער, גלייכער פאַר אונדז ביידן, ווען מיר צעשיידן זיך, דאָס פאַר־שטיי איך די גאַנצע צייט. אָבער מיט מיין בלוט, אָט מיט דעם פאַרדאַמטן...

ער האָט ניט געענדיקט, אַ זעץ געטאָן זיך אויף אַ שטול, אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן זיינע ביידע הענט און אַרויס־געקרעכצט:

— פאַרוואָס האָב איך דיך אַזוי ליב, דער טייוול זאָל מיך נעמען!

לאָלאַ האָט געקוקט אויף אים מיט זייער אַן ערנסטער מינע. נאָכדעם האָט זי געזאָגט ווייך:

— דו האָסט זיך דאָס איינגערעדט, סאַשאַ, אַז דו האָסט מיך נאָך ליב. דו האָסט מיך ניט ליב. דו, דער היינטיקער דאָק־טאָר ראַסקין, קאָנסט ניט ליב האָבן אַזאַ פרוי ווי איך בין. פאַרשטיי מיך, איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגן. איבערהויפּט, וואָלט איך געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך צעשיידן אויף דעם פריינד־לעכסטן אופן אין דעם נאָמען פון אונדזער שיינעם אַמאָל... דו פאַרשטייסט דאָך אַזוי גוט ווי איך, אַז אַזוי ווי מיר זיינען היינט קאָן צווישן אונדז קיין פריינטשאַפט ניט זיין און מיר

קאָנען ניט זיין קיין מאַן און ווייב, ווען אַפילו קיין דריטע פּערזאָן וואָלט דאָ ניט אַריינגעמישט געווען...

— מיר קאָנען עס יאָ זיין — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — און איך וועל עס דיר באַווייזן, לאָלאָ...

ער איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביי די אַקסלען, געקוקט איר אין פּנים אַריין מיט אָנגעצונדענע אויגן און הייס געאָטעמט:

— מיר קאָנען עס יאָ זיין — האָט ער גערעדט ווייטער, און דער קול ביי אים איז געוואָרן אַלץ הייזעריקער און אַלץ פאַרשטיקטער — דו האָסט נאָך מיך ליב, מיך, און ניט קיין אַנדערן! דו האָסט עס זיך איינגערעדט, ווייל דו ווילסט מיך מוטשען, ווייל דו ווילסט מיך פּייניקן... גענוג די קאָמעדיע! גענוג, גענוג! דו מאַכסט מיך משוגע...

און ער האָט זי ווילד אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס.

זי האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט אים, געסטראַשעט אים, אַז זי וועט אויפהויבן אַ געוואַלד. און ווען זי האָט אַ געשריי געטאָן „קיטי״, האָט ער ערשט דעמאָלט אַ צעטומלטער זי אַרויסגעלאָזט פון זיינע אָרעמס, און זי, מיט איר קלייד אין אומאָרדענונג, מיט די האָר צעשאָטן איבער אירע אַקסלען און מיט אַ צעפלאַמטן פּנים, איז צוגעלאָפן צום פענצטער און, אָטע־מענדיק שווער, האָט זי אַרויסגעסאָפּעט:

— דו ביסט שוין אַ כוליגאַן אויך געוואָרן?...

ער האָט זיך אויפגערעגט צעלאַכט, געקוקט איר אין פּנים אַריין און געלאַכט. דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט מיט גאַל:

— אַזוי, אַ כוליגאַן בין איך? אַ כוליגאַן, הא? און וואָס ביזטו? דו ווייסט, וואָס דו ביזט? דו ביזט אַ פּראָסטיטוטקע!

— האָט ער אַרויסגערעדט דורך פאַרשטשעמעטע ציין, און ער איז אַרויסגעלאָפן פונם צימער.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט זי זיך איבערגעטאָן און איז אַוועק־געגאַנגען צו דעמבאָן.

ער האָט איר געעפנט די טיר אַ פאַרטראַכטער, מחמת ער איז געווען אינמיטן אַן אַרבעט.

ער האָט זי אויפגענומען מיט פרייד און געקושט איר די האַנט.

— אַט באַלד, קינד, וועל איך קאָנען ריידן מיט דיר. איך ענדיק נאָר מיין אַרטיקל. קום, דו קוק דערווייל איבער די צייטונגען.

איז זי אַריינגעגאַנגען מיט אים אין זיין צימער און ער האָט איר דערלאַנגט אַ צייטונג און נאָכדעם זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און גענומען שרייבן, און זי האָט זיך געזעצט דאָרט אויף אַ סאָפע און גענומען לייענען די צייטונג.

ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרטיקל און זיך אויפגעהויבן אַ צופרידענער און ער איז צוגעגאַנגען צו לאַלאַן.

— נו, איצט, קינד, דערצייל: וואָס מאַכסטו? ווי פילסטו זיך? און וואָס האָסטו געטאָן זינט מיר האָבן זיך ניט געזען? — האָט ער גערעדט צו איר אין אַ וואַרעמען טאָן, און גענומען אירעביידע הענט און געקושט דאָ איינע און באַלד די אַנדערע.

לאַלאַ האָט זיך צעלויכטן און געקוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן. דערנאָך האָט זי אים גענומען דערציילן וועגן דער סצענע, וואָס איז פאַרגעקומען צווישן איר און איר מאַן.

ביי דעמבאַן האָט זיך דער אויסדרוק אויפן פנים תיכף געביטן. ער איז געוואָרן ערנסט און אומעטיק. ער האָט אַרויסגעלאָזט אירע הענט פון זיינע.

— איך באַדויער עס זייער, קינד. אפשר בין איך אין דעם שולדיק — האָט ער אַ זיפץ געטאָן.

ער איז אָפּגעטראָטן פון לאַלאַן, צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער און האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט.

פאַר אים, דעמבאַן, איז קיין סוד ניט געווען, אַז זי האָט געוואָלט זיך צעשיידן מיט איר מאַן. ניט איינמאָל האָט זי

געלעדט מיט אים דערפון. און ער איז געווען אומרואיק דער־פון. ער האָט דאָך אָבער איר ניט געקאָנט זאָגן, אַז זי זאָל פאַרבלייבן מיט איר מאַן, וואָס איז איר אַזוי פרעמד געווען.

וואָס דען האָט ער געטאָן? ער האָט לאַלאַן כסדר דער־מאָנט וועגן זיין פרוי, און וועגן זיין ליבע צו יענער. ער האָט געגעבן לאַלאַן, הייסט עס, אַנצוהערעניש, ווי אַזוי ער אַליין קוקט אויף די באַציאונגען צווישן אים און איר. אין דער איי־געגער צייט אָבער האָט ער געפילט אַלץ מער און מער, ווי זי, לאַלאַ, ווערט אים מיט יעדן טאָג נעענטער, טייערער, און דאָס האָט אים געשראָקן און צעמישט.

און ניט איינמאָל האָט ער ביי זיך געפרעגט: וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? און ער האָט קיין באַשטימטן ענטפער אויף דעם ניט געקאָנט געפינען. אַמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט די גאַנצע געשיכטע מיט לאַלאַן איז ניט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקער ראָמאַן, אַזוי ווי די אַנדערע זיי־נע חברים, האָבן שוין ניט איינמאָל דורכגעמאַכט אין זייער לעבן. און אַן אַנדערש מאָל האָט ער געפילט, אַז דער ראָמאַן מיט איר, לאַלאַן, איז אַ סך ערנסטער און אַ סך אַ טיפערע געשעעניש אין זיין לעבן איידער די אַלע פריערדיקע.

אויך איצט, אין אָט דעם מאָמענט, ווען לאַלאַ האָט אים דערציילט וועגן דער היינטיקער סצענע צווישן איר און דאָקטאָר ראַסקינען, האָט ער דאָס געפילט.

ער האָט געפילט, ווי ערנסט און טיף זי האָט אים ליב געהאַט, און ווי ערנסט ער האָט זי ליב געהאַט, און ווי זיין לאַגע איז מחמת דעם מער פאַרפלאָנטערט און קאָמפליצירט געווען.

און ווען ער איז געשטאַנען איצט ביים פענצטער, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די סצענע צווישן לאַלאַן און דאָקטאָר

ראַסקינען און אין האַרצן ביי אים האָט זיך געוועקט אַ צאַרטער, וואַרעמער געפיל.

ער האָט ניט געפילט, ווי זי האָט זיך צוגעגנבעט צו אים פון הינטן אויף די שפּיץ־פינגער, און אַז זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ צו אים אויפן אַקסל, האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? — האָט זי אַ לאַך געטאָן און אַריינגעקוקט אים אַזוי פון הינטן שטיפעריש אין פנים.

ער האָט אויך אַ שמייכל געטאָן און צאַרט אַ פיר געטאָן מיט אַ האַנט איר איבער אַ באַק און אַרויסגעמורמלט וואַרעם:

— טייערע, קינדעלע, דו ליבע, ליבע קינד!..

זי האָט זיך מיטביידע אָרעמס אַרומגעכאַפּט אַרום זיין האַלדז און צוגעדריקט איר פנים צו זיינעם.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי געזעסן אויף דער סאָפע און ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער און גערעדט צו איר:

— מיר טוט ווי פאַר דיר, לאָלאַ, און אָפט פיל איך זיך שולדיק קעגן דיר.

זי האָט אים ניט געלאָזט ווייטער ריידן, געשאָקלט דעם קאָפּ און געבעטן זיך ביי אים:

— אוי, רייד ניט אַזוי. ניט דו דאַרפסט אַזוי ריידן, ניט דו. עס פאַסט ניט פאַר דיר אַזוי צו ריידן. פאַרוואָס זאָלסטו זיך פילן שולדיק? דערפאַר ווייל איך בין אַזוי גליקלעך זינט מיר האָבן זיך געטראָפן?

ער האָט זיך אָנגערופן:

— דו קוקסט נאָר פון איין זייט אויף דעם און איך זע דאָס פון דער אַנדער זייט אויך. איך האָב דיך אויך ליב, לאָלאַ, און גאָר אָפט איז מיין האַרץ פול מיט דאַנקבאַרקייט צו דיר פאַר דעם גליק, וואָס דו פאַרשאַפסט מיר, און דאָך... עס פאַרפאָלגט מיך דער „מאָרגן", לאָלאַ, דיין „מאָרגן"...

— טראַכט ניט וועגן דעם „מאָרגן", דעמבאָ. זאָלן מיר

טראַכטן פון אונדזער שיינעם היינט און אים געניסן וויפיל נאָר מיר קענען. אפשר וועט אונדזער „מאָרגן״ אויך זיין אַ שיינער. וויי‎ניקסטנס אַזוי האָף איך, און אויב אַפילו ניט, זאָלן מיר צוליב דעם ניט צעשטערן אונדזער היינט — האָט זי גע־רעדט, און אין איר קול האָבן זיך גענומען הערן אירע באַזונ־דערע הייסע ברוסט־טענער.

ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שטילער, פאַרשטיק־טער קול:

— דו פאַרשיכורסט מיך, לאָלאַ !...

זי האָט הייס אַ לאַך געטאָן:

— דאָס, וואָס איך בין אויסן ! — און זי האָט גערעדט ווייטער און געצונדן אים סיי מיט איר קול און סיי מיט אירע אויגן :

— דו זיי נאָר פאַרשיכורט פון דעם געפיל צו מיר. דו נאָר ליב מיך אַזוי ווי איך דיך, וועלן ביי אונדז ניט זיין מער קיין שטערונגען און קיין פּראָבלעם אינגאַנצן וועגן אונדזער צו־זאַמענלעבן ! . . .

דידאָזיקע ווערטער אירע האָבן דעמבאָן אַזוי ווי פּלוצים אויסגעניכטערט. ער האָט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זיינער און זיך אויפגעהויבן.

— זעסטו, לאָלאַ, — האָט ער זיך אַנגערופן אין אַ גאַנץ אַנדערן טאָן, שוין כמעט האַרט — דו האָסט אַ טעות. ביי מיר וועט עס שטענדיק זיין אַ זייער ערנסטער פּראָבלעם. אויף אַזוי ווייט שיכור, אַז איך זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז איך האָב איבערגעלאָזט מיין טאָניען אין שווייצאַריע, וועל איך קיינמאָל ניט זיין. אָ, ניין, דאָס ניט ! אויב דו דענקסט אַזוי, האָסטו אַ טעות, און איך וואָרן דיר, און מיין פליכט איז דיך צו וואָרענען, ווייל איך בין עלטער פון דיר און האָב געהאַט גע־נוג דערפאַרונג מיט זיך אַליין, וואָרן איך דיך, אַז אַט דעם גע־

דאַנק, אויב דו האָסט אַזאַ אינם קאָפּ, זאָלסטו וואָס גיכער אַרויס־וואַרפן, כדי דו זאָלסט שפּעטער ניט זיין ביטער אַנטוישט...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פונם אָרט און האָט פריילעך, כמעט שטיפעריש, אויסגעשריען:

— ווער טראַכט דערפון? און ווער טשעפּעט דיין טאַ־גיען, דעמבאַ? און דו האָסט דאָך שוין אַזוי פיל מאָל גערעדט וועגן דעם און וועגן ענליכעס.פאַרוואָס רעדסטו איצט ווידער וועגן דעם?

דעמבאָ האָט ניט געענטפערט. ער איז זיך דורכגעגאַנגען פאַרטראַכט איבערן צימער און האָט זיך געגלעט מיט זיין וויי־סער, דורכזיכטיקער האַנט זיין שוואַרץ זיידן בערדל. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן לאַלאַן און פאַרטראַכט אַרויס־געמורמלט:

— דו פאַרשטייסט, איך מוז ריידן וועגן דעם, ווייל דאָס שטיקט מיך אַזוי שווער, אַזוי שווער...

— באַרואיק זיך — האָט לאַלאַ געענטפערט אַזוי צאַרט, ווי נאָר זי האָט געקאָנט — מען דאַרף ניט נעמען אַלץ צו טראַגיש, מאַך ניט דערפון קיין טראַגעדיע... אונדזערע געפילן זיינען דאָך אַזוי שיין, דעמבאַ. האָלטסטו דען די ליבע פאַר אַ פאַרברעכן, אָדער פאַר אַ זינד?

— ניין, די ליבע איז קיינמאָל ניט קיין זינד, אָבער אַ פאַרברעכן קאָן זי יאָ זיין, אויב זי רעכנט זיך ניט מיט די ליידן פון נאָענטע מענטשן...

— גוט! — איז לאַלאַ צו אים צוגעלאָפן — מיר וועלן זיך דערמיט רעכענען.

אין דער אייגענער צייט איז זי ביי זיך אינם האַרצן זי־כער געווען, אַז סוף־כל־סוף וועט זי אים מיט איר ליבע אַוועק־רייסן פון זיין ווייב...

זי האָט זיך נאָר געדאַרפט אינגאַנצן באַפרייען פון איר מאַן און אַריינציען מיט דעמבאָן אין איין וואוינונג און אָנהויבן

מיט אים לעבן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. וועגן דעם האָט זי געטראַכט און דאָס דורכצופירן האָט זי אין איר מוח גע־פּלאַנעוועט...

דעם גאַנצן טאָג האָט זי דערנאָך פאַרבראַכט מיט אים. ער האָט איבערגעלייענט פאַר איר דעם נאַר־וואָס אָנגעשריבע־נעם אַרטיקל, גערעדט מיט איר וועגן די לעצטע מלחמה־נייס און וועגן דעם שייכות, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט דער וועלט־רעוואָלוציע. און נאָכדעם האָבן זיי געשפּאַצירט אַ שטיק צייט איבער פעירמאַונט פּאַרק און פאַרנאַכט זיינען זיי ביידע אַוועק עסן אין אַ רעסטאָראַן.

דעם אייגענעם אויפדערנאַכט, ווען זיי זיינען געזעסן ביינאַנד אינם קאַפע־הויז, האָט לאָלאַ זיך מיט אַמאָל אָנגערופן צו אים:

— וואָס טוט מען, דעמבאָ, איך האָב דאָך היינט ניט וואו צו נעכטיקן?

— וואָס הייסט?

— אַהיים צו מיין מאַן וועל איך ניט גיין נעכטיקן נאָך דער היינטיקער סצענע.

— איז דען דאָס היינט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איר האָט זיך צעקריגט?

— דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זיך אַזוי כוליגאַניש באַנומען קעגן מיר און מיך אָנגערופן פּראָסטיטוטקע...

דעמבאָ האָט געשוויגן. לאָלאַ האָט גערעדט וויטער. און מיטאַמאָל האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— אפשר, דעמבאָ, קאָן איך ביי דיר נעכטיקן?

— ניין, ניין! — האָט ער אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און האָט זיך אַזש אָנגעכמורעט.

האָט זי מער דערפון ניט גערעדט. זי האָט נאָר געבעטן אים, אַז ער זאָל זי באַגלייטן צו אַ געוויסן האָטעל אויף אַרטש סטריט. זי וועט דאָרט נעמען אַ צימער, ביז זי וועט זיך אויס־געפינען ערגעץ אַ דירה.

צוויי טעג האָט זי זיך ניט געוויזן אינדערהיים. דאָקטאָר ראַסקין האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט ניט געוואָלט קומען אַהיים נאָך יענעם סקאַנדאַל, און ער איז אַרומגעגאַנגען אַ נערוועזער און אַ צעטומלטער.

קיטין האָט מען אינדערהיים געזאָגט, אַז די מאַמע איז אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אויף עטלעכע טעג. האָט זי דאָס געגלויבט, ווייל די מאַמע איז אָפט געפאָרן אין אַנדערע שטעט, צו האַלטן רעדעס.

ערשט אויפן דריטן טאָג איז לאָלאַ צוריקגעקומען. זי איז געקומען נאָך אירע זאַכן.

דאָקטאָר ראַסקין איז דעמאָלט פאַרנומען געווען מיט אַ פּאַציענט ביי אים אינם קאַבינעט און פון זיין „נוירס" האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין ווייב איז געקומען און אַז זי איז ביי זיך אינם צימער. איז ער אויף גיך פאַרטיק געוואָרן מיט זיין פּאַציענט און איז אַן אויפגערעגטער אַוועק זען זי, לאָלאַן.

ער איז אַריינגעקומען צו איר אין צימער, ערשט זי איז דאָרט געשטאַנען איבער אַ קופערט און האָט אַריינגעפּאַקט אַהין אירע זאַכן. ווען ער האָט דאָס דערזען, איז ער ווילד געוואָרן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און נאָר אַרויסגערעדט פאַרשטיקט:

— אָ, פּאַקסט זיך? פיין, פיין! גוט!...

דערביי האָבן זיך די אויגן ביי אים צעברענט, ווי ביי אַ צערייצטן גזלן, ווי לאָלאַן האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן...

און מיט אַמאָל איז איר איינגעפאַלן זיך אָפּצורעכענען מיט אים, סיי פאַר דעם, פאַרוואָס ער האָט זי לעצטן מאָל גערופן פּראָסטיטוטקע, און סיי פאַר דער רציחה, וואָס זי האָט איצט געפילט ביי אים אין די אויגן, און, אַגב, אויך, ווייל זי האָט געוואָלט אים נאָך מער אויפרייצן קעגן זיך, כדי ער זאָל זיך צעשיידן מיט איר...

זי האָט זיך אָנגערופן קאַלט און רואיק:

— איך האָב גענומען אַ וואוינונג. איך קלייב זיך אַרויס.

— זייער פיין, געזונטערהייט. אַליין, צי מיט יענעם?

— יאָ, מיט יענעם.

— וואָס דו האָסט אים ליב? — האָט ער אונטערגעכאַפּט מיט גאַל אין קול — און וואָס?...

— יאָ, וואָס איך האָב אים ליב, און וואָס איך לעב מיט אים — האָט זי געענטפערט אין דעם זעלביקן רואיקן, קאַלטן טאָן.

ביי דאָקטאָר ראַסקינען האָט אויף אַ רגע דער לשון אָפּ־גענומען. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע, גרויסע אויגן. נאָכדעם האָט ער אַרויסגערעדט הייזעריק, ווי אינם האַלדז וואָלט אים געברענט:

— דו זאָגסט עס אַליין?

— יאָ, איך זאָג דאָס אַליין. און דאָס איז אויך דער אמת אַליין!

האָט ער זיך מיטאַמאָל אויפגערעגט צעלאַכט הויך אויפן קול און דערנאָך אויסגעשריען:

— אויב אַזוי קאָן דאָך נאָך זיין, אַז מיט דאָקטאָר דוואָר־קינען אַמאָל...

— יאָ, דאָס אויך! — האָט זי געענטפערט מיט קאַלטער אַכזריות, הגם זי האָט מיט יענעם קיינמאָל קיין אינטימע באַ־ציאונגען ניט געהאַט — יאָ, איך האָב מיט דאָקטאָר דוואָרקינען געלעבט!

ווי זי וואָלט אים מיט אַ האַק איבערן קאָפּ דערלאַנגט...

באַלד אָבער איז לאָלאָ איבערראַשט געוואָרן פון אים. ער איז פּלוצים געוואָרן אַזוי רואיק, ווי זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען. און מיט אַ פעסטן טאָן און רואיקן שמייכל האָט ער געזאָגט:

— אַ דאַנק, לאָלאָ. די ריכטיקע מעדיצין פאַר מיר. אַן אָפּעראַציע פון אַ מייסטערהאַנט. ווען דאָס דערציילט מיר אַן אַנדערער, אַ פרעמדער, וואָלט איך בשום אופן דאָס ניט גע־

גלויבט, הגם אַ חשד האָב איך אַלע מיינע יאָרן געהאַט... אָבער, אַז דו אַליין דערציילסט עס מיר, אַז דו אַליין ביזט זיך מודה... אַ דאַנק, אַ דאַנק!...

האָט זי אים געפרעגט:

— אַלזאָ, צעשיידן מיר זיך?

האָט ער געשוויגן און געקוקט אַ היבשע צייט איר גלייך אין די אויגן אַריין. נאָכדעם האָט ער מיטאַמאָל דערקלערט:

— ניין, איך גלויב דיר ניט. איך קען דיר צו־גוט. דו וועסט מיך ניט באַטריגן הינטערן רוקן. ניט דו, לאָלאַ! דו ביזט ניט אַזאַ.

— איך בין יאָ אַזאַ — האָט זי אים איבערגעשלאָגן — און דו ווייסט עס. דו אַליין האָסט מיך ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָנגערופן פּראָסטיטוטקע.

— איך האָב ניט געהערט, וואָס איך האָב גערעדט, לאָלאַ. איך בעט דיך — האָט ער אומגעביטן דעם טאָן — זאָל זיין גענוג וועגן דעם. זאָלן מיר דערפון אינגאַנצן מער ניט ריידן. לאָלאַ, איך גלויב דאָך ניט, אַז דו ווילסט ערנסט מיך פאַרלאָזן. נאָר אויב דו מיינסט עס טאַקע... מיר איז דאָס שווער... איך קאָן דאָס ניט... צוגעוואוינט צו דיר און דו ביזט די מאַמע פון קיטין... ניין, צוליב אונדזער קינד, צוליב אונדזער טאָכטער, טאָרן מיר זיך ניט צעשיידן...

— אַפילו איצט, ווען דו ווייסט, אַז איך האָב דיך באַ־טראָגן?

— מיר וועלן זיך ניט צעשיידן צוליב אונדזער קינד — האָט ער געזאָגט שטאַרקער.

— און ווען איך וועל דיך ווייטער באַטראָגן?

— דו האָסט מיך ביז אַהער אויך ניט באַטראָגן! לאָלאַ, איך גלויב דיר ניט.

—דו זאָלסט מיר גלויבן — האָט זי געזאָגט פעסט און אים געקוקט דרייסט אין פּנים אַריין — איך קום ערשט

פון דעם מאַן, וואָס איך לעב מיט אים די גאַנצע צייט, זינט איך האָב אויפגעהערט צו לעבן מיט דיר...

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פונם קאָפּ ביז צו די פיס, ווילד אַ הויב געטאָן די האַנט און אַ טראָט געטאָן צו לאָלאָן; תיכף אָבער האָט ער זיך באַהערשט, אַרונטערגעלאָזט די האַנט און איז שטיין געבליבן.

ער איז דערנאָך געשטאַנען אַ ווײַלע און געקוקט אויף איר מיט קאַלטער פאַראַכטונג. נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט אַ נויג געטאָן צו איר און געזאָגט מיט אַ קאַלטן שמייכל:

— איצט גלויב איך דיר... איך דאַנק דיר ווידער... זײַנען מיר, הייסט עס, פּאַרטיק!...

און ער איז אַוועק.

10

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט געשיידט, איז זייער קינד, קיטי, אַלט געווען צען יאָר, און זי איז פאַרבליבן מיט איר פאָטער.

דאָקטאָר ראַסקינס ברודער און שוועגערין האָבן זיך גע־פרייט, וואָס זיי זײַנען פּטור געוואָרן פון אַן „אַנאַרכיסטקע" אין זייער משפּחה. צווישן די באַקאַנטע פון לאָלאָן האָט זיך אויך גערודערט וועגן איר צעשיידן זיך מיט איר מאַן און, נאָך מער, וועגן דעם, וואָס זי האָט געלעבט מיט דעמבאָן.

און דעמבאָ אַליין איז דערפון ניט גאָר צופרידן געווען. בפרט ווען זי, לאָלאָ, האָט איצט גענומען פאָדערן, אַז זיי זאָלן וואוינען אין איין דירה.

אויף דערויף האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין.

ניין, דאָס ניט. זי האָט עס ניט געדאַרפט פאַרלאַנגען פון אים. סיידן ווען ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פרוי, וואָלט

ער עס געטאָן. אָבער ער טראַכט אַפּילו ניט דערפון. זי, לאַלאַ, ווייסט עס. ער האָט קיינמאָל פון איר ניט באַהאַלטן, אַז ער האָט זיין טאַניען ליב.

איז זי גליקלעך געווען אַזוי מיט איר ליבע, ניט וואוינענדיק מיט דעמבאָן אין איין דירה. און זי האָט ווידער געגעבן פראַנצויזישע לעקציעס אין די אַמעריקאַנישע הייזער, ווי אַמאָל, און זי האָט פאַרדינט גענוג אויף אַלצדינג, וואָס זי האָט געדאַרפט.

און איין מאָל יעדע וואָך האָט זי זיך געזען מיט קיטין. אַמאָל האָבן זיי זיך געטראָפן אין אַ פּאַרק און אַמאָל ערגעץ אין אַן אַנדער עפנטלעכן פּלאַץ. קיטין האָט אַלעמאָל באַגלייט איר גוואַוערנאַנטקע.

און יעדעס מאָל האָט לאַלאַ פאַר איר קינד עפּעס אַ מתנה געבראַכט.

זינט זי האָט זיך צעשיידט מיט איר מאַן, איז קיטי איר טייערער געוואָרן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, און זי קיטין אויך, הגם דאָס קינד האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איר פּאַפּאַ האָט זיך צעשיידט מיט איר גוטער און שיינער מאַמע, און פאַרוואָס איר מאַמע האָט זיך צעשיידט מיט איר גוטן פּאַפּאַ...

אַזוי איז אַוועק אַ קנאַפּער יאָר. לאַלאַ האָט זיך געוויזן שטענדיק מיט דעמבאָן, ווי פריער, אָבער איצט האָט מען אויף זיי ביידן געקוקט מיט אַנדערע אויגן איידער פריער.

איר געפיל צו אים איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, געצונדן פון דעם געדאַנק, אַז ער האָט ניט געהערט צו איר אינגאַנצן. און וואָס לענגער זי איז געווען מיט אים, אַלץ מער האָט זיך ביי איר צעוואַקסן און געשטאַרקט דער פאַרלאַנג, אַז ער זאָל געהערן איר אינגאַנצן.

ביז ווייטיק ממש האָט זי אָט דער פאַרלאַנג גענומען פּייניקן. און דעמאָלט האָט זי ווידער אָנגעהויבן צושטיין צו אים, אַז זיי זאָלן וואוינען אין איין דירה.

און איינמאָל — דעמבאָ איז אָפּט אומגעפאָרן איבער אַנ־דערע שטעט, וואו ער האָט געלייענט לעקציעס — האָט זי באַקומען פון אַן אַנדער שטאָט אַ בריוו.

זי האָט דערקענט דעמבאָס האַנטשריפט אויפן קאָנווערט.

און אַז זי האָט דערנאָך געלייענט אָט דעם בריוו, איז זי צעטומלט געוואָרן און די ווערטער פון דעם בריוו האָבן געטאַנצט פאַר אירע אויגן, ווי דורך אַ נעבל...

ער האָט איר געשריבן, אַז ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זייערע פאַרהעלטענישן, מחמת זיי זיינען פיינלעך פאַר אים. וואָלט ער ניט געליבט אַזוי זיין פרוי, וואָלט ער געהאַנדלט אַזוי ווי זי, לאָלאַ, פאַרלאַנגט פון אים. ער וואָלט געוואוינט מיט איר אין איין דירה און וואָלט זיך געפילט גליקלעך מיט איר. אַזוי אָבער איז זיין לאַגע אַ פאַלשע און אַ פיינלעכע פאַר אים. זי, לאָלאַ, קאָן ניט זיין גליקלעך מיט אים, וויסנדיק, אַז ער האָט ליב זיין ווייב און בענקט נאָך זיין ווייב, און קעגן זיין ווייב פילט ער זיך אויך שולדיק, וואָס מער ליבע זי, לאָלאַ, ווייזט צו אים אַרויס.

נאָטירלעך — האָט ער ווידער געשריבן — זי, לאָלאַ, וועט ביי זיך טראַכטן, אַז ער האַנדלט איצט אַזוי, מחמת ער האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט איר. וויל ער איר פאַרזיכערן, אַז עס איז דווקא פאַרקערט: אַז קיינמאָל איז ביי אים דער געפיל ניט געווען אַזוי שטאַרק צו איר, ווי אין אָט דעם מאָמענט, בעת ער שרייבט צו איר אָט דעם בריוו, און אויך מחמת דעם האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף. ער האָט עס געדאַרפט טאָן פריער. ער האָט אָבער קיין כוחות אויף דערויף ניט געהאַט. אומזיסט מיינט זי, אַז ער איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער.

און פאַרענדיקט האָט ער דעם בריוו:

קיין פילאַדעלפיע קומט ער ניט צוריק. ער וועט מסתמא פאָרן קיין שיקאַגאָ. און ער האָפט, אַז זי, לאָלאַ, וועט אים פאַרשטיין. און אַזאַ אינטעליגענטער און שטאַרקער מענטש, ווי זי

איז, וועט אים באַלד פאַרגעסן און וועט געפינען גענוג אינטער־רעס אינם לעבן און אין דער באַוועגונג, וועלכע, ווי ער ווייסט, איז איר אַ סך טייערער, איידער אַזאַ אומווירדיקער פאַרשוין ווי ער.

„יאַ, לאַלאַ, איך בין אַן אומווירדיקער פאַרשוין" — האָט ער געשריבן — „קוקט אַזוי אויף מיר און באַרואיקט זיך און פאַרגעסט מיך"...

אויף אַ ווײַלע איז לאַלאַ געבליבן אַזוי ווי אַלע געדאַנקען וואָלטן זיך בײַ איר מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט אינם מוח, ווי דאָס גאַנצע בלוט בײַ איר אין די אָדערן וואָלט מיטאַמאָל פאַר־גליווערט געוואָרן. ווי אַ שטיק האָלץ איז זי געוואָרן.

דערנאָך איז זי געוואָרן היסטעריש און איז אַ גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן אינם בעט בײַ איר אין דעם געדונגענעם צימער און האָט געשטיקט איר געוויין אין קישן אַרײַן.

און וואָכן לאַנג איז זי אַרומגעגאַנגען נאָכדעם אַ צעדול־טע און אַ דערשלאָגענע, האָט געליטן און געבענקט נאָך אים, און איר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז זי וועט שוין מער קיינמאָל ניט קענען גליקלעך זײַן.

און אַז זי האָט זיך געטראָפן מיט קיטין, האָט זי צו איר אַרויסגעוויזן אַ מין היסטערישע ליבע, אַזוי ווי די ליבע צו יענעם, וואָס האָט זי פאַרלאָזן, וואָלט זי אויף איר אויסגעגאָסן.

זי האָט אויסגעמיטן אירע פרײַנט און גענאָסן, און טאָקע געשעמט זיך אויך פאַר זיי, פילנדיק די חרפה פון אַן „אָוועק־געוואָרפענער", און אַ לענגערע צײַט איז זי צו די מיטינגען ניט געגאַנגען.

צום סוף אָבער האָט זי זיך ווידער גענומען ווײַזן אויף פאַרזאַמלונגען.

און איצט, נאָך איר ראָמאַן מיט דעמבאָן, איבערהויפּט נאָך דעם, אַז ער האָט זי פאַרלאָזן, האָבן אירע גענאָסן, די איי־

גענע, וואָס האָבן פריער זי אַזוי פֿאַרערט, געקוקט אויף איר גאָר מיט אַנדערע אויגן.

ניט איין געגאָסע אירער האָט ווי ערשט איצט פּלוצים באַמערקט, וואָס פֿאַר אַ בילד שיינע פרוי זי איז געווען, אָט־די לאָלאַ מיטן טונקעלן ציגיינער־פּנים, און וואָס פֿאַר אַ שוואַרצע קאָכעדיקע אויגן זי האָט געהאַט, און ווי כישופדיק זי האָט גע־שמייכלט מיט אירע ווייסע ציין.

און ניט איין געגאָסע אירער האָט געטראַכט דעמאָלט: ווי אַזוי האָט דעמבאָ געקאָנט פֿאַרלאָזן אַזאַ פֿאַרשוין און אַז מען דאַרף זיך נעענטער באַפריינדן מיט איר...

און גראָד איז דעמאָלט געווען די צייט, ווען אין דער היגער פרעסע האָט מען כסדר גערעדט וועגן דער נייער פרוי, — וועגן דער פרוי, וואָס האָט, אַ דאַנק דער מלחמה, אָנגעהויבן אַרויסצווייזן איר זעלבסטשטענדיקייט אויף כל־ערליי אופנים, אויך אין דעם פּרט פון ברעכן די צוימען פון דער אָנגענומענער מאָראַל...

אַ טייל געגאָסן — און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זי, לאָלאַ, האָט געהאַלטן פֿאַר זייער ערנסטע — האָט כסדר געזוכט איצט נאָר צו דיסקוטירן מיט איר וועגן אָט דער פרוי, וואָס האָט גענומען רעוואָלטירן קעגן דער אָנגענומענער מאָראַל און בכלל וועגן געשלעכט־פראַגן, און ניט איבער סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן, ווי אין די פריערדיקע צייטן.

און זי, לאָלאַ, האָט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס זיי זיינען איצט פֿאַראינטערעסירט געווען צו ריידן מיט איר דערפֿון, און צו־ערשט האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי איר אַ מין צו־להכעיס־געפֿיל, אַ מין קעציישער חשק, וואָס ער איז קיין פרוי ניט פרעמד, אַ שפּיל צו טאָן זיך מיט זיי אָט טאַקע דערפֿאַר, ווייל זיי קוקן איצט אַזוי אויף איר, און זי האָט אַרויסגעזאָגט די דרייסטע און פרייסטע געדאַנקען וועגן דעם ענין ווייב און מאַן.

האָט זי מיט אָט־די צו־להכעיסדיקע געדאַנקען אירע נאָך

מער צעצונדן און פאַרשיכורט די פריערדיקע באַוואונדערער פון איר אידעאַליסטישער שיינקייט און זי האָט פון זיי געהערט ווערטער, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיגלט דער שפּיל פון דעם שוימענדיקן בלוט, וואָס זי האָט ביי זיי אָנגעצונדן...

און ביי די מערסטע פון אָט־די מענער האָט זי באַמערקט דערביי אין די אויגן און אין די מינעס כמעט דעם אייגענעם שעפּסענעם, גולם׳עוואַטן אויסדרוק, וואָס האָט זי צוערשט האַלב־אַמוזירט, דערנאָך ביז געמאַכט און שפּעטער אַלץ מער באַ־ליידיקט און ווי געטאָן.

און זי האָט געטראַכט אַמאָל אַ טיף־באַליידיקטע:

„זיינען דאָס די אייגענע גענאָסן, וואָס האָבן מיך פריער אַזוי פאַרערט?"

און אַן אַנדערש מאָל:

„גאָט מיינער, זיי קוקן דאָך איצט אַלע אויף מיר, ווי ראַסקין, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ברואים די מענער?"

זי וואָלט זיך צוריקגעצויגן פון דער באַוועגונג, כדי זיך ניט צו טרעפן מער מיט די מענער, וואָס האָבן זיי באַליידיקט מיט זייער איצטיקער באַנעמונג, איז אָבער די באַוועגונג איר געווען צו־טייער. און אַחוץ דעם, האָט זי אין דער באַוועגונג בלויז גע־קאָנט פאַרגעסן דעמבאָן, וואָס זי האָט אים נאָך אַלץ שטאַרק ליב געהאַט...

ביז איינמאָל איז עס דערגאַנגען ביי איר ביז צו אַ סקאַנדאַל מיט איינעם פון אירע פריערדיקע פאַרערער.

אויף אַן אַרבעטער־קאָנפערענץ איז דאָס געווען. דאָרט איז אויך געווען גענאָסע פין, דער רייכער פאַבריקאַנט, וואָס דעמבאָ האָט פריער ביי אים אינם הויז געוואוינט. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן איז ער געווען, אַ הויכער און אַ ברייטער, מיט אַ קאָפּ גע־דיכטע, שוואַרצע האָר און אַ צופרידענער מינע אויף זיין רונדן, רייך־ראַזירטן פּנים.

דער דאָזיקער גענאָסע פין איז אַמאָל, בעת ער איז נאָך

געווען אַן אַרבעטער, אַ צושניידער ביי מענער־קליידער, געווען אַ הייסער אַגיטאַטאָר פאַר דעם סאָציאַליזם; איצט, ווען ער איז געווען דער רייכער קליידער־פאַבריקאַנט, האָט ער אויך ניט דורכגעלאָזן קיין איין געלעגנהייט צו אַגיטירן פאַר דעם סאָציאַליזם, הגם — ווי בייזע צינגער האָבן גערעדט — די אַרבעטער אין זיין פאַבריק האָט ער עקספּלואַטירט ניט ווייניקער איידער די אַנדערע פאַבריקאַנטן. אָט ער איז געווען אויך איינער פון לאַלאַס פריערדיקע פאַרערער.

אויף יענער אַרבעטער־קאָנפערענץ האָבן זיי ביידע גערעדט. זי איז אויפגעטראָטן נאָך אים. ער האָט שטאַרק אַפּלאָדירט איר רעדע, און ווען זי האָט זיך דערנאָך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט, אויף דער פּלאַטפאָרם, האָט ער איר געדריקט די האַנט און צו איר געזאָגט (ער איז געזעסן לעבן איר):

— אייער רעדע איז היינט געווען אַן אמתע מייסטער־ווערק...

— געפעלט אייך?

— זייער.

און ער האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע שטילע, גוטמוטיק־שמייכלענדיקע אויגן.

— בין איך צופרידן, גענאָסע פין.

גראָד איז ער געווען איינער פון יענע, וואָס האָט זיך פאַר־האַלטן צו איר איצט אויך מיט דעם אייגענעם רעספּעקט ווי אַמאָל. אַזוי, לכל הפחות, האָט זי אַליין געמיינט.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן. איך האָב אַ גערוס פאַר אייך.

— פאַר מיר? פון וועמען?

— פון גענאָסע דעמבאָ.

אין פּנים איז איר הייס געוואָרן און זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון גענאָסע פין.

— איכל אייך שפעטער ווייזן זיין בריוו. נעכטן באַקומען — האָט זי געהערט ווייטער זיין קול.

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן: „ניט נויטיק; מיך אינ־טערעסירט ניט זיין בריוו", און ניט געקאָנט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך געמוזט ראַנגלען מיטן פאַרלאַנג צו פרעגן ביי אים, וואָס יענער שרייבט און פון וואַ־נען איז דער בריוו.

זי האָט אָט דעם פאַרלאַנג בייגעקומען, אָבער אַ בענקעניש און אַ שווערער אומעט האָבן זי גענומען פייניקן.

ניט פּין און ניט זי האָבן גערעדט מער דערפון און ביידע האָבן זיך ווייטער אָפּגעגעבן מיט די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינען דאָרט אָנגעגאַנגען אויף דער קאָנפערענץ.

נאָך דער אינדערפריערדיקער זיצונג האָט מען באַשטימט אַ הפסקה אויף צוויי שעה. דעמאָלט האָט פּין זי איינגעלאַדן צו פאָרן מיט אים אין אַ פּלאַץ עסן מיטאָג.

זי האָט זיין איינלאַדונג אָנגענומען.

אַ שיינער, זוניקער טאָג איז דאָס געווען אין מיטן יוני. ער האָט זי געבראַכט אין זיין מאַשין צו אַ פּלאַץ אַ צען מייל פון פילאַדעלפיע. דאָרט האָבן זיי געזאָלט עסן מיטאָג און דערביי הנאה האָבן אַ שעה צי צוויי פון דער שיינער נאַטור אויך — ווי ער האָט איר געזאָגט. אַגב, האָט זי געהאָפט, אַז ער וועט איר ווייזן דעמבאָס בריוו...

דער פּלאַץ — אַ רעסטאָראַן — האָט זיך געפונען לעבן אַ וואַלד און גרינע פעלדער.

לאָלאַ איז געווען אַזוי נייגעריק צו זען דעמבאָס בריוו, אַז ווי־נאָר זיי האָבן זיך געזעצט ביים טישל, האָט זי זיך אָנ־גערופן צו פּינען:

— אַנו, ווייזט זיין בריוו.

— וואַרט, זאָלן מיר אַפּריער פאַרטרייבן דעם הונגער.

— איך בין ניט הונגעריק.

— נאָך אים אָבער יאָ — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ בליק, וואָס האָט איר, דער איצטיקער לאַלאָן, ניט געדאַרפט געפעלן. זי אָבער האָט אָט־דעם בליק זיינעם ניט באַמערקט, זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אַ האַנט און געזאָגט מיט אַ נערוועזן שמייכל:

— גיט אָהער דעם בריוו און רעדט ניט קיין נאַרישקייטן!

ער האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו און באַמערקט, ווי איר האַנט, וואָס האָט ביי אים גענומען דעם בריוו, האָט אַ ציטער געטאָן און ווי איר טונקעלער פּנים האָט זיך אין טונקל־רויט געררויטלט.

זי האָט די באַקאַנטע האַנטשריפט געלייענט מער מיטן האַרצן, ווי מיט די אויגן. פון סיראַקיוז איז דער בריוו געווען, וואו דעמבאָ האָט זיך דעמאָלט געפונען. ער האָט געשריבן, אַז ער איז געקומען קיין סיראַקיוז צו לייענען עטלעכע לעקציעס און פון דאָרט פאָרט ער קיין באַפאַלאָ.

און דאָ איז איר אויג געפאַלן אויף איר נאָמען. זי האָט געלייענט: „און וואָס מאַכט דאָרט אונדזער וואונדערלעכע לאַ־לאַ? איך האָף, אַז זי איז געזונט און טוט איר גוטע אַרבעט ווי פריער".

„ווי קאָנען זיין מענער אַזוי פאַלש?" האָט זי אַ טראַכט געטאָן, און בשעת דעם האָט זי געמוזט צומאַכן די אויגן, מחמת זי האָט דערפילט, ווי זיי פאַרלויפן מיט טרערן.

נאָכדעם האָט זי צוריק אָפּגעגעבן גענאָסע פינען דעם בריוו מיט אַ געמאַכטן שמייכל.

— נו? — האָט ער געפרעגט און געקוקט אויף איר מיט זיינע שטילע, גוטמוטיק־שמייכלענדיקע אויגן.

זי האָט געענטפערט כמעט שטיפעריש:

— עסן! איך בין הונגעריק! דאָס איז אינטערעסאַנטער...

ביים עסן האָט פין אַ פּאָר מאָל ווידער געפּרוּאווט פאַר־פירן מיט איר אַ שמועס וועגן דעמבאָס בריוו, זי האָט אָבער

ניט געוואָלט ריידן דערפון. „ניט אינטערעסאַנט. מיר גייט עס ניט אָן" — האָט זי אים געענטפערט; אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זי געטראַכט מיט אַן־אַ־שיר בענקעניש אינם האַרצן:

„ער איז ניט בעסער איידער די אַנדערע... „אונדזער וואונ־דערלעכע לאָלאַ"... און ווי אַזוי איז ער זיך באַגאַנגען מיט איר?"

נאָכן עסן האָט פין איר פאַרגעלייגט צו נעמען אַ קורצן שפּאַציר אין דעם וואַלד, הינטער דעם רעסטאָראַן.

— זאָלן מיר פאָרן צוריק. איך וויל ניט פאַרשפעטיקן די נאָכמיטאָגדיקע זיצונג — האָט זי געזאָגט.

— מיר האָבן נאָך צייט אַ גוטע האַלבע שעה — האָט ער באַמערקט.

האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם און איז אַוועק מיט אים מיט אַ שמאָלן וועג אין טונקעלן וואַלד אַריין. מיטאַמאָל האָט זיך פין אָנגערופן:

— אַט אַזוי געפעלט איר מיר, גענאָסינע לאָלאַ!

— וואָס מיינט איר „אַזוי"? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים צעטראָגן, ווייל זי האָט געטראַכט דעמאָלט אויך וועגן דעמבאָן.

— איך מיין, אַט דאָס, וואָס איר מאַכט זיך ניט קיין צימעס פון דעם... דאָס הייסט, קיין טראַגעדיע דערפון... די נייע פרוי האַנדלט אַזוי...

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט, געגאָסע פין.

— איך רייד דערפון, וואָס איר האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן די געשיכטע מיט געגאָסע דעמבאָ. אַוועק? געזונ־טערהייט. עס זיינען פאַראַן גענוג אַנדערע מענער, שענערע און יינגערע פון אים!...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים; ער אויך?... האָט באַ־מערקט ביי אים אויך אַ מינע און אַ פייערל אין די אויגן, וואָס זי האָט ביי אים פריער קיינמאָל ניט באַמערקט, און עס האָט איר אַ ברען געטאָן.

— אָודאי, אָבי איר פאַרשטייט! — האָט זי נערוועז אַ שמייכל געטאָן.

און אַז ער האָט געשוויגן, האָט זי שפּאָטיש צוגעלייגט:

— ווען עס קומט צו דעם, ווי קלוג איר זענט, מענער, און ווי איר קענט די פרוי!...

— אפשר ניט? — האָט ער אַ קוק געטאָן איר אין פּנים אַריין מיטן שמייכל, וואָס ער איז איר אַזוי ניט אָנגענעם געווען.

— אָודאי, אָודאי, איך זאָג דאָך אייך! — האָט זי אַרויסגענומען איר האַנט פון זיין אָרעם און זיך אָפּגעשטעלט — קומט צוריק.

— פאַרוואָס?

— איך וויל ניט פאַרשפּעטיקן די זיצונג.

— מיר וועלן ניט פאַרשפּעטיקן. און ווען אַפילו יאָ, איז אויך קיין אומגליק ניט. די קאָנפערענץ וועט זיך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

און ער האָט אָוועקגעלייגט זיין אָרעם אויף איר טאַליע און אַריינגעקוקט איר אין פּנים מיט זיין נאַרישוואָטן שמייכל.

זי האָט אים אויך געקוקט אין פּנים אַריין, און דער פּנים ביי איר האָט זיך גערויטלט און די שוואַרצע אויגן האָבן אויפגערעגט זיך געצונדן.

— נעמט אָוועק אייער האַנט — האָט זי שטיל געזאָגט

— איך האָב עס פיינט. נעמט אָוועק!...

איז ער געוואָרן ביי זיך דרייסטער און זי אָנגענומען פעסטער. בשעת דעם האָט ער גערעדט, קוקנדיק איר אין פּנים אַריין מיטן נאַרישן שמייכל.

— איר האָט עס פיינט? טאַקע? פאַר אַזאַ נאַר האַלט איך אייך ניט!

— הערט אויף, מיך עקלט פון אייך! וועט איר מיך ניט איינלאָזן, וועט זיין אַ סקאַנדאַל!

— פריער טוט מיר אַ קוש, דערנאָכדעם וועל איך אייך

איינלאָזן... אָדער... גוט, איכל אייך פריער אַ קוש טאָן! — האָט ער זיך אַ צי געטאָן צו איר מיט די ליפּן.

און דאָ האָט אים אַ פּלעם געטאָן פאַר די אויגן, און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט פאַר אַ באַק.

און אַזוי מיט דער האַנט אויף זיין באַק האָט ער אַ צעטומלטער געקוקט אויף לאָלאָן, וועלכע איז געשטאַנען אַ בלייכע מיטן פּנים צו אים און מיט ציטערנדיקע ליפּן געזעדט פאַרשטיקט:

— רעספּעקט... איר הינט!... איר אַלע זענט הינט.

און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון דעם אָרט און זיך געלאָזט גיין צוריק.

געקומען איז זי אין פילאַדעלפיע צוריק אין אַ טעקסי, און ביי דער קאָנפערענץ האָט זי זיך מער ניט געוויזן.

***

אַ שטיק צייט איז אַוועק און מען האָט פון איר ניט געהערט. ביז איינמאָל, באַלד ווי אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה, איז אין די ענגלישע צייטונגען געווען איר בילד מיט די נייס, אַז די „רויטע לאָלאָ", וועלכע האָט די לעצטע צייט געוואוינט אין שיקאַגאָ, איז דאָרט פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר געפענגעניש פאַר „פאַרראַט צו די פאַראייניקטע שטאַטן", ווייל זי האָט אַגיטירט און אָנגעפירט דעמאָנסטראַציעס קעגן דער מלחמה און קעגן די מלחמה־פּראָפיטירער...

1936 — ברוקלין, נ. י.

די קאָנקורענטקע

1

— ברענג איך באַלד מיין קלאַפּערגעצייג און נאָכדעם וועלן מיר גיין אין וואַלד צו אונדזער פעלד און מיר וועלן פאַר־ענדיקן דאָס בילד. וועט אייער טאָכטער אויך גיין מיט אונדז ?

— איך גלויב אַזוי, — האָט חנה געענטפערט, און זי האָט זיך אַ צי געטאָן מיט איר גאַנצן שלאַנקן וואוקס אויפן העמאַק, אויף וועלכן זי איז געלעגן, פאַרלייגט אירע ביידע הענט הינטערן נאַקן און אָנגעקוקט דעם מאָלער מיט שוואַרצע, לאַכעדיקע אויגן.

— וואָס איז, שוואַרצבערג, איר וואָלט וועלן אַז זי זאָל ניט גיין מיט אונדז ? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

דער מאָלער האָט אַרויסגענומען די קורצע פּיפּקע פון זיין מויל און געענטפערט :

— דעם אמת געזאָגט : יאָ !

— וואָס, יאָ ?

— איך מיין : ניט.

— וואָס ניט ?

— איך מיין : יאָ ! ניט ! ניט ! יאָ ! — האָט ער שטי־פעריש גערעדט, און זיין ברוינער, פון דער זון אָנגעברענטער פּנים מיט די בלאָנדע וואָנצעס און גרויע אויגן, האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

— יאָ, ניט, ניט, יאָ, — היינט גיי ווייס, צי יאָ, צי ניט...

— די מאַמע, יאָ, און די טאָכטער... — זי זאָל בעסער דאָ בלייבן ! — האָט דער מאָלער זיך צום סוף אָנגערופן.

— פאַרוואָס, שוואַרצבערג ?

— ווייל ווען זי איז מיט אונדז, איז נישטאָ מער חנה, נאָר די מאַמע, ווי איז צו מיר ! — האָט דער מאָלער קאָמיש אַ קרעכץ געטאָן.

— אָ! — האָט חנה זיך צעלאַכט.

— אין די צוויי טעג, זינט זי איז געקומען, דערקען איך אייך גאָרניט.

— זי איז געקומען נאָר אויף עטלעכע טעג, און די עט־לעכע טעג וויל איך זיין בלויז די מאַמע און איר וועט מוזן זיין — דער קאָרעקטער דזשענטלמאַן...

— וועל איך דאָס מוזן זיין?...

— אומבאַדינגט, שוואַרצבערג.

— און וואָס דאַרף איך טאָן, אַז איך זאָל זיין דער דזשענטל־מאַן?

— גאָרנישט, אָבער לחלוטין גאָרנישט — האָט זי שטאַרק באַטאָנט די לעצטע ווערטער און אים אַ ברען געטאָן מיט אירע שוואַרצע, שמייכלענדיקע אויגן — דעמאָלט וועט איר זיין דער דזשענטלמאַן...

איז ער צוגעגאַנגען נעענטער צום העמאַק, האָט זיך צו־געבויגן צו איר און, האַלטנדיק די פּיפּקע צווישן די ציין, האָט ער שטיל זיך אָנגערופן:

— און איך ווער משוגע!...

— נעבעך! — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפגעזעצט אויפן העמאַק, איז אַרונטערגעשפּרונגען פון אים און האָט גענומען זוכן ארום זיך מיט די אויגן.

שוואַרצבערג האָט די אויגן פון איר ניט אַרונטערגענומען.

אין איר רויטער קימאָנע האָט זי — די הויכע, שלאַנקע ברונעטקע, מיט באַקן, אָנגעטרונקענע מיט בערגיקער זון, און מיט קורץ־געשוירענע, פעך־שוואַרצע האָר, און קאָכעדיקע, שוואַרצע, זו־ניקע אויגן, און אַ הויכן ביוסט — אויסגעזען אַזוי ווייבעריש־כישופדיק און אַזוי יונג, אַז דער מאָלער האָט נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן,בעת ער האָט איצט געקוקט אויף איר:

„און זי איז אַ מאַמע פון אַן אַכצן יעריקער טאָכטער, ווער וואָלט עס געגלויבט ?"

דערווייל האָט חנה אויפגעהויבן אַ בוך פון אונטערן העמאַק.

— „זשאַן קריסטאָפאָר", — האָט זי זיך אָנגערופן — האָט איר עס געלייענט, שוואַרצבערג ?

— וואָס מיר „זשאַן קריסטאָפאָר", — האָט ער געענט־פערט און באַהאַלטן זיין פיפקע אין קעשענע פון זיינע „אָווע־ראָלס" — ווער דאַרף לייענען, ווער וויל לייענען און וועמען איז עס אין קאָפּ צו לייענען ?...

— אַזוי גאָר ? — האָט זי זיך אָנגערופן און זיך געלייגט צוריק אין העמאַק און גענומען בלעטערן דאָס בוך.

— איך מיין, ווען איר זענט דאָ, ווען איר זענט אויף די אויגן — האָט ער גערעדט ווייטער האַלב־שטיפעריש און באַלד ערנסט — איר מאַכט מיך ווילד, משוגע און איר ווילט נאָך, אַז איך זאָל זיך האַלטן מיט אייך שטייף, אָנגעבלאָזן, אָנגע־קראָכמאַלעט, מעשה אידיאָטישער דזשענטעלמאַן. ווי קען איך דאָס ? ווען איך קוק איצט אויף אייך, רייסן זיך מיינע ליפּן משוגענערווייז צו אייערע, און מיינע אָרעמס, כאַטש נעם און האַק זיי אָפּ, צום שוואַרץ יאָר !...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און הייס אַ לאַך געטאָן אין זיך.

— חנה, — איז ער צוגעגאַנגען נאָך נעענטער צו איר, רעדנדיק נאָך אַלץ האַלב שטיפעריש און האַלב ערנסט, און אין זיינע אויגן האָט זיך געצונדן אַ פייערל, — קומט מיט מיר וואו עס איז טונקעלער. כאָטש איין קוש, חנה !

— שוואַרצבערג, זייט ניט משוגע !

— טאָ פאַרטרייבט די זון, אויב איר פוילט זיך אויפ־צושטיין, שלעפּט אַרונטער די נאַכט ! צום שוואַרץ יאָר, אַז ניט וועל איך ניט קוקן, וואָס די זון איז דאָ און וואָס אייער

טאָכטער קען עס באַמערקן דורכן פענצטער, און איך וועל אייך אַ קוש טאָן!

און ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו אירע.

זי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך און איז ווידער אַרונטער־געשפּרונגען פונם העמאָק, און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, איז זי אַ ברוגזע אַוועק אַרויף דעם גראָזיקן בערגל, וואָס האָט זיך געפונען הינטערן הויז, וואו זי האָט געוואוינט, און זי האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט.

שוואַרצבערג איז געשטאַנען אַ ווײַלע און האָט געקוקט צו איר מיט אַ האַלב־צעמישטן שמייכל.

נאָכדעם האָט ער זיך צעלאַכט הויך אויפן קול, אויפ־געהויבן פון דר׳ערד זיין גרויסן, שטרויענעם, פאַרמערשן הוט און אויף אַ קאָמישן אופן אים אַרויפגעפּאַטשט מיט דער האַנט אויף זיין קורץ־געשוירענעם בלאָנדן קאָפּ, אַזוי, אַז דער הוט האָט זיך ביי אים אַרונטערגעגליטשט איבער די אויערן, און אין זיינע בלויע „אָוועראָלס״, אַ הויכער און אַ מוסקולעסטער און אַ שטאַרקער, האָט ער איצט אויסגעזען, ווי אַ פאַרמער.

ער איז אַוועק צו איר אַרויף דעם בערגל.

— וואָס איז? — האָט ער זיך אָנגערופן, און זיין פּנים מיט די גרויע אויגן האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

זי האָט ברוגז געענטפערט:

— לאָזט מיך צורו. איר זענט אַ יינגל.

— נישט קיין גאַנץ יונגער יינגל אַפילו. מיין טאַטע אין מיינע יאָרן איז שוין באַלד געווען אַ זיידע; אָבער זאָל זיין, ווי איר זאָגט, אַז איך בין אַ יינגל. איז פאַרוואָס זענט איר בייז אויפן יינגל?

— איר האָט דאָך געוואָלט גיין נאָך אייער קלאַפּערגעצייג.

פאַרוואָס גייט איר ניט? — האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופן.

— איך וועל גיין, אָבער נישט פריער ביז איר וועט מיר

זאָגן, פאַרוואָס איר זענט בייז געוואָרן אויפן ייִנגל. אויף אַט דעם ייִנגעלע, ווײַ איז צו מיר! — האָט ער צוגעגעבן אין אַ קאָמישן טאָן, און דערבײַ אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט פונם קאָפּ ביז אַרונטער צו זײַנע קני, אויסמעסטנדיק דאָס באַלד זעקס־פוסיק „ייִנגעלע"...

חנה האָט ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעלאַכט.

— אַט אַזוי, אַז איר לאַכט, איז גוט. מעג איך זיך זעצן לעבן אײַך.

און ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט לעבן איר אויפן גראָז.

— לינאַ איז אין הויז. עס קאָן זײַן, אַז זי איז דאָרט געזעסן בײַם פענצטער. און איך האָב אײַך געוואָרנט, ווילדער, — האָט חנה זיך אָנגערופן מיט אַן ערנסטער מינע.

דער מאַלער איז אויך געוואָרן ערנסט.

— אַפילו קיין אומשולדיקן שפּאַס זיך ניט דערלויבן ? — האָט ער געזאָגט.

— ניין. איך לעב מײַן לעבן פאַרשלייערט. בפרט פאַר מײַן טאָכטער. און זי איז ניט קיין קינד און אַן אַמעריקאַנער מיידל.

— איך פאַרשטיי דאָס ניט, — האָט ער זיך אָנגערופן.

— ניטאָ, וואָס צו פאַרשטיין. איך רעד, דאַכט זיך, גענוג קלאָר.

— אַזאַ פרייע פרוי, ווי איר, איך מיין, מיט אייער בליק אויפן לעבן, זאָלט זיך אַזוי היטן פאַר אייער טאָכטער. אַן אַמע־ריקאַנער מיידל, באַזוכט אַ קאָלעדזש אויך, איך קען אָט־די מיידלעך. איר וועט דאָך מיך ניט איינריידן, אַז זי זאָל זײַן אַזוי קאָנסערוואַטיוו, אַז אַפילו אַן אומשולדיקן שפּאַס...

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן — האָט זי אים איבער־געשלאָגן — איך האָב אײַך שוין איינמאָל דערקלערט, אַז איך פאַראַדיר ניט פאַר דער וועלט מיט מײַן פרייהייט. פאַר איר, בפרט פאַר מײַן מאַן און קינדער, בין איך די גרעסטע צנועה

— האָט זי אַ לאַך געטאָן פון זיך אַליין — איר וועט זאָגן, אַז איך בין דערפאַר אַ היפּאָקריטקע? איך אַליין זאָג זיך דאָס אויך נישט איינמאָל. יאָ, יאָ, אַוודאי בין איך אַ היפּאָקריטקע. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז שוין אַ יאָר פופצן, ווי מיין מאַן אינטערעסירט מיך ניט? וואָס זאָג איך „ער אינטערעסירט מיך ניט"? אַפּט איז ער מיר פּשוט אַ פּיין! גטן זיך מיט אים? זיינען דאָך דאָ קינדער, פריינט, באַקאַנטע, האָט מען רחמנות אויף קינדער, שעמט מען זיך פאַר פריינט און מען בלייבט ווייטער שטעקן אין דעם זיסן פאַמיליען־לעבן. און לעבן ווילט זיך, אָ, ווי עס ווילט זיך געניסן פונם לעבן!

דער מאָלער האָט פאַרטראַכט אַ שמייכל געטאָן:

— יאָ, דאָס פאַמיליע־לעבן... ווער האָט עס אויסגעטראַכט אָט־די אידיאָטישע אינסטיטוציע, וואו מאַן און ווייב זיינען ס'רוב הונט און קאַץ אין איין שטייג, פון וועלכער זיי קענען זיך ניט און טאָרן זיך ניט אויסדרייען? דערפאַר היט איך אַזוי מיינע ביינער, נישט אַריינצופאַלן... און, איבערהויפּט, איז אומ־נאַטירלעך, אַז מאַן און ווייב זאָלן זיך ניט דערעסן איינע די אַנדערע נאָך אַ פּאָר יאָר צוזאַמענלעבן, בפרט אין אונדזער צייט...

— די אומנאַטירלעכסטע זאַך — האָט זיך חנה אַ כאַפּ געטאָן — סיידן מען זאָל צומאַכן די אויגן און פאַרשליסן דאָס האַרץ און זיך איינגראָבן אין אָט דער שטייג, ווי איר רופט עס, אָט אַזוי ־ווי אַ וואָרים אין כריין! טוען עס אַנדערע, וועלכע קענען עס טאָן. אָבער די, וואָס קענען עס ניט טאָן? נו, גיי פאַרמאַך די אויגן פאַר דעם לעבן, ווען זיי פאַרמאַכן זיך ניט? פאַרשליס דאָס האַרץ, אַז עס לאָזט זיך ניט? ווען יעדער נערוו אין דיר רייסט זיך צום לעבן, און פאַר דער וועלט און פאַר דעם מאַן און די קינדער איז מען אַ מוסטער פון ווייבער־שער לייטישקייט,—פאַרשטייט איר שוואַרצבערג? נו, גנבעט מען פּיצלעך לעבן אין דער פינצטער—האָט חנה געענדיקט מיט צע־

פינקלטע אויגן און מיט צערויטלטע באַקן — אַט אַזאַ בין איך, און דערפאַר האָב איך אייך געזאָגט, אַז כל־זמן מיין טאָכטער איז דאָ, מוזט איר זיין זייער פאָרזיכטיק.

דאַן איז מיטאַמאָל פונם הויז אַרויסגעלאָפן די בלאָנדע לי־נע, אַ ליכטיקע און אַ פריילעכע און אַ גראַציעזע, ממש אַ שטיק זון, און זי האָט געקוקט מיט אירע בלויע, שטראַלנדיקע אויגן צו איר מאַמען און, לויפנדיק צום בערגל, געשריען אויף אַ העלן קול:

— נו, ווען גייען מיר?

חנה האָט זיך אויפגעהויבן פונם גראָז.

— מיר גייען גלייך. איך וועל זיך נאָר אָנטאָן, — האָט זי געזאָגט, און פאַרבייגייענדיק דעם מאָלער, האָט זי אים צו־געוואָרפן אויף רוסיש: — געדענקט, פאָרזיכטיק!

זי איז פאַרשוואונדן אין הויז. לינאַ איז פאַרבליבן אויפן בערגל מיטן מאָלער.

זי האָט פריילעך אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך אָנגערופן:

— ווי קאָמיש איר זעט אויס! זענט איר טאָקע אַזוי אינטערעסאַנט ווי די מאַמע האָט מיר געזאָגט?

ער האָט איר געענטפערט קאָמיש:

— נאָך אַ סך אינטערעסאַנטער!

זי האָט זיך געזעצט אויפן גראָז אין איר ווייסן קורצן קליידל און צו אים שטיפעריש אַרויפגעקוקט מיט אירע אויגן, אַזעלכע בלויע און שטראַלנדיקע, ווי דער בערגיקער הימל

— היינט, פאַרוואָס באַמערק איך דאָס ניט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— ווייל איר זענט מסתמא ניט גענוג קלוג דערויף — האָט ער איר געענטפערט.

— דאַרף מען זיין קלוג כדי צו זען, אַז אַ מענטש איז לאַנגווייליק? — האָט זי דאַן געפרעגט אין אַ שאַרפן טאָן.

האָט ער זיך צעלאַכט.

— אַהאַ, איר בייסט זיך דאָך!

האָט זי אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דעם בלאָנדן קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— גלויבט מיר, אַז איך האָב שאַרפע ציין. בעסער הויבט זיך ניט אָן מיט מיר!

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„הע, ניט אומזיסט היט זיך די מאַמע אַזוי פאַר איר. זי האָט שאַרפע נעגעלעך, די קליינע!"

און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, האָט ער זיך איינגעבויגן צו איר און איר דערלאַנגט די האַנט.

— אָט איז אייך מיין האַנט, לינאַ, אַז איך... וואָס, ווילט איר, זאָל איך טאָן, אַז איר זאָלט באַקומען אַ בעסערע מיינונג וועגן מיר?

זי האָט געהאַלטן זיין האַנט און געקוקט אַרויף צו אים.

— וואָס איר זאָלט טאָן? — האָט זי זיך אָנגערופן — ווערט אַ ביסל אינטערעסאַנטער, נישט אַזוי לאַנגווייליק; אָדער באַקענט מיך מיט אַן אַנדער אינטערעסאַנטן באַי. עס איז דאָך דאָ אַזוי לאַנגווייליק ביי אייך!

— און וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטן באַי ווילט איר, — אַ בלאָנדן, צי אַ ברונעט?

האָט זי אַרויסגעלאָזט זיין האַנט און שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף אים. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— נעמט אַרונטער פון קאָפּ דעם נאַרישן הוט, וועל איך אייך זאָגן, צי איך וויל אַ בלאָנדן, צי אַ ברונעט.

האָט ער אַרונטערגענומען דעם הוט פון זיין בלאָנדן קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— מסתמא אַ ברונעט...

—האָט איר ניט געטראָפן; דווקא געפעלט מיר אַ בלאָנדין! — האָט זי אַ לאַך געטאָן.

— טאַקע ? אָבער דער בלאַנדער איז דאָך לאַנגווייליק ?

— פריער געווען, איצט זייער אינטערעסאַנט. איז אייער ווייב אויך אַ בלאָנדע ?

—איך האָב ניט קיין ווייב, — האָט ער געענטפערט.

— זענט איר נאָך מער אינטערעסאַנט ! —, האָט זי ווידער אַ לאַך געטאָן.

האָט שוואַרצבערג דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן :

„ע, זי איז דאָך עפּעס גאָר אַ קאָנקורענטקע איר מאַמען ? הם !"

און ער האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין איר יונגן שקאָצעוואַטן פּנים, וואָס האָט אַרויפּקוקט צו אים מיט לאַכע־דיקע, שעלמישע אויגן.

— ווי לאַנג וועט איר דאָ פאַרברענגען ? — האָט ער פּלוצים זיך אָנגערופן צו איר.

— ווי לאַנג ? איך ווייס ניט. איך בין געקומען אויף עטלעכע טעג ; אָבער ווען מיר וועט זיין אינטערעסאַנט, וועל איך דאָ פאַרברענגען לענגער. אַניט פאָר איך צוריק אין מיין קעמפּ.

— ווי ווייט איז אייער קעמפּ פון דאַנען ?

— אָ, אַ מייל זעכציק.

— איז עפּעס דאָרט אינטערעסאַנט ?

— דער הימל, די בערג, דער טייך ; אָבער קיין ריכטיקע באָיס זיינען דאָרט נישטאָ

— וואָס מיינט איר ?

—כ׳מיין, באָיעס זיינען דאָרט דווקא יאָ פאַראַן גאַנץ אינטערעסאַנטע, זיי זיינען אָבער שטענדיק פאַרנומען מיט די פאַרהייראַטע ווייבער ; אויף די מיידלעך קוקן זיי זיך אַפילו ניט אום...

שוואַרצבערג האָט אַ לאַך געטאָן :

— דער אייגענער אומגליק אומעטום. אוי, די ווייבער, די ווייבער, זיי זיינען דער מלאך־המות פון די מיידלעך. דערפאר איז פאר די מיידלעך פאראן נאר איין עצה: וואס גיכער חתונה צו האבן!...

— אבער ווען די ווייבער האלטן צו די באיס?

— דערקלערט מען די ווייבער א מלחמה אויף לעבן און טויט. מען קעמפט קעגן זיי מיט די זעלביקע געווער. איר נעמט ביי אונדז אוועק די באיס, נעמען מיר אוועק ביי אייך די מענער! . . .

לינא האט מיטאמאל ארונטערגעלאזט די אויגן און גענור־מען צופן מיט די פינגער די גראז ארום זיך. דערנאך האט זי א טרייסל געטאן דעם קאפ מיט די קורץ־געשוירענע בלאנדע האר, וועלכע האבן אין גאלדענע לאקן זיך געקרויזט ארום איר צארטן ווייט־אפענעם נאקן, און זי האט ארויסגעמורמלט:

— וואס גערוויערט אזוי לאנג ביי דער מאמען?

נאכדעם האט זי ווידער פארריסן דעם קאפ צום מאלער און א פרעג געטאן פארטראכט:

— און איר זענט אויך אזוי?

— ווי אזוי?

— כ׳מיין, איר פארברענגט אויך מיט פארהייראטע ווייב־לעך?

— ניין. ווי גאט שיקט צו. איך בין ניט קיין איבערקלייבער. קיין דיסקרימינאציע קעגן מיידלעך מאך איך ניט. סיידן קעגן מיאוסע.

— היינט פארוואס האט איר ניט חתונה?

— איך זוך א ריכטיקע כלה — האט ער א שמייכל גע־טאן.

—וואס רופט איר א „ריכטיקע״?

— וועלכע זאל ביי מיר דעם פארשטאנד אוועקנעמען.

— איך מיין ערנסט, מיסטער שווארצבערג.

— איך מיין אויך ערנסט, מיס לינאַ !...

איז זי אויפגעשפּרונגען פונם גראָז מיט אַ געלעכטער.

— אָ, איר זענט זייער קאָמיש, — האָט זי אויסגעשריען

— איר באָדט זיך ?

— יאָ.

— קענט איר שווימען ?

— ווי אַ פיש.

— ווען מיר שפּעטער זיך גיין באָדן. ווי ווייט איז אַ גרויסער טייך פון דאַנען ?

— אַרום צוויי מייל.

— וועלן מיר גיין אַהין צופוס, יאָ ? איר האָט עפּעס ליב צו נעמען לאַנגע שפּאַצירן — אַ צען־פופצן מייל ?

— מיט אייך כאָטש ביז ניו־יאָרק — האָט ער געענט־פערט.

— ווייסט איר גאָר וואָס ? — האָט זי זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, — לאָמיר נעמען אַ „האַיק" ביז מיין קעמפּ, איר ווילט ? אַ זעכציק מייל — קומט !

— וואָס וועט אייער מאַמע אויף דעם זאָגן ?

— זי וועט גאָרנישט זאָגן. וואָס קען זי זאָגן ? איך „האַיק" ניט דאָס ערשטע מאָל. איר ווילט ?

— מיר האָבן נאָך צייט פון דעם צו ריידן. מיר וועלן זען.

— איר וועט גיין. איך וועל אייך מיט געוואַלד אַוועק־שלעפּן ! — האָט זי זיך דאַן אָנגערופן און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט שעלמישע אויגן, און זי האָט צוגעלייגט — און דערווייל וועלן מיר גיין שווימען יעדן טאָג. און טעניס שפּילט איר ?

— איך שפּיל טעניס אויך.

— גוט ! — איז זי פריילעך אויפגעשפּרונגען מיט צע־לויכטענע אויגן — וועלן מיר שפּילן טעניס און זיך באָדן און אַרויסגיין אויף לאַנגע שפּאַצירן. איר שפּילט „ראָמי" אויך ?

— אפילו „ראמי״ שפּיל איך — האָט ער געענטפערט מיט אַ לאַכעדיקן פּנים.

האָט זי זיך דאַן צוגערוקט צו אים גאַנץ נאָענט און אים אָנגעקוקט מעשה פאַרפּיעשטשעט קינד און אָנגעשטעלט שעלמיש אירע פּולע, אַ ביסעלע צוגעפּאַרבטע ליפּן און געזאָגט:

— אויב איר זענט אַזאַ באַי, הײַנט פאַרוואָס זעט איר ניט, אַז מיר זאָל ניט זײַן לאַנגווײַליק?...

ער האָט זיך הויך אויף אַ קול צעלאַכט.

„ווי ליב און ווי אינטערעסאַנט זי איז!״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און אים איז געוואָרן שטאַרק פריילעך. און ווען ניט איר מאַמע, וואָלט ער גלייך געגאַנגען זיך באָדן מיט איר, צי אָוועק מיט איר אויף אַ לאַנגן שפּאַציר און, דער עיקר, ער וואָלט אָפּגעריסן אַ קוש פון אירע שעלמישע ליפּן.

און צום סוף האָט ער זיך ניט געקענט מער באַהערשן, אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און צוגעטראָגן צו זײַנע ליפּן, גע־קושט זי און גערעדט:

— וואָס פאַר אַ וואוילינקע איר זענט! ניין, איך וועל זיך באַמיען, אַז אייך זאָל דאָ ניט זײַן לאַנגווײַליק. זאָגט אײַער מאַמען, — האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן — אַז איך וועל אויף אייך וואַרטן לעבן מײַן „באַנגעלאָ״. איך לויף נאָך די קלאָפּערגעצייג...

און ער איז אַוועקגעלאָפן.

איצט האָט ער שוין ניט געוואָלט, אַז די מאַמע אַליין זאָל גיין מיט אים, ווי ער האָט פריער געזאָגט חנהן...

2

שפּעטער איז ער געגאַנגען צווישן זיי ביידע מיט אַ טשע־מאָדאַן אין די הענט, און וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס ניט פאַרענדיקט בילד פון חנהן אין איר ציגיינער־קאָסטיום. זייערע

ביידנס אָקסלען האָבן באַרירט זיינע, און דאָ האָבן צו אים אַ שטראַל געטאָן בלויע אויגן און באַלד — שוואַרצע, ברענענדיקע...

זיי זיינען געגאַנגען צום נאָענטן וועלדל, וואו ער, דער מאָלער שוואַרצבערג, האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אָנגעהויבן צו מאָלן חנהס בילד, וואָס ער האָט היינט געוואָלט פאַרענ־דיקן.

ער האָט גערעדט צו זיי ביידן, דאָ צו איינער און דאָ צו דער אַנדערער. מיט ביידע איז אים פריילעך געווען. ביידע האָבן אים אָנגערעגט צו וויצלען זיך און צו שטיפן — די בלאָנ־דע טאָכטער מיט די בלויע, שטראַלנדיקע אויגן און מיט די פרישע ליפן — און די טונקעלע מאַמע, מיט פייערדיקן כישוף אין די שוואַרצע אויגן.

און מיט יעדער מינוט, וואָס ער איז מיט זיי געגאַנגען, איז אים אַלץ פריילעכער געוואָרן. שוין לאַנג האָט ער זיך ניט גע־פילט אַזוי לעבנסלוסטיק און אַזוי יינגלש־פריילעך.

דער וואַלד האָט נאָך קיינמאָל אין זיינע אויגן ניט אויס־געזען אַזוי וואונדערלעך, ווי אין דעמדאָזיקן נאָכמיטאָג, און נאָך קיינמאָל האָט ער ניט באַמערקט אַזעלכע פריילעכע קאָלירן ביי די זומער־פייגעלעך, וועלכע האָבן געשוועבט ביי ביידע זייטן פונם ווייסן זאַמדיקן וועג.

אים האָט זיך געגלוסט צו לויפן, צו יאָגן זיך נאָך אָט־די זומער־פייגעלעך, צו זינגען און צו שפּרינגען און צו מאַכן זיך משוגע.

און דערנאָך האָט אים פּלוצים גאָר אָנגעכאַפּט אַ חשק צו קושן ביידע פרויען איינע נאָך דער אַנדערער. איינע דווקא אויפן פרישן נאַקן, אונטער די בלאָנדע קרייזעלעך, און די אַנדערע אויף די פרישע, זאַפטיקע ליפּן, וואָס אויף זיי איז געהאַנגען, ווי אים האָט זיך געדאַכט, אַ פייערדיקער קוש, וואָס זיין טעם האָט ער שוין ביי איר ניט איינמאָל פאַרזוכט...

ער האָט אָבער קיין קוראַזש ניט געהאַט דאָס צו טאָן.

ער האָט זיך ניט דערוועגט צו קושן די מאַמע, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, ווען איר טאָכטער איז געווען דערביי, און די טאָכטער, — ווען די מאַמע איז דערביי געווען.

צום סוף האָט ער דאָך ניט אויסגעהאַלטן און אַ כאַפּ געטאָן כאַטש חנהס האַנט און זי אַ קוש געטאָן, און דערנאָך איר טאָכטערס האַנט און זי אַ קוש געטאָן.

די טאָכטער האָט זיך פאַררויטלט און די מאַמע האָט אומצופרידן אַ קוק געטאָן אויף אים.

— שוואַרצבערג, איר ווייסט, אַז איך האָב עס פיינט, — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַן אָנגעברוגזטער מינע.

האָט ער איר געענטפערט מיט אַ שטיפערישן טאָן:

— איך שווער צווישן אַ הערלעכער נאַכט און אַ פרילינגזון און פאַר זיי ביידע וויל איך קניען און צו זייער שיינקייט תפילה טאָן. פאַר וועמען זאָל איך צוערשט קניען, זאָל זאָגן די הערלעכע נאַכט, וואָס האָט געבאָרן די פרילינג־זון...

די בלאָנדע טאָכטער האָט זיך פריילעך און הילכיק צעלאַכט. און די מאַמע — די הויכע, שלאַנקע ברונעטקע, מיט די קורץ־געשאָרענע, פעך־שוואַרצע האָר, קאָכעדיקע, שוואַרצע אויגן און הויכן ביוסט — האָט זיך נאָך מער אָנגעברוגזט.

— אויב איר האַלט זיך אַזוי, וועלן מיר בעסער גיין צוריק — האָט זי געזאָגט.

לינאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מאַמע, מיסטער שוואַרצבערג איז אַ דזשענטלמאַן. איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס דו ביסט בייז געוואָרן אויף אים.

איר מאַמע האָט געשוויגן. זי האָט נאָר ווידער אַ קוק געטאָן אָנגעברוגזט אויפן מאָלער.

— איאָ איך בין אַ דזשענטלמאַן ? — האָט שוואַרצבערג זיך פריילעך אַ קער געטאָן צו לינאַן.

— געוויס, נאָך צופיל דזשענטלמאַן, — האָט זי ווידער הילּ־

כיק אַ לאָך געטאָן און שטיפּעריש אים אָנגעקוקט מיט אירע בלויע אויגן.

דעמאָלט האָט זיך איר מאַמע מיט אַמאָל אָנגערופן צום מאַלער אויף רוסיש:

— איך האָב אייך געוואָרנט, ווען זי איז דערביי, זאָלט איר זיך האַלטן קאָרעקט. אַפילו פאַר אַ וואָרט זיך היטן...

— וואָס אַזוינס האָב איך געזאָגט, געטאָן? — האָט ער גע־פרעגט.

— דערווייל נאָך גאָר ניט. ווען איך דערמאָן אייך ניט איצט...

— עפּעס וועגן מיר? — האָט זיי לינאַ איבערגעשלאָגן

— מיסטער שוואַרצבערג, וואָס האָט אייך די מאַמע געזאָגט וועגן מיר?

— אַז איר זענט אַ שיין מיידל, — האָט ער געענטפערט.

— ניט אמת. דאָס האָט זי אייך ניט געזאָגט. אויף אַזויפיל פאַרשטיי איך רוסיש.

— איר פאַרשטייט רוסיש?

— געוויס. צוויי ווערטער: „קראַסיוואַ" און „ליובליו". איך האָב ניט געהערט, אַז די מאַמע זאָל זאָגן „קראַסיוואַ"...

איר מאַמע און דער מאַלער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל.

— קיין שלעכטס האָבן מיר ניט גערעדט וועגן דיר, מיין קינד, — האָט חנה זיך דערנאָך אָנגערופן — קען מען דען ריידן שלעכטס וועגן דיר?

— אייער מאַמע האָט געזאָגט, אַז איר זענט אַ שיין ליב מיידל — האָט שוואַרצבערג זיך ווידער אָנגערופן.

לינאַ האָט אַרויסגעמורמלט:

— איך גלויב אייך ניט.

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און איז אַוועקגעלאָפן אַנ־

צורייסן בלומען. וועלכע זי האָט פּלוצים דערזען צווישן די ביי־מערביים זייט וועג.

שוואַרצבערג איז געבליבן שטיין און האָט איר נאָכגעקוקט.

ער האָט הנאה געהאַט צו זען, ווי עלאַסטיש און גראַציעז איר יונגער קערפּער האָט זיך געבויגן און אויסגעגלייכט, בשעת זי האָט דאָרט געריסן די בלומען, און ווי רייצנד זי האָט אויפֿגעהויבןביידע אָרעמס, ווען זי האָט דאָרט פאַרריכט די בלאָנדע האָר אויף איר קאָפּ.

חנה, וועלכער עס האָט אַפילו ניט געקענט איינפאַלן, אַז לינאַ זאָל אויף אים מאַכן אַ באַזונדער איינדרוק, וואָרים זי האָט צו־גוט געוואוסט, ווי דער „ווילדער" איז משוגע געווען פאַר איר, חנהן, האָט זיך אָנגערופן מיט התפעלות:

— ווי ליב זי איז, ניט אמת, שוואַרצבערג?

— יאָ, זייער ליב, — האָט ער געענטפערט פאַרטראַכט און געקוקט אַהין, וואו לינאַ איז געשטאַנען איינגעבויגן איבערן בוש מיט בלומען.

— נאָר איך בעט אייך, שוואַרצבערג, — האָט זי זיך ווידער אָנגערופן, — איך דערמאָן אייך ווידער, צו האַלטן זיך קאָרעקט, וואָרים איר זענט אַן אמתער ווילדער...

איז ער דעמאָלט מיטאמאָל בייז געוואָרן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„זי דערגייט דאָך מיר די יאָרן מיט איר היפּאָקריטסטווע".

ער האָט איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר דאָ האָט זיך לינאַ צוריקגעקערט מיט די בלומען אין די הענט און זיי דערלאַנגט איר מאַמען.

— איך דאַנק דיר, מיין בייבי, — האָט חנה, נעמענדיק די בלומען, איר געזאָגט.

האָט לינאַ אַ לאַך געטאָן:

— „סאָם בייבי"! זע איך אויס ווי אַ בייבי? — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו שוואַרצבערגן און זיך אַ צי געטאָן פאַר

אים אין איר גאַנצן הויכן, שלאַנקן און ליכטיקן וואוקס, אַפּ־וואַרפנדיק אַ ביסל צוריק איר בלאָנדן קאָפּ.

— ניין, ניט אין מיינע אויגן, — האָט ער געענטפערט.

— זעסט ? — האָט לינאַ זיך אויסגעדרייט צו איר מאַמע, און איר שטיפעריש אַרויסגעשטעקט די צונג.

חנה האָט אַ שמייכל געטאָן און אויך שוואַרצבערג. דער־נאָך זיינען זיי אַוועק ווייטער.

שוואַרצבערג איז ווידער געגאַנגען צווישן זיי ביידע, האַלטנדיק זיך וואָס נעענטער לעבן לינאַן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ציט אַריין אין זיך דעם הויך פון איר אָטעם, דעם בלויען גלאַנץ פון אירע אויגן און די וואַרעמקייט פון איר פרישער הויט.

אַ טונקעלע בענקעניש האָט זיך גענומען וועקן אין אים, ווי יעדעס מאָל, בעת ער האָט זיך געטראָפן מיט עמיצן פון דעם ווייבערשן מין, וואָס האָט אים גענומען ציען צו זיך...

***

שפּעטער איז חנה אין ציגיינער־קאָסטיום געזעסן אויף אַ גרויסן פעלז אין מיטן וואַלד און שוואַרצבערג האָט אויפ־געצויגן די לייוונט מיטן בילד אויף אַ געשטעל, גרייטנדיק זיך צו דער אַרבעט.

דאָס בילד איז כמעט געווען פאַרטיק. נאָר דאָ און דאָרט האָט דער מאָלער נאָך געוואָלט צוגעבן אַ שטריך.

לינאַ איז געזעסן אויפן גראָז מיטן פּנים צום בילד און האָט זיך איינגעקוקט אין אים.

ביז איצט האָט זי נאָך קיין געלעגנהייט ניט געהאַט צו זען דאָס בילד, און ווען זי האָט עס איצט דערזען, איז זי אַנ־טוישט געוואָרן.

עס איז גאָרניט ענלעך געווען אויף איר מאַמען. סיי די

פּאָזע פון דער ציגיינערין, מיט פאַרוואָרפענע הענט הינטערן נאַקן, און סיי איר בליק, פול מיט בענקעניש און דערוואַרטונג, וועלכער האָט געבלאַנדזשעט ערגעץ ווייט־ווייט, איז לינאַן אויסגעקומען אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

אָבער אָט האָט שוואַרצבערג אַ וואונק געטאָן צו איר מאַמען און זי, איר מאַמע, האָט פאַרוואָרפן די הענט הינטער איר נאַקן, אויסגעשטעלט אין פאַראויס איר ברוסט און גע־וואָרפן אַ בליק פאַר זיך אין דער האַלב־טונקלקייט אַריין, וואָס האָט זיך דאָרט אַנטקעגן געטוליעט צווישן די געדיכטע, שאָטנ־דיקעביימער, און ביי לינאַן האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן און אַ התפעלותדיקער געשריי האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן:

— דאָס איז מאַ!...

זי איז אויפגעשפּרונגען פונם גראָז, האָט געוואָלט צו־לויפן צו איר מאַמע און איר זאָגן, ווי שיין דאָס בילד איז געווען, און זי איז צוגעלאָפן צו שוואַרצבערגן און האָט אים אַ צופּ געטאָן ביים אַקסל און אַרויסגעפּליסטערט באַגייסטערט:

— אַ מייסטערווערק.

האָט ער זיך האַלב אַ קער געטאָן צו איר און אומגעדולדיק אַ געשריי געטאָן:

— סטאָפּ!...

און פון זיין געשריי איז זי צעמישט געוואָרן, איז גע־שטאַנען אַ ווײַלע אַ פאַרשעמטע און האָט זיך דערנאָך צוריק געקערט צו איר פריערדיקן אָרט און זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן גראָז מיט אַ ברוגזער מינע.

נאָכדעם איז זי די גאַנצע צייט געזעסן, כל־זמן ער האָט געאַרבעט, און האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אין יענער זייט, וואו ער איז געשטאַנען.

זי האָט ניט געקענט שוואַרצבערגן. זי האָט ניט געוואוסט, אַז בעת ער איז פאַרכאַפּט געווען פון אַן אַרבעט, איז אים קיי־נער און קיין זאַך אין דער וועלט, אַחוץ זיין אַרבעט, ניט אָנ־

געגאַנגען, און די מינדסטע שטערונג האָט אים פון זיך אַרויס־געבראַכט.

אַזוי האָט שוואַרצבערג געאַרבעט אַרום אַ שעה, געאַרבעט מיט אַן אימפּעט, פאַרכאַפּט פון זיין שאַפונג־פייער. און אַ טיף־פאַרחלומטע גליקזעליקייט האָט אַרויסגעלויכטן פון זיין פאַרטראַכטן בליק און אינגאַנצן האָט ער איצט אויסגעזען אַזוי באַזעעלט פון זיין שאַפונג־פייער, אַז חנה האָט אירע אויגן פון אים ניט געקענט אָוועקרייסן און מיט אַ צאַפּלדיקן האַרצן האָט זי געטראַכט:

„ווי אינטערעסאַנט און ווי ליב ער זעט היינט אויס!״

פּלוצים האָט ער דערקלערט:

— פאַרטיק! אַ דאַנק גאָט!

איז אָפּגעטראָטן פונם בילד, האָט עס פונדערווייטנס אַ ווײַלע באַטראַכט מיט אַ באַגייסטערטן שמייכל און זיך אָנ־גערופן:

— פיין! דאַכט זיך, אַז עס איז נישקשה!...

חנה, וועלכע איז איצט געשטאַנען לעבן אים און האָט אויך געקוקט אויפן בילד, האָט זיך צוגעבויגן צו שוואַרצבערגן, און אים אַריינגערוימט אין אויער:

— איצט האָב איך אייך זייער און זייער ליב!...

ער האָט איר אַ דריק געטאָן די האַנט און ווייטער גע־קוקט אויפן בילד, אַזוי ווי פאַרשיכורט.

אויף לינאַן, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען ברוגז אויף אים און איז דאָרט געלעגן אויפן גראָז מיטן פּנים אַרויף און מיט אַ טיכל איבער די אויגן, האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרגעסן.

דערנאָך האָט ער גענומען ריידן ווי צו זיך אַליין אין אַ מין נערוועזער שיכּרות:

— יאָ, יאָ, נישקשה, גאָר נישקשה, פיין, יאָ, יאָ! איר זעט חנה — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו איר — עס איז אפשר דאָס בעסטע וואָס איך האָב ביז איצט געשאַפן. די פרוי

אין איר בענקעניש נאָכן מאַן. נישט די סענטימענטאַלע פּרוי, וועלכע געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר די היינטיקע, די מאָדערנע. עס אָטעמט מיט פייער, מיט זינדיקן פייער... אין אירע אויגן, אויף אירע ליפּן שלענגלט זיך דאָס, אין איר שמייכל, אין יעדער ליניע, און יעדן שטריך — אַ רויטער פייערדיקער טאָן... אייער פייער!...

ביי זיינע לעצטע ווערטער האָט דאָס האַרץ ביי איר אַזש אַ טאַנץ געטאָן. דאָך האָט זי אים אַ צי געטאָן פאַרן אָרעם און אַרויסגעפּליסטערט:

— רעדט פאַרזיכטיקער... ווילדער, לינאַ איז דאָ!...

און זי האָט זיך אומרואיק אומגעקוקט איבער איר אַקסל אויף איר טאָכטער.

ערשט איצט האָט זיך שוואַרצבערג דערמאָנט אויף לינאַן און זיך אויך אומגעדרייט צו איר.

— לינאַ! — האָט ער זי אַ רוף געטאָן.

זי האָט זיך ניט גערירט.

—לינאַ!! — האָט ער זי גערופן העכער.

זי האָט זיך אַלץ ניט אָפּגערופן.

— זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן, — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

— ניין, — האָט זיך חנה אָנגערופן, — זי איז מסתּמא אין כעס אויף אייך.

— אויף מיר? פאַרוואָס?

— ווייל איר האָט פריער זיך אָנגעבייזערט אויף איר.

— איך האָב זיך אָנגעבייזערט? ווען? — האָט שוואַרצבערג זיך פאַרוואונדערט.

— בעת זי איז צוגעלאָפן צו אייך.

— אָ, יאָ, יאָ, איך דערמאָן זיך — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, געקוקט אַ רגע אויף לינאַן און איז דערנאָך צוגעגאַנגען צו איר און האָט אַרונטערגעכאַפּט דאָס טיכל פון איר פּנים.

און בלויע, ברוגזע אויגן האָבן אַרויפגעקוקט צו אים.
— איר זענט בייז אויף מיר? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו איר.
זי האָט זיך אויפגעזעצט, אַ צי געטאָן דאָס קלייד איבער די קני, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אים און גאַרנישט געענטפערט.
— אַי, ברוגז! — האָט ער זיך צעלאַכט און אַ כאַפּ געטאָן אירע ביידע הענט און זי מיט גוואַלד אויפגעהויבן פונם גראָז.
אַ פאַררויטלטע האָט זי זיך דערנאָך צעשמייכלט, אַ לאַך געטאָן און פונדעסטוועגן האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, פאַרריכט די בלאָנדע האָר אויפן קאָפּ און איז צוגעגאַנגען צו איר מאַמע.
— מיר גייען באַלד, מאַמע? — האָט זי געפרעגט.
— באַלד, — האָט געענטפערט חנה, — ווי געפעלט דיר עפּעס דיין מאַמע אויפן בילד?
— איך ווייס ניט! — האָט זי געענטפערט, און אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויפן בילד.
שוואַרצבערג איז צוגעגאַנגען צו איר.
—איך בין ניט אויסן געווען אייך צו באַליידיקן, גלויבט מיר, לינאַ. איך אַנטשולדיק זיך פאַר אייך.
און ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און מיט גוואַלד אַ קער געטאָן איר פּנים צום בילד.
— איך וויל הערן אייער מיינונג, לינאַ.
איצט, אַז ער האָט זי איבערגעבעטן, האָט זי ווידער געקוקט אויפן בילד מיט באַגייסטערונג און ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן:
— וואונדערפול!
פּלוצים האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר מוטער און זי שטורמיש אַ קוק געטאָן.

— לינאַ, — האָט שוואַרצבערג זיך אָנגערופן — איר קושט גאָר אייער מאַמע, זי האָט דאָך דאָס בילד ניט געמאָלן?

איז רויט געוואָרן און האָט געענטפערט:

— ווען מיין מאַמע וואָלט ניט געווען אַזוי שיין, וואָלט איר אַזאַ בילד ניט אויסגעמאָלט.

חנה האָט צופרידן אַ לאַך געטאָן.

— דאָס איז די בעסטע קריטיק איבער אייער בילד, שוואַרצבערג, — האָט זי זיך אָנגערופן.

— אַ ביסל אַפילו אַ צו־פּאַרטייאישע קריטיק — האָט ער געזאָגט, אָבער איך פיל זיך ניט באַליידיקט פון איר, ווייל איך אַליין דענק אויך אַזוי.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף חנהן מיט אויגן, אין וועלכע זי האָט איבערגעלייענט: „איר ווייסט דאָך, ווי איר געפעלט מיר!" און אירע אויגן האָבן אים געענטפערט: „איך ווייס, מיין ליבער יינגל!"

נאָכדעם איז זי אַ היבשע ווײַלע געשטאַנען פאַרן בילד און האָט גערעדט מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג וועגן שוואַרצבערגס טאַלאַנט און האָט דערביי אויסגעשאָטן אַלע פראַזן און קונסט־טערמינען, וואָס זי האָט פאַר דער צייט אויפגעכאַפּט פון זיינע שמועסן מיט איר וועגן מאַלעריי, אַחוץ אַנדערע, וואָס זי האָט געדענקט פון לייענען אַרטיקלען איבער קונסט, און לינאַ האָט מיט שטאָלץ געטראַכט וועגן איר:

„ווי אינטעליגענט מיין מאַמע איז!"

— איר וועט דאָך דאָס בילד מיר געבן? — האָט שפּעטער חנה זיך אָנגערופן צום מאָלער.

— איך וועל אייך מאַכן אַ קאָפּיע פונם בילד, ווען מיר וועלן זיין אין שטאָט, — האָט ער געענטפערט.

האָט חנה ניט גערעדט מער דערפון און זיינע ווערטער „ווען מיר וועלן זיין אין שטאָט", האָט זי אויסגעטייטשט אויף איר אייגענעם אופן, מיט אַ צאַפּל אין איר האַרצן...

3

צוריקוועגס פונם וואַלד זיינען אַלע זאַלבעדריט געגאַנגען פריילעך. שוואַרצבערג האָט דאָ אַ כאַפּ געטאָן די מאַמע אונטערן אָרעם און איז אַוועק מיט איר שפּרינגען און טאַנצן איבערן וועג און באַלד האָט ער דאָס געטאָן מיט דער טאָכטער.

און דאָ האָבן חנה און לינאַ גאָר זיך אַ לאָז געטאָן אין איבעריאָגעניש מיט אַ פריילעכן ליאַרעם, און די מאַמע האָט איר טאָכטער אַריבערגעיאָגט.

— בראַוואָ־אָ! — האָט געשריען שוואַרצבערג צו חנהן, ווען יענע מיט צעפּלאַמטע באַקן און אויגן האָט ווייט אַריבער־געיאָגט איר יונגער טאָכטער, וועלכע, אַ פאַרסאָפּעטע מיט צערויטלטע באַקן, האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אין מיטן לויפן, בעת איר מאַמע האָט זיך נאָך דאָרט געיאָגט...

שפּעטער איז שוואַרצבערג אַוועק מיט לינאַן זיך באָדן צום טייך, וואָס האָט זיך געפונען אַ פּאָר מייל ווייטער.

חנה האָט זיי ניט געשטערט. ווי שוין געזאָגט, זי איז אַזוי זיכער געווען אין דעם מאַלערס ליבע, אַז איר איז אַפילו אויף קיין איין רגע ניט איינגעפאַלן, אַז אַן אַנדערע זאָל איר קענען קאָנקורירן. בפרט איז ביי איר אין די אויגן איר טאָכטער נאָך געווען גאָר אַ קינד און זי וואָלט, בכלל, זיך ניט געקענט פאָר־שטעלן איר טאָכטער אין דער ראָלע פון אַקאָנקורענטקע איר אין ליבע. דאָס וואָלט זיך איר זיכער אויסגעוויזן פאַר צו־שרעקלעך.

זי האָט נאָר געוואָלט, אַז ער, שוואַרצבערג, זאָל מיט איר אַליין, דאָס הייסט, מיט חנהן, זיין פאַרזיכטיק, בעת לינאַ איז דערביי. ווארים ווען לינאַ זאָל זיך עפּעס אָנשטויסן, דאַן... פון אָט־דעם געדאַנק אַליין האָט איר אַ שרעק אָנגעכאַפּט...

מחמת זי, חנה, האָט געהאַלטן, אַז זי איז אַ גוטע מאַמע, וועלכע האָט זיך פּשוט מקריב געווען פאַר אירע קינדער. וואָרים, ווען זי וואָלט ניט געהאַט אין זינען זיי, וואָלט זי שוין לאַנג אַוועק פון זייער טאַטן. און זי האָט געוואָלט, אַז אירע קינדער זאָלן זי אויך האַלטן פאַר אַזאַ און זאָלן זי רעספּעקטירן און ליב האָבן. און דערפאַר האָט זי אויך זיך געהיט פאַר דער ליכטיקייט און געגנבעט די ברעקלעך לעבן אין דער פינצטער...

אמת, אַמאָל האָט זי געליטן דערפון, וואָס זי האָט גע־גנבעט אין דער פינצטער, און זיך אָנגערופן „היפּאָקריטקע״. דערנאָך אָבער האָט זי זיך פאַרענטפערט. אַמאָל:

„שולדיק איז דאָס זיס פאַמיליענלעבן אין דעם״...

און אַמאָל:

„איך האָב אים פיינט. גטן זיך מיט אים, — אַ רחמנות אויף די קינדער, און דאָס לעבן קאָן איך דאָך פון זיך ניט אַרויס־רייסן און באַגראָבן עס״.

צי גאָר:

„כל־זמן קיינערליידט ניט דערפון, פאַרוואָס אָפּזאָגן זיך פונם לעבן? פאַרקערט, דאָס גיט מיר כוחות אויפצוהאַלטן מיין פאַמיליע, זאָל זיין דורך היפּאָקריטסטווע. איז דאָך דאָס גאַנצע פאַמיליע־לעבן איין שטיק מיאוסע היפּאָקריטסטוואָ!...

קורץ, חנה האָט ניט געשטערט שוואַרצבערגן און לינאַן ניט איצט, צו גיין זיך באָדן אָן איר, און ניט שפּעטער פאַרנאַכט, צו גיין אָן איר שפּאַצירן.

און אויף מאָרגן האָבן שוואַרצבערג און לינאַ אויך פאַר־בראַכט שעהן לאַנג אָן חנהן, און אַמאָל איז זי, חנה, אויך גע־ווען מיט זיי; אָבער ס׳רוב איז זי דאָרט געווען פאַרנומען ביי זיך אין שטיבל, וואָס זי האָט געדונגען פאַרן זומער, מיט צו־גרייטן דאָס עסן, אָדער זי איז געלעגן אויפן העמאַק אונטערן בוים און האָט געלייענט אַ בוך.

נאָר שפּעט ביינאַכט, ווען לינאַ איז שוין געשלאָפן, האָט

זיך חנה אַרויסגעגנבעט פונם שטיבל און איז אַוועק צום מאַלער אין באַנגעלאָ...

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע טעג. שוואַרצבערג האָט געשפּילט טעניס מיט לינאַן. לינאַ האָט זיך געבאָדן מיט שוואַרצבערגן אין דעם גרויסן טייך און האָט געשטיפּט מיט אים אין דעם וואַסער. שוואַרצבערג האָט באַוואונדערט די גראַציעזע שלאַנקייט פון לינאַס יונגן קערפּער אינם באָד־קאָסטיום און ווען ער איז געשוואומען לעבן איר, האָט ער זיך פּלוצים פלינק איבערגעקערט, זיך געלייגט מיטן רוקן, אַרבעטנדיק מיט זיינע אָרעמס, אַזוי ווי מיט וויעסלעס, און האָט גיריק געקוקט אויף לינאַן, וועלכע האָט אים נאָכגעטאָן, שווימענדיק לעבן אים.

ער האָט געקוקט אויף די שיינע ליניעס פון איר אויסגעצויגענעם קערפּער אויפן וואַסער און דורך דעם דינעם דורכגענעצטן שטאָף פון איר באָד־קאָסטיום, האָט ער געזען איר מיידלשע ברוסט און אירע רונדע אַקסלען און אירע היפּטן, און ער האָט געזען אירע גערונדעטע נאַקעטע קני און די דינע פיס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט איבערן וואַסער מיט די פינגער אַרויף.

לינאַ האָט געפילט זיין בליק אויף זיך, און זי האָט געלאַכט און געשטיפּט, אָנגענומען אַ פולן מויל וואַסער און געשפּריצט אויף אים. און ער האָט געשפּריצט צוריק אויף איר, פּאַטשנדיק צו איר מיט דער האַנט דאָס וואַסער...

ביז ער האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעדרייט ווידער מיטן רוקן אַרויף און אַ שווים געטאָן צו איר און אַ וואָרף געטאָן זיין שטאַרקן אָרעם אַרום איר טאַליע און זיך אַוועקגעלאָזט מיט איר שווימען צום ברעג.

און זי, געטראָגן פון זיין שטאַרקן אָרעם איבערן וואַסער, האָט געקוויטשעט פאַר קערפּערלעכן חיות און געדריגעוועט מיט די פיס איבערן וואַסער, און אויפן ברעג האָט ער זי אַרויסגעטראָגן אויף די הענט.

און מיטאַמאָל — שוואַרצבערגן איז קלאָר געוואָרן, אַז ער

איז פאַרליבט אין לינאַן, און לינאַן איז נאָך פריער קלאָר געווען, אַז זי איז פאַרליבט אין שוואַרצבערגן.

שוואַרצבערגן האָט די ליבע אומרואיק געמאַכט. לינאַן האָט די ליבע פאַרטשאַדעט. שוואַרצבערג האָט איצט כסדר געזוכט צו פאַרבלייבן מיט איר אַליין און לינאַ — צו פאַרבלייבן מיט אים אַליין.

אָבער שוואַרצבערג האָט זיך אויך איצט אָנגעהויבן צו היטן פאַר חנהן, אַז זי זאָל גאָרנישט באַמערקן, און ווען זי איז געווען דערביי, האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ גלייכגילטיקייט צו לינאַן, אַז זי, לינאַ, איז ממש צעטומלט געוואָרן.

איינמאָל האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר איר מאַמע:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש דער שוואַרצבערג? אָט איז ער פריילעך און פריינדלעך, און מיטאַמאָל ווערט ער אַזוי אומפריינדלעך!

האָט די מאַמע געשמייכלט:

— מיין קינד, ער איז אַ קינסטלער־נאַטור. האָט זיינע שטימונגען, זיינע קאַפּריזן.

דערביי אָבער האָט לינאַ זיך געהיט ניט צו דערציילן איר מאַמען וועגן אירע געפילן צום מאָלער.

עס איז געקומען דער טאָג, ווען לינאַ האָט געזאָלט אַוועקפאָרן צוריק אין איר קעמפּ אַריין. אין יענעם פרימאָרגן איז שוואַרצבערג אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער אַרום דער באַנ־געלאָ. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אומעטיק אים וועט זיין, ווען זי וועט דאָ מער נישט זיין. ער האָט געפילט, אַז ער איז שטאַרק מיטגעריסן פון איר און האָט אויך געוואוסט, אַז זי, לי־נאַ, פון אים אויך.

איין וואָרט דאַרף ער איר נאָר זאָגן און זי וועט דאָ פאַר־בלייבן. אָדער ער וועט גאָר פאָרן מיט איר. דאַן אָבער הייסט עס, חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פון זיין געליבטער. אָבער דאָס — מילא! אַזוי האָט זיך געמאַכט... נישט ער און נישט חנה

האָבן אויף אַזאַ זאַך זיך געקענט ריכטן. צוליב ד ע ם אָפּזאָגן זיך פון גליק, איז נאַריש. אָבער חתונה האָבן?... געוואַלד, דער יאָך פון אַ פאַמיליע־לעבן און די אַלע התחיבותן — געוואַלד, גע־וואַלד, ווי ער ציטערט פאַר דעם!...

אמת, איינמאָל, פריער אָדער שפּעטער, מוז ער דאָס דורכ־מאַכן, ווי ער וועט מוזן דורכמאַכן דעם טויט. ווי לאַנג נאָך פאַרבלייבן אַ בחור? סוף־כל־סוף אַ שטיקל היים איז דאָך באַ־קוועם פאַר אַ מענטשן, בפרט פאַר איינעם, וואָס איז שוין ניט קיין יינגעלע און נויטיקט זיך אַמאָל אין דעם אָפּרו און אין אַן אייגענעם ווינקל...

שפּעטער איז ער אַוועק שפּאַצירן מיט לינאַן אין דעם דערבייאיקן וואַלד.

לינאַ, אין אַ ווייסן קלייד, מיט אַ ברייטן רויטן באַנד אַרום איר שטערן, ווי אַ רייפל, האָט אויסגעזען אויפגערעגט און גע־שמייכלט אויפגערעגט.

זיי ביידע האָבן געשוויגן.

שוואַרצבערג האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל איר זאָגן. דאָס הייסט: וועלן האָט זיך אים געוואָלט איר זאָגן, אַז זי זאָל ניט אַוועקפאָרן, ווארים ער וועט בענקען נאָך איר, און פאַרוואָס ער וועט נאָך איר בענקען. און דאָך האָט ער זיך געשראָקן אַרויסצולאָזן אַט די ווערטער פונם מויל.

דער וואַלד האָט געהילכט פון פויגל־קלאַנג. עס האָט אויס־געזען, אַז וויפיל עס זענען אין דעם וואַלד פאַראַן ביימער־צווייגן, אַזוי פיל פייגל. אַ קילע טונקלקייט האָט זיך געטוליעט צווישן די ביימער.

פּלוצים האָט זיך לינאַ אָנגערופן, אַזוי ווי זי וואָלט גע־לייענט זיינע געדאַנקען:

— וועט איר עפּעס בענקען נאָך מיר?

האָט ער זי אָנגקוקט מיט אַ פאַרבענקטן שמייכל און שטיל געענטפערט:

— אַ ביסעלע. און איר, לינאַ, נאָך מיר?

— איך נאָך אייך? — האָט זי געפרעגט, אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון אים און ניט געענטפערט.

האָבן זיי געשפּאַצירט ווייטער און ווידער געשוויגן. דער־נאָך האָט זי ווידער זיך אָנגערופן שטיל:

— פאַרוואָס וועט איר בענקען נאָך מיר, ווייל איר וועט ניט האָבן קיין מיידל מיט וועמען אַרומצושטיפן?

— ווייל איר וועט ניט זיין דאָ.

— אַזוי נויטיק בין איך אייך דאָ. פאַרוואָס?

שוואַרצבערג האָט זי מיטאַמאָל אָנגענומען ביי דער טאַ־ליע און זי צאַרט צוגעדריקט צו זיך.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע הענט.

— אָ, דערפאַר זאָל איך דאָ בלייבן? — האָט זי געזאָגט מיט צעפלאַמטע באַקן — טוט עס ניט. איך האָב עס פיינט!

האָט שוואַרצבערג זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. פריער האָט זי קיינמאָל קעגן דעם ניט פּראָטעסטירט, נישט אַפילו ווען ער האָט זי געקושט. פאַרקערט, זי האָט פריער אַזוי ווי גע־זוכט זיין לאַסקע.

ער האָט ניט געוואוסט, אַז איצט האָט פּראָטעסטירט אין איר דער געפיל, וואָס האָט ניט געקראַגן ביז אַהער קיין אָפּקלאַנג ביי אים, ביי שוואַרצבערגן, אינם האַרצן, איצט, ווען זי האָט שוין געדאַרפט אָפּפאָרן...

ער האָט געצוואונגען אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איר ווילט זיך צעקריגן מיט מיר, איידער איר פאָרט אַוועק?

— און אַז יאָ? — האָט זי צערייצט געענטפערט, און צוגעגעבן אויפגערעגט — איך שעם זיך, פאַרוואָס איך האָב פרי־ער אייך דערלויבט מיך אַרומצונעמען און קושן. איר זענט מיר אַ פרעמדער!

האָט ער אַ צי געטאָן די אַקסלען און זיך מיטאַמאָל צעלאַכט.

— וואָס הערט זיך מיט אייער „האַיק”, לינאַ, אויף וועלכן איר האָט מיך אַמאָל איינגעלאַדן?

— איך האָב אייך דעמאָלט נישט געקענט, מיסטער שוואַרצבערג.

— און אַז איר האָט מיך איצט דערקענט?...

זי האָט זיך אומגעקערט.

— קומט צוריק. איך וויל מער ניט ריידן דערפון — האָט זי געזאָגט.

זיינען זיי געגאַנגען צוריק.

— פאַרוואָס זענט איר היינט בייז אויף מיר? — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום אַ פרעג געטאָן.

זי האָט געענטפערט אונטער דער נאָז:

— איך בין ניט בייז אויף אייך. לאָזט מיך צורו. איך וועל קומען צוריק אין קעמפּ און דאַן — אַזוי ווי איך וואָלט אייך קיינמאָל ניט געזען!...

— זעט איר, לינאַ, איך קאָן דאָס ניט זאָגן. איך וועל אייך שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך אָנגערופן שפּאַטיש:

— אַזוי פאַרליבט זענט איר אין מיר?

— יאָ! — האָט ער געענטפערט ערנסט.

זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אים אין די אויגן אַריין און הייס געאָטעמט.

— יאָ, לינאַ, — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט, און מיטאַמאָל האָט ער זי ווידער צוגעצויגן צו זיך, און דאָס מאָל האָט זי זיך שוין ניט געווערט, און איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו זיין ברוסט.

— פאַר איך ניט אינגאַנצן פון דאַנען! — האָט זי אין

אַ ווײַלע אַרום גערעדט אַ צעשטראַלטע, און געדריקט זיך אין גאַנג צו אים אַזוי, אַז זײַערע בײדנס טריט זײַנען געווען ווי געפּענטעט — איך וועל גלײַך זאָגן דער מאַמען...

— זאָגט איר נאָך דערווײַל גאָרניט — האָט ער געמורמלט צעטומלט — איך דאַרף נאָך... איך וועל שפּעטער מיט אײַך רײדן דערפון... אײַער מאַמע טאָר דערווײַל פון קײן זאַך ניט וויסן. עס איז דאָ אַ גרונט, אַ פאַרוואָס... איך וועל אײַך שפּעטער דערקלערן...

און אין מוח האָט אים געטומלט: דער רוח האָט אים בײַ דער צונג געשלעפּט. איר מאַמע וועט מאַכן אַ סקאַנדאַל, און צו וואָס דאַרף ער קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין דער פּעטליע פונם פאַמיליע־לעבן? ער וועט זי פאַרגעסן. ער ליבט חנהן גענוג שטאַרק! געוואַלד, אידיאָט, ווי דרײט מען זיך איצט אַרויס?...

פּלוצים האָט ער לינאַן אָפּגעשטעלט און זיך אָנגערופן צו איר מיט אַ פעסטן טאָן:

— איך קאָן עס אײַך גלײַך דערקלערן. אמת, איר געפעלט מיר און איך האָב אײַך ליב אויך; אָבער איך טאָר ניט: איך האָב אין ניו יאָרק אַ כּלה!...

זי איז בלײַך און רויט געוואָרן און אירע בלויע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים, האָבן גענומען פינטלען, אַזוי ווי מען וואָלט זי מיט שפּילקעס געשטאָכן. דערנאָך האָט זי אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, איז אַזוי געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע און האָט מיט ווײטיק געשמײכלט.

פּלוצים האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווידער אַ ווײַלע געקוקט אויפן מאַלער און נאָכדעם האָט זי אַ הויב געטאָן אַ האַנט און זי הילכיק אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן באַנק...

דערנאָך האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון איר אָרט און זיך געלאָזט לויפן פונם וואַלד...

*
**

פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען צו חנהן, איז שוין לינאַ געווען אַוועקגעפאָרן.

חנה האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס איז געשען צווישן אייך און לינאַן? זי איז עפּעס געווען אַזוי אויפגעבראַכט קעגן אייך...

— איך ווייס ניט — האָט ער געענטפערט — וואָס האָט זי אייך געזאָגט?

— זי איז אַריינגעלאָפן אין הויז אַן אויפגערעגטע און האָט זיך גלייך געכאַפּט צו פּאַקן אירע זאַכן. ווען איך האָב ביי איר געפרעגט אויף אייך, האָט זי מיר געזאָגט, אַז איך זאָל איר נישט דערמאָנען דעם „באָם". — וואָס איז געווען צווישן אייך?

— קיין זאַך ניט. איך האָב איר געגעבן אַן אומשולדיקן קוש, איז זי אין כעס געוואָרן...

— איר האָט עס ניט געדאַרפט טאָן, האָט חנה באַמערקט מיט אַ צופרידענעם שמייכל—איצט, זעט איר שוין, ווי איר האָט געדאַרפט זיין פאַרזיכטיק? זי איז ביי מיר אַנדערש דערצויגן...

שפּעטער, ווען ער האָט חנהן געקושט, האָט ער זיין בענקעניש נאָך איר טאָכטער דורך דידאַזיקע ווילדע קושן געוואָלט שטילן, און דער מאַמען איז אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז איר טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן פון איר מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ווייל זי, חנה, האָט, ניט־וויסנדיק אַליין, געשפּילט די ראָלע פון איר טאָכטערס קאָנקורענטקע...

מאַי, 1929, ברוקלין.

אַניוטאַ

1

יענעם אויפדערנאַכט — סוף יוני איז דאָס געווען — האָט דייוו גרין געאַרבעט מיט גרויס הנאה ביי אים אינם צימער. ער האָט געפילט, אַז ער שאַפט אַ שיין ווערק, און, ווי אַלעמאָל, בעת ער האָט געאַרבעט מיט הנאה, האָט ער דערביי שטיל אונטערגעזונגען (בעת זיין ווייב האָט געלעבט, האָט זי תמיד געוואוסט פון אָט־דעם געזאַנג זיינעם, ווי אַזוי עס אַרבעט זיך דאָרט ביי אים).

מיטאַמאָל האָט דער טעלעפאָן אים אויפגעוועקט. ווי פון שלאָף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער איז צוגעגאַנגען צום טע־לעפאָן. אַניוטאַ, דאָס ווייב פון זיין פריינט, דאָקטאָר ברוידאָ, האָט צו אים גערעדט אין טעלעפאָן מיט איר הייזעריקלעכער ברוסטיקער שטים. זי האָט געפרעגט, אויב ער וועט זיין דעם אָוונט אינדערהיים, מחמת זי וויל אים זען.

האָט דייוו לכתחילה געוואָלט איר זאָגן, אַז ער וועט ניט זיין; גלייך אָבער האָט ער דערשפירט אַ פאַרלאַנג פאַרצולייענען פאַר איר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט זיין.

אָבער, אַז ער האָט נאָכדעם אַרונטערגעלאָזט דאָס טעלע־פאָן־טרייבל אויפן הענגער, איז אים באַפאַלן אַ שווערער אומ־מעט.

ער האָט שוין ניט געקענט דערנאָך מער אַרבעטן, גע־פּרוּווט און איז ניט אומשטאַנד געווען אַרויסצוברענגען קיין וואָרט מער אויפן פּאַפּיר.

ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן, ווי ער וואָלט צו אימיצן גערעדט:

— אַן אומגליק און גאָר!

האָט זיך אויפגעהויבן פונם שרייבטיש, פאַרדויכערט אַ סיגאַרעט און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע מיטן רויכערנדיקן סיגאַרעט צווישן די ליפּן, געקוקט צו דער סטעליע — און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געטראָגן אַניוטאַ.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע פייערדיקע, שוואַרצע אויגן, געשמייכלט צו אים מיט אירע חן־גריבעלעך און געהערט האָט ער איר הייסן, ברוסטיקן געלעכטער.

ער האָט איר ניט געטאָרט הייסן קומען. כמעט יעדעס מאָל, ווען זיי טרעפן זיך, זאָגט ער זיך נאָכדעם, אַז ער מוז מאַכן אַ סוף צו דעם. ער האַלט דאָס טרעפן זיך מיט איר פאַר אַן אומגליק.

קיין יוסף הצדיק איז ער ניט און וויל דאָס גאָר ניט זיין. אָבער אָפּנאַרן, באַטריגן זיין פריינט, דאָקטאָר ברוידאָ, סיאָמען — דאָס וואָלט געווען אַ שווייַנעריי...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע און איז אַוועק שפּרייזן איבערן צימער.

מחמת דעם פּירט ער דאָך אַן אַזאַ קאַמף קעגן איר און קעגן זיך אַליין, ווייל קיין פרוי — און ער האָט זיי ניט ווייניק געהאַט, איידער ער האָט חתונה געהאַט — האָט ער אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי זי, אַניוטאַן. אַפילו זיין ווייב האָט ער אַזוי ניט ליב געהאַט. אַזוי, לכל הפחות, האָט זיך אים אויסגעוויזן.

עס איז אים געגנוג געווען צו דערפילן אויף זיך דעם בליק פון אירע שוואַרצע אויגן, צו דערהערן איר הייסן, ברוסטיקן געלעכטער, אַז ער זאָל אויפציטערן.

ער האָט געפּרואווט זי אויסמיידן, איז אַ לאַנגע צייט צו זיי אין הויז ניט געגאַנגען, איז זי מיט איר מאַן, דאָקטאָר ברוידאָ, צו אים דאַן געקומען און נאָכאַנאַנד האָבן זיי געקלונגען צו אים אין טעלעפאָן און גערופן אים צו גיין אָדער צו פאָרן מיט זיי ערגעץ, צי גאָר געלאַדן צו זיי אַהיים אויף אַ מיטאָג.

און ווען זיין פריינט, דאָקטאָר ברוידאָ, האָט אים דעמאָלט אויסגערעדט, פאַרוואָס ער ווערט אַזוי אָפּגעפרעמדט, האָט ער געהערט דעמאָלט אין יענעמס רייד אַניוטאַס ווערטער, געפילט, אַז מיט זיין פריינטס מויל רעדט אַניוטאַ.

דאָקטאָר ברוידאָ איז אויך געווען שטאַרק פאַרליבט אין זיין ווייב און ער האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל טאָן.

האָט ער, דייווו, געפּרואווט דערנאָך אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, אָבער דער אומעט און די בענקעניש נאָך אַניוטאַן האָבן אים געטריבן באַלד צוריק.

איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַזוי שוואַך, אָדער ווייל זי איז געווען אַזוי שטאַרק? איין זאַך איז אים קלאָר געווען, אַז ער האָט זי משוגע ליב געהאַט און אויך, אַז ער האָט זי ניט געטאָרט ליב האָבן, מחמת דאָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ מיאוסן ליכט אין זיינע אייגענע אויגן.

2

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס, ווען זיין ווייב האָט נאָך געלעבט. ער האָט גענומען באַמערקן, אַז זי, אַניוטאַ, אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט זיין אַרבעט, כמעט אַזוי פיל ווי זיין ווייב, וואָס איז געווען די גרעסטע פאַרערערין פון זיין טאַלאַנט. איז דאָס אים אָנגענעם געווען. אָבער עס איז אים ניט איינגעפאַלן דע־מאָלט, אַז דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש, ווי ריינע פריינט־שאַפט און פאַרערונג.

ערשט שפּעטער, ווען זיין ווייב איז געשטאָרבן, איז דאָס אים קלאָר געוואָרן. כדי אים צו צעשטרייען נאָך זיין ווייבס טויט, האָט זיין פריינט, דאָקטאָר ברוידאָ, איבערהויפּט זי, אַניוטאַ, זיך מער אָפּגעגעבן מיט אים איידער פריער. כמעט יעדע פרייע מינוט זייערע האָבן זיי אים אָפּגעגעבן. זיי האָבן

פאַרבראַכט מיט אים סיי ביי זיי אין דער היים און סיי ביי אים, צו זיי זיינען גאָר מיט אים אַמאָל ערגעץ אָפּגעפאָרן.

ער איז געוואוינט געווען, בעת ער האָט עפּעס געשריבן, דאָס פאַרצולייענען פאַר זיין ווייב, האָט ער דאָס איצט געלייענט פאַר אַניוטאַן, און זי האָט זיך אַלעמאָל צוגעהערט צו דעם מיט גרויס התפעלות און אַרויסגעוויזן צו אים אַליין וואַרימקייט מער ווי געוויינלעך.

דאָס האָט אים דערנענטערט צו איר. דאָס האָט געוועקט ביי אים דעם געפיל צו איר.

און איינמאָל האָט זי פאַר התפעלות אים אַ קוש געטאָן, איין מאָל און נאָכאַמאָל, און ווי אַנגענעם דאָס איז אים ניט געווען, איז ער פון דעם צעטומלט געוואָרן.

ביז צום סוף האָט ער אין אַזאַ מאָמענט זיך אָנגערופן צו איר אַ צעמישטער:

— טו דאָס ניט, אַניוטאַ!

— וואָס זאָל איך ניט טאָן? — האָט זי געלאַכט צו אים מיט אירע שוואַרצע אויגן און געשמייכלט מיט חן־גריבעלעך אויף איר צעצונדענעם פּנים.

— אָט דאָס... מען דאַרף ניט... עס צעטומלט מיך...

האָט ער דערהערט איר הייסן, ברוסטיקן געלעכטער.

— מיין קוש צעטומלט דיך? מיך וואָלט דיין קוש ניט צעטומלט — האָט זי געזאָגט.

— שטיף ניט אַזוי, אַניוטאַ! — האָט ער ווידער זיך אָנגערופן.

— אָבער, דייוו, ווען דאָס דאָזיקע שטיפן איז מיר זייער און זייער אָנגענעם? — האָט זי ווייטער געלאַכט.

— אָבער מיר איז דאָס זייער אומאָנגענעם, אַניוטאַ.

— טאַקע? און איך האָב געמיינט, אַז איך בין דיר אַ ביסעלע געפעלן.

— ווייל דו ביסט מיך אַ סך געפעלן, דאַרפסטו דאָס ניט טאָן, אַניוטאַ.

— קלוגער דיכטער, דו רעדסט נאַרישקייטן.

— דיין מאַן איז מיין פריינט, אַניוטאַ...

— איז וואָס, אַז ער איז דיין פריינט ?

— דערפאַר קענען מיר אויך זיין נאָר פריינט, אַניוטאַ.

— ווער וויל דאָס דיר שטערן, דייוו ?

— דו, אַניוטאַ.

— דו רעדסט ווי אַ קינד, דייוו !

און אַ שטיקל צייט דערנאָך ווידער, נאָך דרייסטער: אין מיטן לייענען האָט זי צוגעדריקט איר שיינעם, טונקעלן, וואַרעמען פנים צו זיינעם און אַ ברי געטאָן אים מיט איר פייערדיקן אָטעם, און דערהערט האָט ער יענעם מאָל טענער, וואָס זיינען ווי געטונקט געוועזן אין פייער:

— דו ביסט אַ גרויסער דיכטער !

און שווער איז אים דעמאָלט געוועזן ניט צו ענטפערן מיט ליבע. פונדעסטוועגן איינגאַנצן האָט ער זיך אַפילו דעמאָלט אויך ניט פאַרלאָרן. אַזוי ווי ער איז געזעסן, מיט זיינע ליפּן צוגעדריקט צו אירע, האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן פון זיין אָרט מיט די ווערטער:

— אַניוטאַ, גיי, דו מאַכסט מיך משוגע !

זי אָבער איז געבליבן זיצן אויף איר אָרט און האָט געקוקט אויף דייוון מיט פאַרשיכורטע אויגן און געשוויגן.

— דאָס איז אַן אומגליק, אַניוטאַ ! — האָט ער דערנאָך ווידער געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג.

האָט זי זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן פון איר אָרט אין איר גאַנצן הויכן, שלאַנקן און בויגיקן וואוקס, איז צוגעגאַנגען צום שפיגל און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים און אַוועקגעשאַרט פון איר שטערן אַ לאָקנדל שוואַרצע האָר.

— יאָ, — האָט זי אַרויסגעפליסטערט, און אין אירע

אויגן האָט זיך געצונדן שפּאָט, — פון דאָס העכסטע גליק מאַכן אַן אומגליק, איז אַן אומגליק...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיט ווייטיק אויסגע־שריען:

— אָבער פאַרשטיי דאָך, אַניוטאַ, ווי וואָלט איך געקאָנט קוקן דיין מאַן אין די אויגן?

זי האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן און האָט שפּאָטיש באַ־מערקט:

— יאָ, דו ביזט גערעכט. איך אַליין דאַרף דיר אויך דאַנקען. איך וואָלט דאָך אויך געדאַרפט קוקן מיין מאַן אין די אויגן.

און זי האָט צוגעגעבן:

— יאָ, דו ביסט גערעכט, דאָס איז אַן אומגליק!...

און איידער זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי דעמאָלט צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן אַ חודש צייט זיך ניט טרעפן.

אָבער שוין אין צוויי טעג שפּעטער האָט דאָקטאָר ברוידאָ געקלונגען צו אים אין טעלעפאָן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד און גערופן צו עסן מיטאָג מיט זיי. און ער, דייוו, האָט געוואוסט, אַז אַניוטאַ האָט עס אים גערופן, און ער האָט זיך דווקא שטאַרק דערפרייט דערמיט. ווייל די צוויי טעג האָט ער אויך זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען פאַר אומעט און בענקעניש...

און די לעצטע צייט האָט דאָקטאָר ברוידאָ גאָר אָנגעהויבן צושטיין צו אים, אַז ער זאָל פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן מיט אַניר־טאָן אין די בערג. און ווידער האָט דייוו פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַניוטאַס פּלאַן. פאַר דעם האָט ער זיך געשראָקן. הגם טיף אין האַרצן ביי אים האָט אַ פרייד זיך געוועקט פון אָט דערדאָזיקער מעגלעכקייט. און ער האָט געמוזט אָנווענדן אַלע זיינע כוחות צו ראַנגלען זיך קעגן דעם און צו באַקעמפן

דאָס אין זיך. כלערליי תירוצים האָט ער אָנגעגעבן, פאַרוואָס ער קען ניט פאָרן — און דערווייל איז ער ניט געפאָרן.

ער איז ניט געפאָרן, און עס האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער פאָרט ניט — און געפילט דערביי, אַז ווען ער זאָל פאָרן מיט איר, וועט עפּעס מוזן געשען, וואָס עס האָט ניט געטאָרט געשען. אין אָט דעם צעטומלטן געמיט האָט ער זיך געזאָגט אַמאָל: „יאָ פאָרן", און אַ ווײַלע שפּעטער: „ניט פאָרן", צי גאָר, אַז ער מוז מאַכן אַ סוף צו אָט דער גאַנצער געשיכטע און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן זיך צו טרעפן מיט איר אויף אַן אמת...

דערפאַר האָט ער יענעם אויפדערנאַכט, ווען אַניוטאַ האָט צו אים געקלונגען און געזאָגט, אַז זי קומט צו אים, ניט גע־קענט דערנאָך מער אַרבעטן און איז אַזוי צערודערט געוואָרן...

ניין, ווי עס ווײַזט אויס, האָט ער געטראַכט, ווען ער האָט געשפּרייזט איבערן צימער מיט אויפגערעגטע טריט און מיט אַ צעטראָגענעם בליק אין זײַנע גרויע אויגן, רויכערנ־דיק פאַרטראַכט זײַן סיגאַרעט, — ווי עס ווײַזט אויס, איז נאָך ווײַט ביז צום סוף. וואָס וועט ווערן דערפון? וואו זאָל ער נעמען דעם כח?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שרײַבטיש מיט אַ מינע פון אומבאַהאָלפנקייט.

— נעכטן „ניין", מיט אַ טאָג פריער „ניין", מיט אַ וואָך פריער און מיט אַ חודש פריער „ניין, און ניין, און ניין", — און קיין סוף איז נאָך אַלץ ניטאָ! וואָס פאַר אַן אומגליק!...

און מיטאַמאָל, ווי ער איז אַזוי געשטאַנען ביים שרײַב־טיש מיטן סיגאַרעט אינם מויל, האָבן די גרויע, פאַרטראַכטע אויגן אויפגעלויכטן ביי אים. ער האָט צונויפגענומען די פרישי־פאַרשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר, וואָס זײַנען דאָרט געלעגן, און זיי אויסגעגלעט מיט אַ באַזונדערער צאַרטקייט. אונטער זײַנע

בלאָנדע וואָנצעס האָט אַ התפּעלותדיקער שמייכל זיך באַוויזן.
ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„עס וועט איר זיכער געפעלן"...

און מיט אימפּעט האָט ער זיך אַ זעץ געטאָן אויפן שטול ביים שרייבטיש און גענומען לייענען די פאַרשריבענע בלעטלעך און זיך פאַרגעשטעלט, ווי דאָס וועט געפעלן אַניוטאַן. באַלד איז ער אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם, אַז ער האָט אַפילו אויף אַניוטאַן פאַרגעסן, און עס האָט זיך דערהערט ווידער זיין שטילער, פאַרחלומטער געזאַנג...

ער האָט ניט געהערט, ווי מען האָט אין זיין טיר געקלאַפּט. ערשט, ווען די טיר האָט מיט ליאַרעם אויפגעפּראַלט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערזען פאַר זיך דאָקטאָר ברוידאָ און אַניוטאַן.

3

אויף אַ רגע איז ער צעמישט געוואָרן, ווייל אויף דאָקטאָר ברוידאָן האָט ער זיך ניט גערעכנט. באַלד אָבער האָט ער זיך צעשמייכלט פריילעך און זיך האַסטיק אויפגעהויבן פונם אָרט.

— קינדער, — האָט ער אויסגעשריען מיט התפּעלות, — איך בין צופרידן וואָס איר זייט געקומען. סיאָמאַ, אַניוטאַ, איך שרייב אַ גרויס ווערק, איר הערט? מיין בעסטע, מיין גרעסטע זאַך. די טעמע איז אויך סיי אַ יידישע און סיי אַ סאָציאַלע. אפשר ווילט איר הערן אַ פּאָר קאַפּיטלעך?

דאָקטאָר ברוידאָ, מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון אים, אַ דיקער, אַ רונדער, מיט אַ רונדן, גוטמוטיקן פּנים און מיט קורצע, ווייסע, פעטע הענט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ דינעם, ווייבערישן קול:

— אַן אַנדערש מאָל, דייוו, אַן אַנדערש מאָל! איצטער

האָב איך קיין צייט ניט, איך דאַרף נאָך צופאָרן פון דאַנען צו עטלעכע פּאַציענטן. דאָס האָב איך אַניוטאַן איצטער גע־בראַכט צו דיר, אַז זי זאָל דיר העלפן זיך איינפּאַקן.

— וואָס איינפּאַקן? — האָט דייוו אַ קוק געטאָן אויף דאָקטאָר ברוידאָן און נאָכדעם אויף אַניוטאַן.

זי, אין אַ ווייסן, שטרויענעם הוט און אין אַ ווייסן קלייד, מיט די חן־גריבלעך אויף איר טונקעלן פּנים, האָט צוגעשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ.

— יאָ, אַזוי וויל ער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— וואָס קען איך העלפן. אַחוץ מיין מאַן, איז ער דאָך אַ דאָק־טאָר אויך...

— אָבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן? פאָר אַליין אָן מיר.

זי האָט געענטפערט:

— אַוודאי ביזטו גערעכט. איך אַליין האָב אויך ניט קיין חשק צו פאָרן, ווייל מיר איז אַלעמאָל לאַנגווייליק דאָרטן.

— דו מוזט פאָרן, דייוו, צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט! — האָט דאָקטאָר ברוידאָ אים אַרויפגעלייגט זיינע ביי־דע ווייסע, פּעטע הענט אויף די אַקסלען און אים אַריינגעקוקט אין פּנים מיט אַ מין בעטנדיקער מינע, — אַניוטאַ איז נערוועז. זי שלאָפט ניט גוט. אַ פאָר וואָכן אין די בערג — און זי וועט זיך דערהאָלן. זיי ניט קיין עקשן, דייוו. זי האָט שוין באַקומען אַ דערלויבעניש פון דעם פּרינציפּאַל פון איר שול אויך צו פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן.

ביי דייוון האָט אינם קאָפּ געמישט און אינם האַרצן האָט אים געזידט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך איצט ווידער גע־פּרוּווט אויסדרייען דערפון. ער האָט געטענהט קעגן זיין ווילן:

— איך בין פאַרנומען. איך קען ניט פאָרן. זאָל זי אַליין פאָרן. איך קען ניט איבעררייסן מיין אַרבעט.

— דו וועסט דאָרט קאָנען אַרבעטן, — איז דאָקטאָר ברוידאָ צו אים צוגעשטאַנען ווייטער, — דיין בעסטע קריטיקע־רין וועט דאָך דאָרט זיין מיט דיר, וועסטו קאָנען לייענען פאַר איר. פאָלג מיך. זיי ניט אַזוי איינגעשפּאַרט. דיר אַליין וועט אויך ניט שאַדן די בערגיקע לופט.

אַניוטאַ האָט אַ לאַך געטאָן מיט איר ברוסטיקן געלעכטער און אַ צופּ געטאָן איר מאַן פאַר אַן אָרעם:

— הער אויף, סיאָמאַ, לאָז אים צורו. זע, ווי צעטומלט ער איז...

דער מאַן האָט איר איבערגעשלאָגן מיט זיכערקייט אינם קול:

— ער וועט פאָרן מיט דיר. ער מוז. דו האָסט אויפגע־הערט צו שלאָפן. און ווען ער וועט פאָרן מיט דיר, וועט דיר דאָרט ניט זיין לאַנגווייליק.

זי האָט ווידער אַ לאַך געטאָן.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז מיט אים וועט מיר ניט זיין לאַנגווייליק?

— פון וואַנען איך ווייס דאָס? דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז ווען דייוו זאָל אויך פאָרן, וועט דיר דאָרט ניט זיין לאַנגווייליק. האָסט פאַרגעסן?

אַז דייוו האָט עס דערהערט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „וואָס דען?"

און ער האָט אַ געשריי געטאָן אין זיינע געדאַנקען צו איר מאַן: „שוטה!"...

דאָקטאָר ברוידאָ האָט זיך דערווייל דערמאָנט וועגן זיינע פּאַציענטן, האָט ער זיך האַסטיק אָנגערופן צו זיין ווייב:

— אַניוטאַ, דו זע, אַז ער זאָל זיך איינפּאַקן און איך וועל פאָרן צו די פּאַציענטן. שפּעטער וועל איך קומען נאָך דיר.

און ער איז אַרויסגעלאָפן.

4

ווען אַניוטאַ איז נאָכדעם פאַרבליבן אַליין מיט דייוון, האָט זי אַרונטערגענומען איר ווייסן הוט פונם שוואַרצן קאָפּ און דאָס דערלאַנגט דייוון מיט די ווערטער:

— נעם צו און זיי ניט אַזוי פאַרצווייפלט.

ער האָט דעם הוט אירן אַוועקגעלייגט אויף אַ דערבייאיקן שטול, פאַררויכערט און איר אויך דערלאַנגט אַ סיגאַרעט און דערנאָך באַמערקט:

— יאָ, איך בין באמת פאַרצווייפלט. און איך האָב שוין געמיינט, אַז וועגן מיין פאָרן מיט דיר וועט מען שוין מער ניט ריידן. און פאַרוואָס שטעלסטו נאָך אים אַרויס, אַז ער זאָל מיך בעטן, איך זאָל מיט דיר פאָרן?

זי האָט געשוויגן, נאָר געקוקט אים גלייך אין די אויגן און געשמייכלט שטיפעריש מיט אירע חן־גריבעלעך.

— איך פאָר ניט! — האָט ער דערנאָך אַ געשריי געטאָן מיט צר־להכעיס אין זיין קול, — פריער בין איך ניט געפאָרן און איצט אויך ניט!

ער האָט געוואָלט עפּעס נאָך זאָגן, אָבער זי האָט אים אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף אַן אַקסל און מיט דער אַנדערער אים אַ גלעט געטאָן שטיפעריש איבער דעם בלאָנדן קאָפּ און געזאָגט:

— ניט מער קיין וואָרט וועגן דעם. איך וויל הערן, וואָס דו האָסט דאָרט אָנגעשריבן. דאָס אינטערעסירט מיך מער, איידער דאָס פאָרן אינגאַנצן!

און טאָקע באַלד האָט ער גענומען לייענען פאַר איר די אָנגעשריבענע קאַפּיטלען. און זי האָט זיך צוגעהערט מיט די זעלביקער התפעלות, וואָס איז אים אַזוי באַקאַנט געווען. איר פּנים האָט זיך טונקל גערויטלט און די שוואַרצע אויגן האָבן זיך ליכטיק געצונדן.

העכער אַ שעה האָט ער געלייענט און זי איז די גאַנצע צייט געזעסן קעגן אים אויף אַ שטול און די אויגן פון אים ניט אַרונטערגענומען. און יעדע ווײַלע האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ קורצע באַמערקונג:

— שיין! וואונדערלעך!

ער האָט דאָס געהערט ווי אין אַ חלום און גליקלעך גע־שמייכלט:

— נו? — האָט ער געפרעגט, ווען ער האָט געענדיקט לייענען.

האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און געקוקט ערגעץ פאַרטראַכט איבער זיין קאָפּ, און נאָכדעם האָט זי געענטפערט:

— ווען מען גיט דאָס מיר לייענען און מען זאָגט מיר ניט, ווער דאָס האָט געשריבן, וואָלט איך גלייך געזאָגט, אַז דאָס האָט געשריבן דייוו. ווייל נאָר דו קאָנסט אַזוי שרייבן. אָט דער וואָרעמער טאָן... דו ווייסט? יעדעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון דיין פעדער, האָט רויטע באַקן און ליכטיקע אויגן...

— ווי שיין, אַניוטאַ! — וואָס פאַר אַ וואונדערלע־כער אויסדרוק! ווי איז דאָס דיר איינגעפאַלן?

— איך ווייס ניט, צי האָב איך דאָס וועגן דעם געלייענט, צי איך האָב דאָס געהערט, אַז ווערטער אין קינסטלערישע ווערק זיינען לעבעדיקע באַשעפענישן, און אויב זיי זיינען דאָס, האָבן דיינע ווערטער רויטע באַקן און ליכטיקע אויגן — האָט זי געענטפערט און געשמייכלט צו אים פאַרטראַכט און כישופדיק מיט אירע פולע, זאַפטיקע ליפּן און מיט די חן־גריבעלעך אויפן טונקעלן, צעצונדענעם פּנים.

דייוו איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון אירע רייד, אַז ער האָט זי שטורמיש אַ קוש געטאָן.

— דו ביסט אַזאַ וואוילע, — האָט ער האַרציק געזאָגט, — און ליטעראַטור פאַרשטייסטו אַזוי פיין און דיק. ווען דו זאָלסט נאָר וועלן, אַז דערביי זאָל דאָס בלייבן...

איז אַ שאָטן דעמאָלט דורכגעלאָפן איבער איר פּנים און אין די אויגן ביי איר האָט זיך אויסגעלאָשן. זי האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, דייוו?

— איך מוז.

— וואָס מוזטו, דייוו? און פאַרוואָס מוזטו? איז דאָס ניט אַ שיין געפיל? ערשט ביזטו דאָך געווען אַזוי קלוג. אַזאַ פיינע פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן און פאַרן לעבן האָסטו אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס דו האָסט פאַר מיר געלייענט, און פאַר מיר האָסטו קיין שום פאַרשטענדעניש. הויבסט דאָך ניט אָן מיך צו פאַרשטיין, דייוו. ווי אַ נאַאיווו קינד רעדסטו צו מיר, ניט גאָר ווי אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער מאַן...

ער האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן. נאָכדעם האָט ער, אַ נערוועזער, פון צווישן די פּאַפּיר אויפן טיש אַרויסגעשלעפּט אַ פּיפּקע און גענומען זי רייניקן מיט אַ העלצל און אַלץ געשוויגן, ביז ער האָט די פּיפּקע פאַררויכערט. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען פונם אָרט מיט דער פּיפּקע אינם מויל און איז אַוועק שפּרייזן איבערן צימער. אַניוטאַ האָט אויך פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און זי האָט נאָכגעקוקט דייוון.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר און געזאָגט:

— אַניוטאַ, דאָס איז ביי דיר אַ געפיל אויף אַ מאָמענט, פון וועלכן דו וועסט זיך פריער אָדער שפּעטער אויסניכטערן, דעמאָלט וועסטו מיר דאַנקען.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר נעענטער און האָט אַרויפ-

געלייגט אַ האַנט צו איר אויף אַן אַקסל און געקוקט אויף איר וואַרים און כמעט מיט געבעט:

— אַניוטאַ, מיר איז דאָס אויך ניט לייכט, גלויב מיר. איך מוז אָבער... איך מוז דאָס באַקעמפן... איך קאָן זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז איך און סיאָמאַ זאָלן אַמאָל ווערן שונאים. און צו דעם מוז עס פירן!

אין די אויגן ביי איר האָט אַ פלאַקער געטאָן און זיך באַלד ווידער פאַרלאָשן.

— פאַרוואָס מוז דאָס פירן צו דעם? — איז זי אויפֿגעשטאַנען פון איר אָרט און זיך אַ צי געטאָן אין איר גאַנצן הויכן און שלאַנקן וואוקס און אים אָנגעקוקט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל. — פאַרוואָס, דייוו?

און אַז ער האָט ניט געענטפערט, האָט זי נערוועז אַריינגעוואָרפן איר סיגאַרעט אין דער אַשניצע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען דערביי אויפן שרייבטיש, און אַ זיפץ געטאָן:

— איך וועל גיין.

— דו וועסט ניט וואַרטן אויף דיין מאַן? — האָט דייוו געפרעגט.

— ער וועט דעם וועג טרעפן אָן מיר.

— איך זע, אַז דו ביסט בייז, אַניוטאַ.

— איך בין בייז אויף זיך אַליין. איך האָב געדאַרפט וויסן, אַז איך בין פאַר דיר ניט מער ווי אַ לעזערין.

— דו האָסט אַ טעות, אַניוטאַ.

ער איז אַוועק ווייטער שפּרייזן איבערן צימער און האָט זיך באַלד ווידער אָפּגעשטעלט פאַר איר.

— נו, גוט. איכל מיט דיר ריידן אָפן. ניט בלויז אַ לעזערין ביזטו פאַר מיר, נאָר מיין מוזע, מיין באַגייסטערונג. אָט האָב איך דיר איצט געלייענט. ווען דיר וואָלט דאָס ניט געפעלן געוואָרן, וואָלט איך ווייטער דאָס ניט געקענט שרייבן... און די אַרבעט האָב איך פאַרטראַכט, האָבנדיק דיך אינם זינען.

און ווען איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן, האָב איך געהאַט אינם זינען דיך, נאָר דיך אַליין... פאַר דיר האָב איך דאָס געשריבן און פאַר דיר שרייב איך די גאַנצע צייט פאַר די לעצטע פאַר יאָר!...

די אויגן ביי אַניוטאַן האָבן זיך ווידער צעלויכטן און זי האָט אַריינגענומען אַ האַנט זיינע אין אירע ביידע, און גלעטנדיק זי, האָט זי זיך אָנגערופן שטיל, מיט אַן אַ שיעור צערטלעכקייט אין איר קול:

— דאָס ווייס איך, די גאַנצע צייט האָב איך דאָס געפילט. דאָס האָט מיר פאַרשאַפט אַן אַ שיעור גליק און איך דאַנק דיר דערפאַר...

און מיטאַמאָל האָט זי אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון אירער און אַ פרעג געטאָן:

— ווי לאַנג, דענקסטו, וועסטו נאָך דאַרפן אַרבעטן אויף דער דערציילונג?

— אַ פאָר וואָכן, אַן ערך...

— וועסטו פאָרן מיט מיר און דו וועסטו זי פאַרענדיקן דאָרט אין די בערג.

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— ווידער? באַשטייסט נאָך אַלץ אויף דעם?...

— יאָ, איך באַשטיי אויף דעם, — האָט זי געענטפערט, — ווייל איך וויל דיך ניט זען אין אַזאַ לעכערלעכער לאַגע. וואָס האָסטו מורא פאַר מיר? דו ביסט ניט קיין קינד, דו ביסט אַ דערוואַקסענער, קלוגער מאַן און קעגן דיין ווילן קען קיין זאַך ניט געשען.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן ווידער מיט אַ קלאַפנדיקן האַרצן:

„זאָל איך זאָגן — יאָ? זאָל איך זאָגן — ניין?"

און טיף אינם האַרצן האָט זיך געצאַפּלט אַ ברענענדיקער

פֿאַרלאַנג, אַז ער זאָל זאָגן „יאָ״, און צום סוף האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— און, באמת, עס איז טאַקע לעכערלעך. מיר טרעפֿן זיך אַזוי לאַנג און צווישן אונדז איז גאָרנישט געשען, פֿאַרוואָס זאָל דאָרט יאָ געשען? גוט, מיר פֿאָרן. איך בין ניט קיין יינגל!...

און שפּעטער, ווען דאָקטאָר ברוידאָ איז געקומען נאָך אַניר־טאָן, איז דייווס וואַליז שוין דאָרטן געשטאַנען אַן איינגע־פּאַקטער...

5

אויף מאָרגן זײַנען אַניוטאָ און דייוו אַוועקגעפֿאָרן אין די בערג, אין פּענסילווייניע, אויף אַ פֿאַרם, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ מייל אַכט פֿון אַן אייזנבאַן. דעמדאָזיקן פּלאַץ האָט אַניוטאַן רעקאָמענדירט אַ לערערין פֿון איר שול.

אַ זומער־רעגן האָט געגאָסן, ווען אַניוטאָ מיט דייוון זײַנען אַרויס פֿונעם וואַגאָן מיט זייערע וואַליזעס אויף דער סטאַנציע, וואו דער פֿאַרמער האָט געדאַרפֿט וואַרטן אויף זיי מיט זײַן מאַשין.

דער רעגן איז געווען אַ וואַרעמער און אַ ליכטיקער, און געפֿאַלן איז ער מיט גערויש אין גלײַכע שורות. און געדאַכט האָט זיך, אַז די שײַנענדיקע זון גיסט וואַרעמע זילבערנע שטראַלן אויף דער ערד. און באַלד האָט דעמדאָזיקן ליכ־טיקן רעגן פֿון איין זײַט הימל דורכגעשניטן אַ רויט־בלוי־פּוד־ווייסער פּאַס פֿון רעגנבויגן, און עס האָט אַ גאָס געטאָן נאָך שטאַרקער...

אַן אַלטער פֿאַרמער מיט אַ ווייסער באָרד און אָפּגע־גאָלטע וואָנצעס, אַ מאָגערער, מיט אַ פּנים און הענט פֿון ערד־קאָליר, מיט אַ צעקנייטשטן האַלדז, איז צוגעגאַנגען צו

זיי און האָט אַ פרעג געטאָן כמעט מיט אַ גלייכגילטיקער מינע, צי זיי זיינען די געסט, אויף וועלכע ער וואַרט. נאָכדעם האָט ער גענומען זייערע וואַליזעס און אַריינגעלייגט אין אַ וואָגן, וואָס איז מיט לעדער אַרומגעהאַנגען געווען און וואָס איז געשטאַנען דערביי מיט צוויי שוואַרצע, נאַסע פערד, און ער האָט געהייסן זיינע געסט זיך זעצן אין וואָגן.

דער אַלטער פּאַרמער האָט שטיל געזאָגט:

— מיין פּאָרד אַרבעט ניט, האָב איך איינגעשפּאַנט די פערד.

באַלד זיינען זיי געפאָרן. דער פּאַרמער איז געזעסן אויף זיין קעלניע אויסגעבויגן מיטן צעקנייטשטן נאַקן פון ערד־קאָליר צו זיינע געסט. דאָס דעכל פונם וואָגן האָט אים באַשיצט פון דעם זוניקן גוס־רעגן.

אַניוטאַ און דייוו זיינען געזעסן איינע לעבן די אַנדערע. דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, און פּלוצלונג האָבן זיי זיך ביידע גליקלעך צעלאַכט, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

דער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שוואַרצע לעדערנע פאַר־האַנגען פון ביידע זייטן: „טיק־טאַק, טיק־טאַק!״

— ווי שיין! — האָט אויסגעפּליסטערט דערנאָך אַניוטאַ.

— ווי אין אַ נייער וועלט! — האָט אויך דייוו שטיל זיך אָנגערופן און אין די גרויע אויגן זיינע האָט זיך אָפּגעטונקט פרייד.

און מיטאַמאָל האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער פּאַר־מער האָט אָפּגעשטעלט זיינע פערד און איז אַרונטערגעקראָכן פון דער קעלניע און האָט אַרונטערגענומען די לעדערנע פאַר־האַנגען פון אַרום דעם וואָגן.

דעמאָלט האָט אַניוטאַ און דייוו זיך דערזען אין מיטן פון אַ רעגנבויגן, וואָס האָט ווי מיט זינגענדיקע קאָלירן זיך אויפגעהויבן פון איין ברעג הימל, ווי פון ערגעץ אַ טאָל דאָרט אַרויסגעקראָכן, און האָט זיך צעוויקלט איבער דער גאַנ־

צער ברייט פון בלויען הימלשן שטח האַלב־רונד איבער די קעפ פון די בערג און איבער די קעפ פון די בוימער, און מיט זיינע רויט־בלויע און פּוך־ווייסע שפּיצן זיך אַריינגעזעצט ערגעץ ווייט הינטער דעם אַנדערן עק הימל אין אַ ווייטן טאָל...

און אַ צווייטער רעגנבויגן, אַ בלייכערער, זיין שאָטן, האָט אָפּגעשלאָגן פון אים אין דער דורכזיכטיקער לופט, ווי אין אַ שפּיגל...

אַניוטאַ און דייוו זיינען געבליבן זיצן ווי פאַרכישופטע, מיט צעשטראַלטע אויגן.

די ווייטע בערג האָבן זיך גערויכערט אונטער דעמדאָזיקן רעגנבויגן. און דאָרט, וואו זיי האָבן זיך ניט גערויכערט, האָבן זיי געשטראַלט מיט ווייכער, סאַמעטענער גרינקייט. און מיט אַזאַ גרינקייט האָבן אויך געלויכטן די בוימער, דאָס גראָז אַרוםביידע זייטן וועג און די ווייטע לאָנקעס דאָרט, אונטער די בערג...

אַניוטאַ האָט אַרויסגעמורמלט אַ באַגייסטערטע:

— און דו האָסט ניט געוואָלט פאָרן!

דייוו האָט געשוויגן. ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט די נאַטור. איז ער אינגאַנצן איצט פאַרכאַפּט געווען פון איר און מיט זיינע אויגן און מיט זיין יעדן געפיל האָט ער זיך אַריינגעזויגט אין דער אַרומיקער וואַרעמער און לאַשטשענדיקער גרינקייט...

דער רעגנבויגן איז שוין געווען אויסגעלאָשן, נאָר אַ בלייכער שאָטן פון אים האָט נאָך אין דער לופט געציטערט. דער וואָגן האָט זיך געטראָגן באַרג־אַרונטעראיבער אַ גלייכן, ווייסן וועג דורך וואַלד און פאַרביי לאָנקעס, און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען שלעפּן באַרג־אַרויף. די פערד האָבן גענומען שוויצן און גלאַנצן און דער פאַרמער האָט זיי יעדע ווילע אָפּגעשטעלט.

און שפּעטער איז דער וועג ווידער אַוועק אַ גלייכער צווישן

אַ טונקעלן וואַלד און די פערד האָבן זיך אָוועקגעלאָזט שנעלער. אַ שטאַרקער, פרישער הויך האָט זיך געטראָגן פון די בוימער, וואָס זיינען איצט, נאָכן רעגן, געשטאַנען ווי אויסגעוואַשענע. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ פריילעך סווישטשען פון אַ פויגל, וואָס האָט זיינע פליגל אויף אַ בוים געטריקנט.

דייוו האָט זיך דערנאָך צערעדט מיטן פאַרמער. דער אַל־טער פאַרמער, מיט דער ווייסער באָרד און אָן וואָנצעס, האָט געענטפערט קורץ און ווי אָן חשק.

ער איז געווען אַ „פענסילוויינער דאַטש״, האָט געוואוינט אויף זיין פאַרם העכער פופציק יאָר. אַלע זיינע קינדער, פיר זין און דריי טעכטער, האָט ער אויסגעגעבן און זיי אַלע האָבן פאַרמאָגט באַזונדערע פאַרמס.

בעת דעמדאָזיקן שמועס איז אַניוטאַ געזעסן און געקוקט פאַר זיך מיט פאַרטראַכטע אויגן און האָט זיך ניט צוגע־הערט צו דעם, וואָס דייוו מיט דעם פאַרמער האָבן גערעדט.

זי האָט זיך ערשט ווידער אַ כאַפּ געטאָן, ווען דער וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן אַ ווייס הויז מיט אַ רויטן דאַך, וואו אַ יונגע פאַרמערקע, מיט אַ ווייסן הייבל אויפן קאָפּ, איז גע־שטאַנען און האָט געשאָטן קערנער פון אַ זיפּ אויף דער ערד, און פון אַלע זייטן זיינען געלאָפן הינער און הענדלעך, אַלץ ווייסע, ציכטיקע, אין די הונדערטער, און האָבן אויפגעפּיקעט די הערנער.

— אָך, זע! — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, — וואָס פאַר אַ נחת עס איז צו קוקן אויף דעם! דייוו, זע נאָר, אַלע ווי ווייסע טייבעלעך!

און פּלוצים האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— ציפּ־ציפּ־ציפּ!

דער פאַרמער האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „זע נאָר פון וואָס די שטאָטישע ליידיקגייער ווערן נתפּעל״.

דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט. אין דער לופט האָבן אָנגעהויבן שוועבן שאָטנס. די זון איז אונטערגעגאַנגען. דער וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן אַ היבשע אָזערע. דער אַלטער פאַר־מער האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס איז מיין טייך. באַלד זיינען מיר אין דער היים.

— מאָרגן וועל איך זיך דאָ באָדן, — האָט אַניוטאַ באַ־מערקט.

פון צווישן די ביימער איז אַרויסגעשוואומען אַ ווייסע הויז מיט אַ ווייסן גאַנעק און מיט אַ גרינעם דאַך. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעמדאָזיקן הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ גערטנדל מיט בלומען, צווישן וועל־כע דאָסדאָזיקע הויז מיט זיין ווייסקייט און ציכטיקייט און מיט דעם גרינעם דאַך האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ גרויסע בלום מיט אַ גרינעם קאָפּ.

דער פאַרמער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

——— מיר זיינען אינדערהיים...

6

שפּעטער האָט דעם פאַרמערס ווייב, אַ מאָגערע אַלטע פרוי, אַ קליינינקע, מיט אַ פאַרברוינטן פאַרמעט־פּנים, אָבער מיט זייער אַ ציכטיקן אויסזען, זיי אַריינגעפירט אין באַזונ־דערע צימערן אויפן ערשטן שטאָק. (אַניוטאַ האָט איר געזאָגט, אַז זיי זיינען געווען ברודער און שוועסטער). די צימערן, יע־דער מיט דריי פענצטער, האָבן ממש אַרויסגעאָטעמט זויבער־קייט און די בעטן האָבן געבלאַנקט פאַר ציכטיקער ווייסקייט.

באַלד האָט דער פאַרמער אַריינגעבראַכט זייערע וואַליזעס און סיי דייוו אין זיין צימער און סיי אַניוטאַ אין אירן האָבן זיך גענומען אויספּאַקן.

אין די צימערן ביי זיי איז געשטאַנען אַ ווייסער קרוג

מיט וואַסער און אַ שיסל און אויך פריש־אויסגעפּרעסטע האַנטו־כער זיינען דאָרט געהאַנגען איבער דעם ווענטל פון אַ ביוראָ.

אַן ערך אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דייוו, אַן איינ־געוואַשענער און אַן אָפּגעפרישטער, אַנגעקלאַפּט צו אַניוטאַן אין דער טיר און זי האָט אים געעפנט.

זי איז דאָרט געשטאַנען אין אַ קימאָנאָ מיט צעלאָזטע האָר ביים שפּיגל און האָט זיך געקאַמט. איר פּנים איז אויך גע־ווען אָפּגעפרישט פון דעם קאַלטן וואַסער און איז געווען איין פריילעכער שמייכל.

— זע אַ ביסל אַ ציכטיקייט! — האָט זי געזאָגט, — אין אַ האָטעל מיט די בעסטע איינריכטונגען וואָלט מען זיך ניט געקענט פילן אַזוי אַנגענעם, ווי דאָ. איך וועל מאָרגן אָנ־שרייבן לילין אַ בריוו. איך וועל איר באַדאַנקען, פאַרוואָס זי האָט מיר רעקאָמענדירט דעם פלאַץ.

— יאָ, באמת אַ שיינער פלאַץ, — האָט דייוו זיך אָנ־גערופן און געטראַכט דערביי וועגן אירע האָר, און זיך גע־וואונדערט, וואָס ער האָט ביז אַהער קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז זיי זיינען געווען אַזוי געדיכט און אַזוי שוואַרץ און אַזוי לאַנג.

— דו האָסט זיך שוין אויסגעפּאַקט? — האָט אַניוטאַ נאָכדעם אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, אויסגעפּאַקט און אַלץ שוין אַוועקגעלייגט אויף אַן אָרט.

— און איך האָב זיך געקליבן דיר גיין העלפן. גיי, דייוו, וואַרט דאָרט אויף מיר אויפן גאַנעק. איך וועל זיך אָנ־טאָן און באַלד אַרונטערקומען.

אָנשטאָט אויפן גאַנעק, איז ער אַוועק צוריק צו זיך אין צימער.

און זייענדיק איצט ביי זיך אינם צימער, האָט ער גע־

פילט, אַז ערשט איצט וועט זיך ביי אים אָנהויבן דער ריכטי־קער קאַמף...

ער האָט צו זיך אָבער נאָכדעם געזאָגט: אויב עס האָט דאָרט אין שטאָט ביזאָהער קיין זאַך צווישן זיי ניט געטראָפן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל טרעפן, וועט דאָ אויך ניט טרעפן, ווייל ער וועט ניט וועלן....

שפּעטער זיינען זיי ביידע אַרונטערגעגאַנגען עסן. אַחוץ זיי זיינען געווען דאָרט נאָך צוויי אַנדערע געסט — אַן אַל־טער קריסט און זיין פרוי. זיי האָבן זיך צערעדט מיט יענע אויף אַ שטילן און העפלעכן אופן וועגן וועטער און וועגן דער דאָרטיקער שיינער געגנט.

נאָכדעם זיינען זיי אַרויס אויפן גאַנעק.

די לופט איז געווען אַזוי מילד. נאָכן זון־אונטערגאַנג האָט איין זייט הימל געגרויט און געטונקלט און די אַנדערע זייט, קעגן גאַנעק, איז געווען ווי מיט ראָזעווען מוטערפּערל אויסגעפּלאַסטערט.

אַניוטאַ האָט פאַרגעלייגט דייוון צו כאַפּן אַ שפּאַציר און ער איז אַוועק מיט איר.

אין פראָנט פון הויז זיינען געלאָפן צוויי וועגן: איינער, דער דורכפאָר־וועג, איבער וועלכן זיי זיינען אַוועק, האָט גע־פירט צו די אַנדערע בנינים פון דער פאַרם — צו אַ רויטן שייער מיט אָפענע טירן, פון וועלכע אַ וואָגן מיט שטרוי האָט אַרויסגעקוקט, און צו אַ רויטער שטאַל, וואָס איז איצט געווען ליידיק.

הינטערן שטאַל איז געשטאַנען אַ הינער־שטיבל און פון דאָרט האָט זיך געהערט אַ הינערשער פּאַדען.

עטלעכע קי זיינען אָנגעקומען מיט אַ קלינגען. איינע פון זיי האָט געטראָגן אַ גלעקל אויפן האַלדז. אַ קודלאַטער הונט, ווי אַ שעפּס, האָט זיי געטריבן. די קי האָבן זיך אָפּגעשטעלט

לעבן שטאַל און דער קודלאַטער הונט איז אַוועקגעלאָפן צום הויז.

אַניוטאַ האָט געקוואַלן.

— אַך, ווי אַנדערש דאָ איז, ווי אין שטאָט! איז דאָס ניט אַ דערפרישונג? און דו האָסט ניט געוואָלט פאָרן! — האָט זי גערעדט.

ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל:

— יאָ, דאָ איז גאַנץ אַנדערש, גאַנץ אַנדערש. ביזטו ניט מיד, אַניוטאַ?

— איך מיד? הלוואַי איז דאָ ערגעץ נאָענט אַ האָטעל מיט אַ קאַסינאָ, וואָלט איך געגאַנגען אַהין טאַנצן. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל ניט געפילט מער פריש ווי איצט.

און זי האָט אים אַ פּאַק געטאָן אונטערן אָרעם און אים אַ ציִ געטאָן נאָך זיך.

— קום זען, וואָס איז דאָרט פאַר אַ סאָד!

און זיי זיינען אַוועק צום גאָרטן איבערן וועג.

דערדאָזיקער פרוכט־גאָרטן האָט זיך געצויגן צווישן הויכן גראָז אַלץ העכער און העכער באַרג־אַרויף, ביז צו אַ פּאַרקאַן פון צונויפגעלייגטע קופּעס שטיינער, און נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווייס פעלד מיט גריטשקע (באָקוויט).

ווי מיליאָנען ווייסע זומער־פייגעלעך וואָלטן דאָרטן אויסגעשפּרייט זייערע פליגעלעך אויפן פעלד אײנס לעבן אַנדערן און וואָלטן אַזוי איינגעדרימלט אונטער דעם פאַרנאַכטיקן הימל.

דייוו האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס וואַקסט עס דאָרט אויפן פעלד, ווי ווייסע בלומען?

אַניוטאַ האָט גראָד געוואוסט, וואָס דאָרט האָט געוואַקסן, און זי האָט אים געזאָגט.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט:

— מיר וועלן דאָ אַ ווײַלע זיצן.

און זי האָט זיך פֿלינק אַ הויב געטאָן און אַרויפֿגעזעצט אויף דעם שטיינערנעם פּאַרקאַן. ער האָט איר נאָכגעטאָן. אַזוי זײַנען זיי געזעסן אַ שטיקל צײַט און האָבן געשוויגן.

אַ גרויסער פֿויגל איז פֿאַרבײַגעפֿלויגן אָן אַ געשריי, ווי אַ שוואַרצער שאָטן דורך דער לופֿט. אַ שטילער, גאַנץ שטילער זשומען פֿון אינסעקטן האָט זיך דערהערט.

ער האָט זי געוואָלט צוציען צו זיך. זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים:

— העי, העי, — האָט זי שטיל און שטיפֿעריש געזאָגט,

— מען טאָר ניט!...

האָט ער פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעט און גענומען פּייפֿן.

— פֿאַרוואָס גיסטו מיר אויך ניט קיין סיגאַרעט?

און באַלד האָט זי אויך גערויכערט.

ער האָט נאָך געפּייפֿט, אַלץ מער נערוועז.

— פֿון וואָס טראַכסטו און וואָס פּייפֿסטו? — האָט אַניוטאַ אַ לאַך געטאָן, — זאָג עפּעס, דייוו, רייד אויס אַ וואָרט. אָדער, ווייסטו גאָר וואָס? זינג עפּעס! זינג דאָס לידל, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געהערט אינם יידישן טעאַטער. דו געדענקסט?

און זי האָט גענומען זינגען שטיל:

„וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אים ליב?"...

ער האָט איר איבערגעשלאָגן:

— הער אויף! קום בעסער.

— וואוהין?

— קום צום גאַנעק! קום שפּאַצירן!

— דאָ איז גוט צו זיצן.

— ניין. קום בעסער אַוועק פֿון דאַנען, — האָט ער געזאָגט, און איז אַרונטערגעשפּרונגען פֿונם פּאַרקאַן אויפֿן גראָז, וואָס איז שוין פֿײַכט געווען פֿון טוי.

— דאָ זיץ איך, גיי אַליין, אויב דו ווילסט! — האָט זי דערקלערט פאַרעקשנט.

ער האָט אַרויסגעמורמלט ווי צו זיך אַליין:

— וואָס פאַר אַן אומעט! ניט געדאַרפט פאָרן...

האָט זי ווידער אַ לאַך געטאָן:

— וואָס פאַר אַ טשיקאָווער מענטש דו ביסט.

ער האָט זיך האַסטיק געלאָזט גיין. באַלד אָבער האָט ער זיך צוריקגעקערט און מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט, האָט ער געזאָגט:

— איך פאָר מאָרגן צוריק. גאַנץ פרי פּאַק איך זיך איין.

זי האָט ווידער אויסגעזונגען שטיפעריש:

„וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אים ליב?"... און זיך איבערגעשלאָגן:

— אַזאַ העלד ביסטו? האָסט זיך דערשראָקן און ווילסט מאַכן פּליטה. דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז ווען דו וועסט ניט וועלן, קען קיין זאַך ניט געשען.

ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— הער אויף, רייץ זיך ניט מיט מיר. יאָ, מאָרגן פאָר איך באַשטימט.

דערווייל איז פינצטער געוואָרן. מיטאַמאָל האָט פון דעם פאַרטויעטן גראָז אַרויסגעשאָסן אַ פייערדיקער פונק און באַלד נאָך איינער און נאָך איינער. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט יעדעס גרעזעלע אינם גאָרטן געשאָסן מיט דידאָזיקע פונקען.

זיי האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, געצונדן זיך אויף די צווייגן פון די ביימער, געפאַלן צוריק אויף דעם גראָז און געטאַנצט דאָרט און געשפרונגען.

— דייוו, זע! — האָט זיך ביי אַניוטאַן אַרויסגעריסן.

— פייער־פליגעלעך! און טו אַ קוק אַהין אויפן פעלד מיט דער ווייסער גריטשקע!

און דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַן אמתע וואַקכאַנאַליע. דאָס גאַנצע פעלד איז געווען פאַרפלייצט פון דידאָזיקע פייערדיקע פונקען, וואָס האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען און זיך גע־פלייסט, האָט זיך געדאַכט, אָנצוצינדן מיט זייערע פייערלעך דאָס פעלד.

— וואָס פאַר אַ בילד! — האָט דייוו פאַרטראַכט זיך אָנגערופן. און פּלוצלונג איז אים איינגעפאַלן, אַז אויך אַזעלכע פונקען בושעווען און טומלען אין אים און צינדן זיין בלוט און וועקן זיינע פאַרלאַנגען.

— קום, אַניוטאַ, קום, לאָמיר גיין! — האָט ער זיך אָנגערופן שטיל און הייזעריקלעך.

אָבער זי איז געבליבן זיצן אויפן פאַרקאַן און האָט גע־ענטפערט:

— איך וועל דאָ בלייבן.

איז ער דעמאָלט אַוועק אַליין צום הויז צו. אַרום איז גע־ווען פינצטער, נאָר דער גאַנעק פונם הויז איז באַלויכטן געווען. אויפן גאַנעק איז קיינער ניט געווען. איז דייוו אַ ווײַלע גע־זעסן אויפן גאַנעק, און נאָכדעם איז ער אַוועק צו זיך אין צי־מער און, ניט אָנצינדנדיק קיין פייער, האָט ער זיך אַוועקגע־לייגט אויפן בעט.

יאָ, ער וועט מאָרגן פאָרן צוריק. ער האָט פריער גע־פילט, אַז ער דאַרף ניט פאָרן. ער האָט זיך אָבער געלאָזט איינ־ריידן. איינריידן? אפשר גאָר זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם אייגענעם געפיל, פון דעם אייגענעם פאַרלאַנג?... יאָ, יאָ, ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם אייגענעם פאַרלאַנג, וואָ־רים די גאַנצע צייט קומט דאָך אים אויס צו פירן אַ קאַמף קעגן דעם!...

ער איז אויפגעשטאַנען פונם בעט, האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און איז אַוועק שפּרייזן איבערן פינצטערן צימער.

סיאָמאַ איז זיין חבר פון קינדווייז אָן, — האָט ער

געטראַכט ווייטער, — אין איין חדר מיט אים געלערנט און דערנאָך אין איין גימנאַזיע אין זשיטאָמיר, און נאָך דער רע־וואָלוציע און נאָך די פּאָגראָמען אינאיינעם מיט אים געקו־מען אַהער קיין אַמעריקע... און דאָ אויך כמעט שטענדיק געווען צוזאַמען, אַפילו ווען סיאָמאָ איז דאָ געוואָרן דאָקטאָר ברוידאָ און ער, דייוו, אַ לערער אין אַן עלעמענטאַרער שול. און ווען ער, דייוו, איז שפּעטער געוואָרן אַן ענגלישער שריפט־שטעלער, איז זיין פריינט סיאָמאָ און סיאָמאָס ווייב, אַניוטאָ, אַלעמאָל געווען די ערשטע, פאַר וועמען ער האָט זיינע זאַכן געלייענט, איידער זיי זיינען נאָך אָפּגעדרוקט געווען.

7

ער האָט דערהערט אַ קלאַפּן אין זיין טיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון שלאָף.

— איך, דייוו! — האָט געענטפערט אַניוטאָס קול.

ער האָט געעפנט די טיר.

— פאַרוואָס אין דער פינצטער?

— מיר איז אומעטיק, אַניוטאָ.

— דערפאַר זיצסטו אין דער פינצטער?

— אַניוטאָ, צו־וואָס האָסטו מיך געשלעפּט אַהער?

— געשלעפּט? וואָס הייסט — געשלעפּט? ביזט דען אַ קינד?

זי האָט אָנגעצונדן די עלעקטרי, אַ קוק געטאָן אויף דייוון און זיך צעלאַכט.

— טאַקע געדאַרפט דיך לאָזן זיצן אין ניו יאָרק, ווי דו זעסט, נעבעך, אויס!...

דעמאָלט, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף אים מיט לאַכעדיקע אויגן, איז ער מיטאַמאָל צוגעגאַנגען

צו איר און זי: אַ פּאַק געטאָן פֿאַר אַ האַנט און אַרויסגערעדט מיט אַ קול, וואָס האָט זיך געוואָרגן ביי אים אין האַלדז:

— רייד ניט אַזוי, רייד ניט אַזוי, דו וועסט נאָכדעם חרטה האָבן...

— קוועטשט ניט אַזוי מיין האַנט, משוגענער!

און דאָ האָט ער זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און איז צו־געפּאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע. און ער האָט געפילט ווי ער און זי — ביידע — האָבן זיך געצאַפּלט... ער האָט זיך אי־בערגעוואָרפן אַ ריס געטאָן פון איר און זי אַרויסגעשטופּט פון זיין צימער: „גיי! גיי!״ — און ער האָט צוגעשלאָסן די טיר.

דעם גאַנצן אָוונט דערנאָך איז ער געזעסן אין זיין צי־מער. ער האָט געפּרוּווט לייענען אַ בוך און געטראַכט וועגן אַניוטאַן, ביז ער האָט צום סוף דעם בוך אַוועקגעלייגט. נאָכ־דעם האָט ער געפּרוּווט טראַכטן וועגן דער דערציילונג, וואָס ער האָט געשריבן, אָבער אַפילו דאָס האָט ער איצט אויך ניט געקענט. אַזוי פאַרכאַפּט איז ער געווען פון אַניוטאַן און אַזוי אויפגערעגט איז ער געווען.

אַ זייגער עלף איז ער אַוועק שלאָפן. ער האָט אָבער ניט גע־קענט איינשלאָפן. ער האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן פאַר זיך אין דעם פינצטערן צימער און געזען אַניוטאַן.

„מאָרגן פאָר איך״ — האָט ער זיך ווידער געזאָגט צום צענטן, צום צוואַנציקסטן מאָל אין אָט דעם אָוונט, — משוגע ווער איך!...

שפּעטער איז די לבנה אויפגעגאַנגען און אַלע דריי פענצ־טער פון זיין צימער האָט זיך אַ מאַטע ליכטיקייט אַריינגעגאָסן.

דייוו איז אַרונטער פונם בעט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט. אין דרויסן האָט זיך אַלצ־דינג געבאָדן אין לבנה־שיין — סיי די לאָנקעס, סיי די בוי־מער און סיי די אַרומיקע בנינים. קיין קלאַנג, קיין פּיפּס,

אַ טיפע שטילקייט איז געוועזן אַרום, שטיל און כישופדיק, ווי די לבנה־שיין אַליין...

אין דערדאָזיקער שטילקייט האָט זיך געלאָזט הערן נאָך העכער דאָס קול פון זיין אַנגעצונדענעם בלוט...

און מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן:

איינגעטלעך, וואָס טוט זיך דאָ? ער האָט ליב זיין פריינט סיאָמאָס ווייב... זי האָט אים אויך ליב... זיי זיינען שוין לאַנג פאַרליבט איינער אין אַנדערן. זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט... זיי האָבן דאָס ניט געזוכט... זיי האָבן געקעמפט קעגן דעם... געקעמפט ביטער... נאָר עס האָט ניט געהאָלפן... ער איז כמעט קראַנק געוואָרן... קיין רו קאָן ער זיך ניט געפינען... זי איז נערוועז... זי קען ניט שלאָפן... ער, סיאָמאָ, ווייסט דאָך דאָס אַליין... דערפאַר האָט ער דאָך זי איצט געשיקט אין די בערג... נו, וואָס זאָל מען טאָן איז אַזאַ פאַל? ער איז אַ דאָקטאָר... זאָל ער אַליין זאָגן!...

און ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, וואָס דערזעט פלוצים פאַר זיך דעם וועג, אַזוי האָט זיך דייוו מיטאַמאָל איצט דערפרייט.

ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— עס איז דאָך אַזוי קלאָר. נאָר אַ ייִנגל קאָן אַזוי קעמפן און זיך ראַנגלען קעגן אַזאַ נאַטירלעכן געפיל.

און אין זיינע געדאַנקען האָט ער גערעדט צו זיין פריינט:

— סיאָמאָ, איך האָף, אַז דו ביסט דערוואַקסן צו דעם. אַז דו וועסט עס זען אין דעם ריכטיקן ליכט, ווי יעדער מאָדערנער מענטש דאַרף אַזאַ געשעעניש זען. צעשיידט זיך און זאָל עס ניט שטערן אונדזער פריינטשאַפט...

ער האָט זיך צוריקגעלייגט אויפן בעט.

„און טאָמער ביזטו פאַרעקשנט, — האָט ער געטראַכט ווייטער, — בין איך ניט שולדיק. באַטריגן האָב איך דיך ניט געוואָלט, אָבער מקריב זיין זיך פאַר דיר בין איך ניט מחויב!"

ער האָט דערהערט אַ שאָרשקען פון יענער זייט טיר.

האָט זיך דאָס אים אויסגעוויזן? ער האָט זיך ווייטער איינ־געהערט — שטיל. ניין, דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן.

ער איז אַרונטער פונם בעט שטיל, ווי גנבנדיק זיך, און אינם האַרצן האָט אים גענומען האַקן. צוגעגאַנגען צו דער פאַר־שלאָסענער טיר און האָט געפרעגט שטיל, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— ווער איז דאָרט?

קיין ענטפער.

האָט ער אויפגעשלאָסן די טיר. קיינער איז דאָרט ניט גע־ווען. דער קאָרידאָר איז באַלויכטן געווען פון אַן עלעקטרישן לעמפל. דייווס אויגן זיינען געפאַלן אויף יענער טיר, הינטער וועלכער אַניוטאַ האָט זיך געפונען. ער האָט אַ קוק געטאָן אַהין, אינם האַרצן האָט אים גענומען נאָך מער קלאַפּן.

און פלוצים האָט אים עפּעס אַ צי געטאָן, אַ שלעפּ גע־טאָן, און ער האָט גענומען זיך גנבענען מיט שטילע, ווייכע טריט צו יענער טיר, און וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צו איר, אַלץ מער האָט אים דער אָטעם פאַרכאַפּט. נאָכדעם אָבער, אַז ער איז צוגעקומען צו אַניוטאַס צימער, האָט ער מיט אַמאָל פאַרלאָרן דעם מוט און איז אַוועק צוריק צו זיך אין צימער.

דאָרט איז ער לאַנג ניט פאַרבליבן. ער איז געווען ווי פאַר־שיכורט... און אַז ער האָט זיך ווידער צוגעגנבעט מיט אַ קלאַפּנ־דיקן האַרצן צו אַניוטאַס צימער, האָט ער מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגענומען דאָס הענטל פון דער טיר און עס אַ שטופּ געטאָן, און, ווי אין אַ חלום, איז ער דערנאָך אַריין אין דער געעפנטער טיר.

אַניוטאַס צימער איז אויך באַלויכטן געווען פון לבנה־שיין. זי איז געלעגן אויף איר בעט אין קאָלירטע זיידענע פּאַדזשאַמעס, די שוואַרצע האָר צעשאָטן איבער דעם ווייסן קישן. זי האָט אויך ניט געשלאָפן. ווען דייוו איז אַריינגעקומען,

האָט זי זיך אויפגעזעצט אויף איר געלעגער, מיט די אויגן גע־ווענדט צו אים.

— אַנטשולדיק, די נאַכט לאָזט מיך ניט שלאָפן, — האָט ער פאַרלאָרן אַרויסגעמורמלט.

האָט אַניוטאַ דעמאָלט אַ לאַך געטאָן מיט אירע ברוסטיקע, הייסע טענער און איר פּנים מיט די חן־גריבעלעך און מיט די פולע זאַפטיקע ליפּן האָט זיך כישופדיק צעשמייכלט. דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים אירעביידע הענט און געזאָגט הייזעריקלעך:

— קום, איך האָב געוואַרט אויף דיר, איך האָב גע־וואוסט, אַז דו וועסט קומען...

ווי עפּעס וואָלט אים געטאָן אַ כאַפּ און אַ וואָרף צו איר אין די אָרעמס אַריין...

8

אויף מאָרגן האָט זיך אַניוטאַ אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי. אַ פריילעך צוויטשערן פון פייגל אַהינטער די פענצטער האָט זי אויפגעוועקט.

זי האָט געעפנט די אויגן. אַ גאָלדענע זון האָט פריילעך און וואַרעם איר אַ שמייכל געטאָן אין פּנים און מיט אַזאַ שמייכל האָט אַניוטאַ געענטפערט דער זון.

נאָכדעם האָט זי זיך געוזומען דערמאָנען. איז דאָס ניט געווען קיין חלום? ניין, אויף אירע ליפּן האָבן נאָך געברענט דייוווס קושן...

זי האָט זיך דערמאָנט אַלץ קלאָרער, אַלץ דייטלעכער, וואָס איז פאָרגעקומען לעצטע נאַכט מיט איר און דייוון, און אַ גרויסע פרייד האָט זיך אין איר צעזונגען.

„איצט, דייוו, פּאַק זיך און אַנטלויף, ווי דו האָסט נעכטן געסטראַשעט!" — האָט זי געלאַכט און זיך געפרייט.

ענדלעך, ענדלעך, ווי שווער דאָס איז איר אָנגעקומען...

פאַר פריידיקער אויפרעגונג האָט זי ניט געקענט איינליגן, איז זי אַרויסגעקראָכן פונם בעט, צוגעגאַנגען צום טישל, וואו איר זייגערל איז געלעגן. עס איז געווען פאַר פינף.

זי איז צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט. פאַר די אויגן האָבן איר אַ בלענד געטאָן די כוואַליעס ליכט, וואָס האָבן זיך אין דער לופטן געגאָסן. באַלד נאָך זונאויפגאַנג האָבן דיביימער, דאָס גראָז, די ווייטע בערג, דער גאַנצער האָריזאָנט און אַלצדינג, אויף וואָס אַניוטאָס בליק איז געפאַלן, זיך געטונקט אין אַ פייער־גלאַנץ, פון וועלכן כוואַליעס ליכט האָבן זיך געגאָסן. און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אין דער לופטן געגאָסן דער פריילעכער פייגל־געזאַנג. מען האָט געקענט מיינען, אַז די זון־כוואַליעס האָבן דאָס געזונגען אַזוי...

אַניוטאַ האָט פאַר פאַרגעניגן אַזש אויפגעשוידערט. אַזוי ווי דידאַזיקע הערלעכקייט, וואָס זי האָט געזען פאַר זיך, וואָלט געווען אַ צושפּיל צו איר נייער ליבע, און אויסשרייען האָט זיך איר עפּעס געוואָלט טיף פון דער נשמה אַרויס, און עס האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן שטיל און אָן אַ שיעור צאַרט:

— דייוו!

און פּלוצים איז איר איינגעפאַלן: זי וועט גאָר לויפן זיך אויסבאָדן. זי וועט אים אויפוועקן און וועט דערנאָך מיט אים זיך אויסבאָדן פאַר פרישטיק.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געשטאַנען אין אַ באָד־קאָסטיום לעבן זיין בעט אין זיין צימער און האָט אים געוועקט:

— שטיי אויף, — האָט זי געלאַכט, — שוין צייט זיך איינצופּאַקן. דאַרפסט דאָך היינט פאָרן...

שפּעטער זיינען זיי ביידע אַוועק זיך באָדן, ביידע אין באָד־קאָסטיומען.

איין זייט טייך איז אינגאַנצן געווען פאַרשטעלט פון

וואַלד זיינען זיי אַוועק מיט אַ שמאָלן וועג צו יענער זייט. דאָרט איז טונקל און פאַרשטעלט געווען, ווי אין אַ האַלב־טונקעלן צימער.

אַניוטאַ האָט זיך אַרומגעקוקט, זי האָט קיינעם ניט געזען, ניט אַפילו קיין שאָטן פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש. נאָר עפּעס אַ פויגל אויף אַ בוים האָט דאָרט אויסגעקלאַפּט אַ געזאַנג, ווי ער וואָלט מיט אַ שטאָלענעם שנאָבל אָן שטאָל אויסגעקלאַפּט:

— טשע־ריק! טשע־ריק! טשע־ריק!...

דעם אייגענעם געזאַנג אָן אויפהער.

אַניוטאַ האָט זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס זיך ניט אויסבאָדן ריכטיק? קיינער, אַחוץ אונדז, איז דאָך דאָ ניטאָ? און דיר געפעלט דאָך מיין קער־פּער...

און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט איר צו ענטפערן, האָט זי פון זיך אַרונטערגעוואָרפן איר באָד־קאָסטיום און איז געשטאַנען נאַקעט, אַ כישופדיקע פרויען־געשטאַלט.

זי האָט אַריינגעשטעלט די פיס אין וואַסער און אַ ציטער געטאָן מיט איר יונגן, געזונטן קערפּער און זיך אַ קאָרטשע געטאָן פון דער פּלוצימדיקער קעלט.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער אַריין און איז אַוועקגעשוואומען, שניידנדיק דאָס וואַסער מיט אירע שטאַרקע אָרעמס.

זי איז געשוואומען לייכט און גראַציעז, ווי אַ פויגל אין דער לופטן.

מיט די האָר צונויפגענומען אונטער א רויטן הייבל און מיט איר שלאַנקן, ברוינעם גוף האָט זי אויסגעזען אויפן וואַסער, וואָס איז אַרומגערינגלט געווען פון וואַלד און בערג, ווי אַ רוסאַלקע, וואָס האָט זיך געבאָדן אין פרימאָרגן.

ווייט פונם ברעג האָט זי זיך אויפן רוקן איבערגעדרייט,

און פאַרוואָרפן די אָרעמס אויף די שטאַרקע בריסט און גע־קוקט אין דער טיפער בלויקייט פון הימל אַרויף...

אַרום איז געוועזן שטיל, נאָר דער פויגל ערגעץ אויף אַ בוים האָט נאָך געקלאַפּט זיין שטאָלענעם געזאַנג:

— טשעריק! טשע־ריק! טשע־ע־ריק!...

— טשע־ע־ריק! — האָט אַניוטאַ אויף הילכיק אַ גע־שריי געטאָן, און איר קול האָט זיך צעטראָגן איבערן וואַסער מיט אַ מעכטיקער פרייד.

דערנאָך האָט זי זיך ווידער איבערגעדרייט מיטן רוקן אַרויף און גענומען זוכן וואו דייוו איז. זי האָט אים דערזען. ער האָט געשוואומען גאַנץ ווייט פון איר אין זיין באָד־קאָסטיום.

— קו־קו! קו־קו! דייוו! — האָט זי צו אים אַ געשריי געטאָן.

— האָ־הו! — האָט ער אָפּגעענטפערט, און זייערע ביידנס שטימען האָבן ממש געציטערט פאַר גליק און פרייד און לעבנסלוסט.

שפּעטער, ווען זי איז אַרויס אויפן ברעג, איז דייוו שוין געשטאַנען און האָט געוואַרט אויף איר. זי איז צוגעגאַנ־גען צו אים מיטן רויטן הייבל אין אַ האַנט און מיט צעשאָטענע האָר איבער אירע נאַקעטע פּייכטע אַקסלען. און מיטאַמאָל האָט זי זיך צו אים אויסגעבויגן און אין אויער אַריינגעשריען:

— און דו האָסט ניט געוואָלט פאָרן! און דו האָסט גע־וואָלט היינט אַנטלויפן!...

זי האָט געלאַכט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן געלויכטן, ווי אָנגעטרונקען מיט דער פרימאָרגנדיקער בערגיקער זון...

דערנאָך האָט זיך ביי אים ארויסגעריסן פאַרשטיקט: „דו שיינער טייוול, דו!" — און זי צוגעצויגן צו זיך.

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן מיט אַ הייסן אויסגעשריי און אירעביידע אָרעמס, ווי צוויי צאַפּלדיקע שלאַנגען, האָבן זיך אַרומגעוויקלט אַרום אים...

9

נאָך פרישטיק האָט אַניוטאַ אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר מאַן און עס דערלאַנגט דייוון צו לייענען.

אַ שיינער בריוו איז דאָס געווען, געשריבן פון אַ פאַר־ליבטער פרוי צו איר מאַן...

דייוו האָט עס גענומען לייענען און זיינע אויגן ניט געגלויבט. ער האָט ניט פאַרענדיקט און מיט אַן אָנגעצונדענעם פּנים האָט ער צוריקגעגעבן אַניוטאַן דעם בריוו.

— פוי, — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, — פון וועמען לאַכסטו? פון אים, פון מיר, פון דיר אַליין?

זי אָבער האָט געקוקט אויף אים מיט לאַכעדיקע אויגן.

— וואָס איז, וואָס איז, דייוו?

— דו מיינסט דאָך ניט ערנסט, אַז דו וועסט אָט־דעם בריוו אַוועקשיקן צו?...

זי האָט אונטערגעכאַפּט שטיפעריש:

— יאָ, יאָ, צו מיין מאַן, צו סיאָמאַן, וועל איך אים אַוועק־שיקן. פאַר אים איז דאָך עס געשריבן. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? דאַרף איך שרייבן אַ בריוו צו מיין מאַן, צי ניט?

ער האָט ניט געענטפערט, איז צוגעגאַנגען צו אַ פענצ־טער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאָרט און גענומען נערוועז פייפן. (דאָס איז געווען ביי אַניוטאַן אינם צימער).

זי איז צוגעגאַנגען צו אים פון הינטן און האָט איבער־געחזרט:

— דאַרף איך שרייבן אַ בריוו צו מיין מאַן, צי ניט? דו ענטפער מיר, דייוו!

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר אַ נערוועזער. און מיט־אַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן:

— גוט, איך וועל מיט דיר ריידן אָפן, ווי איך פיל און

ווי איך זע דאָס. שרייבן — יאָ שרייבן, אָבער דעם אמת!...

— דעם אמת? משוגענער דו! — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ געשריי.

— ווי דען אַנדערש? — האָט ער געקוקט איר גלייך אין פּנים.

— לאָז דאָס איבער צו מיר, — האָט זי געזאָגט, און אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענט אים אויף די אַקסלען און פאַרליבט אַריינגעקוקט אים טיף אין די אויגן, — דייוו, שטער ניט דיין אייגענעם גליק, — האָט זי גערעדט וואַרעם מיט איר ברוסטיקער שטים, — מיר ביידע זיינען דאָך איצט אַזוי גליקלעך!...

— שיק ניט דעם בריוו, ניט שיין, מיאוס! אָט די צאַרטע ווערטער, אָט די אויסגעוויילטע ליבעס־ווערטער, וואָס דו שרייבסט צו אים אין אָט־דעם בריוו, זיינען דאָך איין שטיק מיאוסע פאַלשקייט! ווי קאָנסטו דאָס?

— הער נאָר, צי ביזטו ניט אייפערזיכטיק, דייוו? — האָט זי זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן.

— אייפערזיכטיק? רייד ניט קיין נאַרישקייטן, אַניוטאַ. איך בין באַליידיקט. יאָ, איך בין באַליידיקט. די פרוי, וואָס איך האָב אַזוי ליב, טאָר ניט זיין אַזוי פאַלש.

— נעם דאָס ניט אַזוי טראַגיש, דייוו. מיר וועלן נאָך ריידן דערפון. איצט שטער ניט אונדזער גליק. גוט, איכל דיר צוליב טאָן, ניט שיקן דעם בריוו? גוט, אָט! — האָט זי צעריסן דעם בריוו, — וועסטו איצט זיין רואיק?

— יאָ. און נאָך צופרידענער וואָלט איך געווען, ווען דו וואָלסט לכתחילה דעם בריוו ניט געשריבן.

— ניט גערעדט מער דערפון, — האָט זי האַלב־שטיפעריש און האַלב־ערנסט אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס.

און אָנשטאָט אָנצושרייבן אַן אַנדער בריוו צו איר מאַן, האָט זי יענעם אויפדערנאַכט גערעדט צו אים אויפן טעלעפאָן

און איס אָנגעזאָגט, אַז זי איז צופרידן פון דעם פּלאַץ און פילט זיך אַ סך בעסער, און זי האָט אים אויך איבערגעגעבן אַ גרוס פון דייוון.

דייוו איז דערביי געשטאַנען, ווען זי האָט גערעדט צו איר מאַן דורכן טעלעפאָן. און ווען זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל אויפן טעלעפאָן־הענגער, האָט זי זיך אָנגערופן צו דייוון:

— אַ גערוס האָב איך דאָך געמעגט אָפּגעבן פון דיר?

— דאָס יאָ. מחמת איך האָף, אַז איך מיט סיאָמאַן וועלן פאַרבלייבן פריינט שפּעטער אויך, — האָט ער געענטפערט.

— און איך בין זיכער אין דעם, — האָט זי געזאָגט, און אַ קוק געטאָן אויף אים באַזונדערס סודותפול.

נאָך דעמדאָזיקן איבעררייד האָבן זיי מער דערפון ניט גערעדט. אַניוטאַ האָט געשריבן בריוו צו איר מאַן, אָבער דייוון האָט זי זיי שוין מער ניט געוויזן.

און אַזוי זיינען צוויי וואָכן פאַריבער, ווי איין קורצע, פאַרכישופטע שעה. אַלצדינג, וואָס איז מיט זיי געשען, זינט זיי זיינען געקומען אַהין, און אַלצדינג, וואָס זיי האָבן דאָרט איבערגעלעבט און האָבן דאָרט געזען, איז פאַר זיי געווען, ווי דער שענסטער חלום. אַלצדינג פאַר זיי האָט זיך אָפּגעטונקט אין דעם כישופדיקן ליכט פון זייער ליבע.

דייוון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז קיינמאָל ניט גע־ווען אַזוי יונג און אַזוי גליקלעך, ווי איצט, און אַז קיין פרוי האָט נאָך אַזוי ניט געליבט אַ מאַן, ווי אַניוטאַ אים...

— אַניוטאַ, — האָט זיך ביי אים אַמאָל אַרויסגעריסן,

— איך בין דאָך אַזוי גליקלעך, אַז מיר ווייזט זיך אויס, אַז עס איז אַ פאַרברעכן צו זיין אַזוי גליקלעך אין אַזאַ צייט, ווי די היינטיקע, אין אַ צייט פון פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם און פון אַנדערע שלעק און צרות!...

און אַן אַנדערש מאָל:

— געבענטשט זאָל זיין דער צופאַל, וואָס האָט אונדז צונויפגעפירט!

האָט זי דעמאָלט געלאַכט מיט איר הייסן, ברוסטיקן געלעכטער, און איינמאָל האָט זי אים אין אַזאַ מאָמענט געפרעגט:

— דו האָסט שוין ניט קיין חרטה מער, פאַרוואָס דו ביסט געקומען אַהער? דו ווילסט שוין פון מיר מער ניט אַנטלויפן?

האָט ער איר געענטפערט:

— אַנטלויפן? ווי קען אַנטלויפן אַ געפּענטעטער? דו האָסט דאָך מיך אינגאַנצן געפּענטעט. מיין האַרץ און מוח אינגאַנצן. ניין, איך וואָלט שוין איצט ניט געקענט אַנטלויפן!

ביידע מיט פאַרברוינטע פּנימער האָבן ס׳רוב פון זייער צייט פאַרבראַכט אינם וואַלד, צי אויפן טייך, וואו זיי האָבן זיך געשיפט און געבאָדן, צי זיי זיינען גאָר אַוועק קלעטערן אויף אַ הויכן באַרג.

און אויף יענעם באַרג זיינען געשטאַנען איינציקע ביימער, אַלטע און כמורנע, ווי טונקעלע שומרים מיט מעכטיקע אָרעמס אויף דער וואַך, און האָבן געוואָרפן אַרום זיך אַ טונקעלן, קילן שאָטן.

ווען אַניוטאַ מיט דייוון זיינען געזעסן אין שאָטן פון אַזאַ בוים, האָט זיך די געגנט פאַר זייערע אויגן געעפנט אויף מיילן ווייט אַרום און אַלצדינג אונטער זיי האָט זיך דאָרט צונויפגעגאָסן און אויסגעגלייכט אין איין שטיק שטראַלנדיקער גרינקייט — די ביימער, די טאָלן און די לאָנקעס. און די פאַרמערשע ווייסע הייזלעך האָבן אויסגעזען ווי שפּילצייג־שטיבלעך, אַוועקגעשטעלט אויף אַ גרינעם טעפּיך; און די קי, וואָס האָבן זיך דאָרט געפּאַשעט — ווי שפּילצייג־קי. און האָט זיך אַ מענטש דאָרט באַוויזן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ קליינינקע קוקלע, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף ספּרוזשינעס.

דאָרט איז געווען זייער באַליבטער פּלאַץ. דאָרט האָט זיי קיינער ניט געזען און קיינער ניט געשטערט.

אַ פּאָר שעה אין טאָג האָט דייוו געאַרבעט אין זיין צי־מער אויף זיין דערציילונג און אַניוטאַ איז דאָרט אויך געזעסן און האָט געלייענט די אָנגעשריבענע בלעטלעך און האָט געמאַכט באַמערקונגען, שטענדיק אָזעלכע, פון וועלכע ער איז באַגייס־טערט געווען און וועלכע האָבן אַרויסגערופן ביי אים געדאַנקען און בילדער און באַפליגלט זיין פאַנטאַזיע.

און דעמאָלט איז זי דייוון נאָך נעענטער און טייערער געוואָרן. און ער האָט געטענהט, אַז זי איז לכתחילה געבאָרן געוואָרן פאַר אים און ניט פאַר קיין אַנדערן...

און איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט — דער לעצטער פאַרנאַכט איז דאָס געווען, איידער זיי זיינען אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט — זיינען זיי ביידע געשטאַנען אויף זייער באַליבטן באַרג און האָבן געקוקט אויפן זון־אונטערגאַנג.

איין זייט באַרג האָט געברענט און די אַנדערע זייט האָט זיך געוויקלט אין טונקעלע שלייערס. ביי אַניוטאַן און דייוון אויף די פּנימער איז געלעגן אַ שמייכל פון אַנטציקונג.

מיטאַמאָל האָט אַניוטאַ זיך אָנגערופן:

— ווי וואונדערלעך! און מאָרגן וועלן מיר שוין דאָס ניט קענען זען!

דייוו האָט אַרויסגעמורמלט:

— יאָ, אַ שאָד. די שענסטע צייט פון מיין לעבן האָבן איך דאָ דורכגעלעבט. אָבער — האָט ער פאַרטראַכט אַ שמייכל געטאָן צו אַניוטאַן — דאָס איז דאָך ביי אונדז נאָר אַן אָנהייב...

אַניוטאַ האָט געשוויגן און געקוקט ווייטער אויפן זון־אונטערגאַנג. נישט ווייט דערביי איז געלעגן אַ גרויסער, פלאַטשיקער פעלז. איז זי צוגעגאַנגען אַהין און האָט זיך

דאָרט אָװעקגעזעצט. דייװו איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט לעבן איר.

— איכל נאָך מאָרגן מיט אים ריידן, באַלד װי מיר קו־מען אין שטאָט אַריין, — האָט ער זיך װידער אָנגערופן פאַרטראַכט און געקוקט ערגעץ אין דער װייטקייט אַריין, שוין ניט מער אויפן זון־אונטערגאַנג, — —עס װעט זיין אַ ביסל שװערלעך, נאָר מען מוז... איכל צוערשט ריידן מיט אים, ניט דו...

ערשט איצט האָט אַניוטאַ זיך אַ קער געטאָן צו אים און אים אָנגעקוקט פאַרװאונדערט:

— מיט װעמען ריידן? װעגן װעמען רעדסטו, דייװו?

— איך מיין, מיט סיאָמען... ער װעט אונדז מוזן פאַר־שטיין. מיר האָבן דאָס ניט געװאָלט, מיר האָבן דאָס ניט גע־זוכט, און אויב דאָס האָט זיך אַזוי געמאַכט, דאַרפן מיר אַלע האַנדלען װי אינטעליגענטע, פאַרגעשריטענע מענטשן...

אַניוטאַ האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען.

— װאָס איז דיר איצט מיטאָמאָל איינגעפאַלן?

— װייל דו האָסט דערמאָנט, אַז מיר פאָרן מאָרגן. מיר װעלן זיך דאָך מאָרגן זען מיט אים, דאַרף מען פריער אָפּמאַכן ביי זיך װי און װי אַזוי צו האַנדלען.

האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים אומצופרידן און נאָכ־דעם געזאָגט:

— שטער איצט ניט. לאָז הנאה האָבן פונם זון־אונ־טערגאַנג. מיר װעלן שפּעטער ריידן דערפון.

איז דייװו נאָכדעם געזעסן לעבן איר און האָט געשװיגן, ביז דער רויטער פייער אויף יענער זייט באַרג איז ערגעץ דאָרט פאַרשלונגען געװאָרן און אַרום הויז דאָרט איז טונקל געװאָרן.

און װען זיי זיינען דערנאָך געגאַנגען פונם באַרג, האָט אַניוטאַ פּלוצים זיך אָנגערופן, און דאָס מאָל אין אַ טאָן,

וואָס אַזאַ האָט דייוו ביי איר נאָך קיינמאָל פריער ניט געהערט

— דאָס הייסט, אין אַ זייער געלאַסענעם, קאַלטן טאָן:

— הייסט עס, דו קלייבסט זיך צו ריידן מיט סיאָמען, דייוו, האַ? וואָס וועסטו אים זאָגן? אַז מיר האָבן דאָ געלעבט ווי מאַן און ווייב?

— סיאָמאַ וועט אונדז פאַרשטיין, — האָט דייוו געענט־פערט.

— דו וועסט מיט סיאָמאַן ניט ריידן דערפון. סיאָמאַ דאַרף קיין זאַך ניט וויסן. איך פאַרווער דיר דאָס צו טאָן.

— וואָס מיינסטו? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— כ׳מיין, אַז דאָס איז אונדזער זאַך און מער קיינעמס ניט. און אַחוץ דעם האַלט איך, אַז עס איז בעסער, ווען דריי מענטשן זיינען גליקלעך, איידער ווען דריי מענטשן זאָלן זיין אומגליקלעך. ניט דו און ניט איך וועלן קענען זיין גליק־לעך, ווען ער, אַזאַ נאָענטער מענטש אונדזערער, וועט זיין אומגליקלעך.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן: האָט זי גע־מאַכט שפּאַס? אָבער זי האָט אויסגעזען אַזוי ערנסט און גע־רעדט אַזוי ערנסט!

— איז וואָס־זשע, ווילסטו, זאָלן מיר טאָן? — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן.

— ניט דאָס וואָס דו ווילסט. ווען ער וועט ניט וויסן, וועט אים גאָרניט שאַדן.

— און איך און דו, אַניוטאַ?

— מיר וועלן זיין גליקלעך, ביז וואַנען מיר וועלן איינער דעם אַנדערן דערעסן, און נאָכדעם צעשיידן זיך אָן טענות.

פּאַר צעטומלטקייט איז דייוו געבליבן שטיין אין מיטן וועג און אַניוטאַ איז אַוועק ווייטער אָן אים. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זי אָנגעיאָגט און אָנגעכאַפּט זי פּאַר אַן אָרעם

און זי מיט גוואַלד אָפּגעשטעלט. ער האָט קוים אַרויסגערעדט:
— אַניוטאַ, דו לאַכסט דאָך, האַ?
— איך לאַך גאָרניט. אַזוי האָב איך שטענדיק געהאַנדלט און אַזוי וועל איך איצט אויך האַנדלען.
ער האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן.
— אַזוי האָסטו שטענדיק געהאַנדלט? וואָס מיינסטו?
— איך מיין, וואָס איך זאָג, — האָט זי רואיק געענטפערט, — קיין פּראָפּעסיאָנעלע פאַמיליעך־פרוי בין איך קיינמאָל ניט געווען און וועל דאָס קיינמאָל ניט זיין. מחמת דעם האָב איך קיין קינדער ניט געוואָלט האָבן...
דייוו האָט אַרויסגעמורמלט:
— איך פאַרשטיי ניט... דו רעדסט עפּעס אַזוי ווילד... דו ווילסט דאָך מיר ניט זאָגן, אַז איך בין ביי דיר ניט דער ערשטער...
האָט אַניוטאַ געענטפערט קורץ און מיט דער גרעסטער רואיקייט:
— און איך האָף, אַז אויך ניט דער לעצטער...
האָט דייוו דעמאָלט געפּרואווט זאָגן מיט אַ שמייכל:
— אוי, גיי שוין גיי! איך בעט דיך, אַניוטאַ, ניט איצט איז די צייט צו מאַכן שפּאַס!
— עס פאַלט מיר ניט איין צו שפּאַסן.
האָט דייוו ווידער זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן:
ניין, קיינמאָל האָט זי ניט אויסגעזען אַזוי ערנסט. ער האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן:
— דאָס איז אינטערעסאַנט. הייסט עס, אַז דו האָסט דיין מאַן פריער אויך באַטראָגן?
— באַטראָגן? ווען איך וואָלט וואָלט דאָס געהאַלטן פאַר אַ באַטרוג, וואָלט איך דאָס ניט געטאָן. ער האָט מיך ניט געקויפט און איך האָב זיך צו אים ניט פאַרקויפט. איך אַרבעט דערפאַר, כדי איך זאָל ניט זיין אָפּהענגיק פון קיינעם.

יענער מאַן איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן, וואָס זאָל קענען זאָגן, אַז איך געהער צו אים, און נאָר צו אים אַליין. איך בין אַ פרייער מענטש.

— און דערפאַר מעגסטו באַטריגן דיין מאַן הינטער זיין רוקן? און ניט נאָר דיין מאַן אַליין. פון דיינע רייד קומט דאָך אויס, אַז דו ביסט גרייט צו באַטריגן דיין געליבטן אויך!

אַניוטאַ איז מיטאַמאָל געוואָרן אומגעדולדיק:

— גענוג צו ריידן וועגן באַטרוג, איך בעט דיך. סיאַמאַן האָב איך ניט באַטראָגן און איך באַטריג אים ניט. איך וואָלט אים באַטראָגן, ווען איך וואָלט גערעדט מיט אים איין זאַך און געטאָן אַן אַנדער זאַך. ער ווייסט צו־גוט ווי איך קוק אויף אָט־דער פראַגע. און אויף קיין איין רגע וואָלט ביי אים קיין ספק ניט געווען, אַז איך וועל האַנדלען אַנדערש, ווי איך רייד...

— ווילסטו מיר זאָגן, אַז סיאַמאַ ווייסט, אַז דו לעבסט מיט אַנדערע מענער?

— אויב ער ווייסט ניט, איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל איך וויל אים באַטריגן. נאָר ווייל איך וויל אים ניט ווי טאָן...

דייוו האָט געוואָלט ווידער עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט אים ניט געלאָזט. זי האָט גערעדט ווייטער:

— וואַרט, איך האָב נאָך ניט געענדיקט. און וואָס איז שייך דעם געליבטן, באַטריג איך אים אויך ניט. ווייל לכתחילה ווייסט ער, אַז אונדזערע באַציאונגען וועלן אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט מיר ניט דערעסן. איצט וועסטו דאָס אויך וויסן...

ער איז אַן אויפגערעגטער אָפּגעטראָטן פון איר און באַלד זיך צוריקגעקערט צו איר מיט שרעק אין די אויגן.

— און אַזאַ פרוי האָב איך אַזוי ליב און פון איר

טראַכט איך, און פון איר חלום איך, און פאַר איר שרייב איך, און אַזוי רעדט און האַנדלט די פרוי, וואָס האָט מיך די לעצטע צייט אַזוי באַגייסטערט!

אַניוטאַ האָט רואיק אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך אָנגערופן:

— ביזטו ניט געווען גליקלעך?

— וועל איך קענען איצט אויך זיין גליקלעך?

— געוויס, דו דאַרפסט נאָר זיין אַ מענטש, — האָט זי געענטפערט.

— וואָס מיינסטו „אַ מענטש”? אָט קומען מיר אין שטאָט אַריין. איך טרעף דאָרט דיין מאַן — האָט דייוו גענומען ריידן פאַרצווייפלט, — איך זע דאָרט סיאָמאַן. איך דריק אים די האַנט. איך שמייכל צו אים. איך בלייב פריינט מיט אים, ווי פריער, אין דער צייט, וואָס איך לעב מיט דיר הינטער זיין רוקן!... אָט דאָס רופסטו „אַ מענטש”? איך האָב ניט אַזאַ קופערנעם שטערן, ווי דו! שלאַנג, מיאוסע, פאַלשע שלאַנג!...

אין זיין קול האָבן זיך טרערן דערהערט. מיטאַמאָל איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך געלאָזט לויפן פונם באַרג אַראָפּ.

שפּעטער, ווען אַניוטאַ איז געקומען צוריק אין הויז, האָט זי דייוון דאָרט ניט געפונען. ערשט אַ זייגער צען ביינאַכט האָט זי אים געטראָפן אַליין אויפן גאַנעק. ער איז געזעסן דאָרט אַ דערשלאָגענער.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט געזאָגט מיט אירע וואַרעמע, ברוסטיקע טענער אינם קול, שמייכלענדיק כישופדיק מיט אירע שוואַרצע, פייערדיקע אויגן און מיט די חןגריבעלעך אויפן טונקעלן פּנים:

— גוטן אָוונט, דייוו! ביזט נאָך אַלץ בייז אויף דער מיאוסער שלאַנג?

ער האָט געשוויגן. ער האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף איר און איז געבליבן זיצן אויף זיין שטול.

זי האָט גערעדט ווייטער:

— ביזט דאָך אַוודאי הונגעריק, דו האָסט דאָך ניט געגעסן קיין אָוונט־ברויט.

מיטאַמאָל האָט זיך דייוו אויפגעהויבן אַ נערוועזער און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן מיט פאַרשטיקטער ליידנשאַפט:

— וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?...

אַניוטאַ איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אַרויפגעלייגט אירעביידע הענט אים אויף די אַקסלען און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין.

— ניט גערעדט און ניט צופיל געגריבלט זיך. און צעשטער ניט דאָס ביסל גליק, וואָס איז געקומען צו דיר מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס...

ער האָט באַפרייט זיינע אַקסלען פון אונטער אירע הענט און נאָכאַמאָל געפרעגט:

— ענטפער, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?

— זי האָט אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:

— גלויב מיר, אַז איך האָב ניט געמיינט דיר שלעכטס טאָן, נאָר זיך אַליין אַ ביסעלע גוטס טאָן...

— דו האָסט מיר געטאָן דאָס גרעסטע שלעכטס, — האָט דייוו זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ליידנשאַפט און ווייטיק אין זיין קול, — איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, שוין איינגעפּאַקט מיין וואַליז און קען ניט אַנטלויפן, קיין כח ניטאָ פאַר דעם... דו האָסט מיר געלאָזט זען, וואָס פאַר אַ שמאַטע איך בין, אַז איך בין אַ מענטש אָן כאַראַקטער! ביז אַהער האָב איך דאָס ניט געוואוסט, און איך וואָלט עס פריער קיינמאָל ניט געגלויבט אויף זיך!...

אַניוטאַ האָט אַ לאַך געטאָן:

— ווען עס קומט צו דעם, זיינען מיר אַלע ניט קיין גוואַל־דיקע העלדן...

— אָבער דאָס איז דאָך אַזאַ אומגליק! — האָט זיך ביי דייווין אַרויסגעריסן.

— אָבער דאָס איז דאָך אַזאַ גליק! — האָט אַניוטאַ געלאַכט.

און אין אַ ווײַלע שפּעטער איז אַניוטאַ אַוועק צום טע־לעפאָן, אָנזאָגן איר מאַן, אַז זי קומט מאָרגן אַהיים. דייוו איז געבליבן זיצן אויפן גאַנעק.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט, אַז זי האָט אים גערופן. איז ער אַוועק צו איר אינעווייניק אין שטוב. זי איז נאָך דאָרט געשטאַנען ביים טעלעפאָן. זי האָט זיך אָנגערופן צו דייוון:

— דייוו, גיי זאָג „האַלאָ" סיאָמאַן.

דייוו איז צעמישט געוואָרן. אַניוטאַ האָט ווידעראַמאָל גע־זאָגט:

— גיכער, דייוו, סיאָמאַ וואַרט דאָרט ביים טעלעפאָן...

דעמאָלט איז ער צוגעגאַנגען מיט שטילע, ווי שעמעוודיקע טריט, האָט גענומען דעם טעלעפאָן ביי איר פון דער האַנט און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן הייזעריקלעך:

— האַלאָ, סיאָמאַ!

אַניוטאַ האָט אַ לאַך געטאָן אין זיך. אין די אויגן ביי איר האָט זיך אָנגעצונדן נצחון...

פעברואַר, 1938. — מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ.

דער שטאַרקער געשלעכט

1

עס איז ביי אים גאָר קיין נאָווינע ניט געווען צו האָבן „עי גוד טאַים" מיט איינער פון די אַרבעטערינס ביי אים אין שאַפּ, וואו הונדערטער בענקענדיקע מיידלעך האָבן ביי די העמ־דער פון דער באַוואוסטער פירמע „רובין ענד סאָן" געאַרבעט. גע־האַט „עי גוד טאַים" מיט איינער און אַמאָל מיט אַן אַנדערער און גאָרנישט — געבליבן אַ פיינער און אַ פרייער מענטש!

אַ „פיינער", מילא. דאָס איז ער דווקא נישט אויסן גע־ווען צו זיין. ווען מען האָט אַזוי ליב דעם שיינעם מין, ווי ער, הערמאַן רובין, האָט אים ליב געהאַט, און ווען מען האָט ביי אים אַזאַ דערפאָלג, ווי ער, הערמאַן רובין, האָט ביי אים גע־האַט, טראַכט מען ניט וועגן זיין אַ „פיינער מענטש".

פאַרקערט, פאַר זיינע פריינט האָט ער זיך אָפט באַרימט, ווי גרינג ער געווינט די מיידלעך, און ווי לייכט ער באַפרייט זיך דערנאָך פון זיי.

„ווען איך האָב אַפילו אַ צענדליק הענט, אַ צענדליק ליפּן און אַ צענדליק יצר־הרעס, וואָלט איך אויך שטענדיק געווען „ביזי" — האָט ער זיך פאַר זיי באַרימט מיט אַ וואונק אין זיינע לעבעדיקע, העלע אויגן.

אָבער אַ פרייער מענטש — דאָס האָט ער געוואָלט פאַר־בלייבן.

די רייכסטע כלות האָבן אים אומזיסט געזוכט. אַפילו די שיינע, שלאַנקע גערטרוד, די איינציקע טאָכטער פון זיין פאָ־טערס אַמאָליקן שותף, אַ כלה־מיידל מיט אַ נדן פון אַ 50 טויזנט, איז אויך געווען גליקלעך, ווען ער האָט אַמאָל פאַר־בראַכט מיט איר.

וואָרים צווישן די מיידלעך פון זיין קרייז האָט ער גע־האַט אַ נאָמען פון אַ דזשענטלמאַן מיט פיינע מאַניערן, וועלכער

האָט געקענט אינטערעסאַנט אונטערהאַלטן, און פון אַ פּעאיקן געשעפטסמאַן מיט אַ גרויסער צוקונפט. און גערטרודן איז ער נאָך באַזונדערס דערפאַר געפעלן געווען, ווייל ער איז געווען שטאַרק ענלעך צו איר באַליבטן קינעמאַטאָגראַף־סטאַר, וואַלענטינאָ.

און פון דידאַזיקע אַלע רייכע מיידלעך, וועלכע זיינען ווערט געווען צו טראָגן זיין נאָמען, דעם בכבודיקן נאָמען „מאַדאַם הערמאַן רובין", איז גערטרוד אין זיינע אויגן די איינציקע ווערט געווען. און ווען ער וואָלט ביי זיך אָפּגעמאַכט חתונה צו האָבן, וואָלט ער נאָר מיט איר חתונה געהאַט. ניט מחמת אירע פופציק טויזנט נדן, נאָר מחמת איר אַליין. זי איז געווען שענער איידער די אַנדערע, אינטעליגענטער, מיט אַ דיפּלאָם פון קאָלומביאַ אוניווערסיטעט און האָט אויסגעזען אַריסטאָקראַטישער, אימפּאַזאַנטער.

פּאַר אַ דזשענטלמאַן, ווי ער, מיט אַ דיפּלאָם פון קוירנעל אוניווערסיטעט, האָט זיך נאָר אַזאַ ווייב, ווי גערטרוד, געפּאַסט.

דאָס האָבן אים אויך געזאָגט זיין פאָטער, דער אַלטער רובין, און זיין מוטער, וועלכע זיינען שטאַלץ געווען אויף אים.

ער האָט זיי אָבער געענטפערט:

„אמת, זי געפעלט מיר אויך; אָבער איך טראַכט נאָך ניט וועגן חתונה האָבן".

„מיין זון, דו ביסט שוין זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט". האָט זיין מוטער צו אים גערעדט, „דיין פאָטער אין דיינע יאָרן"...

האָט ער קאָמיש געזאָגט:

„ניט פריער פון זעקס און דרייסיק. צען יאָר פרייהייט זיינען עפּעס ווערט, מוטער".

האָט דער אַלטער רובין מיט אים מסכים געווען, און גוטמוטיק באַמערקט:

„געזעכט. הערמאַן איז קליגער איידער זיין פּאַפּאַ איז געווען״.

קורץ: אַ „פרייער מענטש״ — דאָס איז ביי דעם יונגן הערמאַן רובין געווען דער עיקר. ניט שלעפּן אויף זיך די קייטן פון פאַמיליע־לעבן. ניט פאַרמשכנען זיך אײנגאַנצן ביי איין פרוי, ווען אויף דער וועלט זיינען פאַראַן אַזוי פיל אַנדערע, וואָס מען קען מיט זיי האָבן אַ „גוד טאַים״. ער וועט נאָכטאָן דער בין: געפלויגן פון איין בלום צו דער אַנדערער, אַ זויג געטאָן דעם האָניק און אַוועקגעפלויגן ווייטער, — אַ פרייער פליער.

דאָן, ווען ער איז איינמאָל דורכגעגאַנגען די מאַשינען ביי אים אין שאָפּ, האָט ער זי פלוצים באַמערקט — אַ רייצנדן בלאָנדן קאָפּ, מיט קורץ געשוירענע האָר, לאַנגן ווייסן האַלדז און מיט טיף־בלויע, האַלב־פאַרחלומטע און האַלב־שפּאָטישע אויגן און מיט אַ פאַרחלומטן און שפּאָטישן שמייכל.

זי האָט, אַרבעטנדיק ביי איר מאַשין, געוואָרפן צו אים בליקן און שמייכלען, וואָס יעדער פון זיי איז געווען האַלב־שפּאָטיש און האַלב־חלום און אײנגאַנצן אַ רעטזלהאַפטער סוד, ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט.

„ווער איז זי?״ האָט ער אַ טראַכט געטאָן און דערפילט יענעם אויפצייטער פונם האַרצן, ווי יעדעס מאָל, בעת ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען אַ מיידל, וואָס האָט אים גלייך פאַר־אינטערעסירט.

ער האָט אירע בליקן ניט אויסגעהאַלטן און אַוועקגעדרייט זיינע אויגן פון איר און אַ שמייכל געטאָן צו איר שכנה סיידין— אַ קורץ, דיק מיידל, מיט קורץ געשוירענע שוואַרצע האָר, מיט אַ פאַרריסן לאַכעדיק נעזל, שוואַרצע, פייערדיקע אויגן און שטאַרק געפאַרבטע ליפּן.

און פריי און חוצפּהדיק האָבן אירע אויגן אַ ברען געטאָן צו אים און צעלאַכט האָט זי זיך עפּעס הייזעריק אויפן קול,

מיט גליענדיקע טענער; און אומאָנגענעם איז אים געוואָרן פון דעמדאָזיקן געלעכטער און פון דעמדאָזיקן חוצפּהדיקן בליק אירן. וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט. ווייל איצט, ווען זי האָט אים אָנגעהויבן צו דערעסן, ווען ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שיקן זי צו אַלדי רוחות (קיין אַנדער אויסדרוק האָט ער נעט געהאַ טפאַר די דאָזיקע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט געהאַט „עי גוד טאַים", בעת ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון זיי), — איצט, האָט זיך אים גענומען אויסווייזן, אַז איר געלעכטער און איר חוצפּהדיקער בליק רייסן אויף די אויגן, זאָגן אויס דעם סוד, וואָס האָט געמוזט בלייבן אַ סוד, ווייל פאַר אים, הערמאַן רובין, האָט דאָך ניט געפּאַסט, אַז מען זאָל אינם שאָפּ וויסן, אַז ער האָט דאָרט צו טאָן מיט אייבער פון זיינע אַרבעטערינס...

ער איז אַוועק ווייטער פאַרביי די רוישנדיקע מאַשינען און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געטראָגן דער בלאָנדער קאָפּ מיט די מערקווירדיקע בלויע אויגן פון זיין אומבאַקאַנטער אַרבעטערין, און ווידער האָט ער זיך געפרעגט: „ווער איז זי?"...

און דורך דעם אייזערנעם געשריי פון די מאַשינען האָבן געקוקט אויף אים צענדליקער אויגן פון אַרבעטערינס און זיין שמייכל געזוכט, און צענדליקער שמייכלען האָבן קאָקעטיש אויפגעשפּילט אויף רויטע, געפאַרבטע ליפּן.

מחמת זיין שמייכל האָט פאַר אַנדערע געמיינט בעסערע אַרבעט און פאַר אַנדערע, וואָס האָבן מקנא געווען סיידין, האָט עס געמיינט אַ חלום, ערוואַרטונגען פון עפּעס שיינע, פריילעכע מינוטן...

ווייל דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל פאַרבלייבן אַ סוד, איז אין זיין שאָפּ פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען...

און אַלע אַרבעטערינס אין זיין שאָפּ האָבן געוואוסט, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז געווען און ווי געפערלעך זיין פריינטשאַפט איז געווען. און דאָך, דווקא ווייל ער איז אַזאַ

מענטש געווען, האָבן אַנדערע זייערע בליקן צו אים געוואָרפן, זייערע שמייכלען און מיט זייערע הערצער זיך צו אים געצויגן.

וואָרים דער אמת איז, אַז צו דעם אויסגעלאָסענעם מאַן ציט דער פרוי, ווי צו דער אויסגעלאָסענער פרוי ציט דעם מאַן, און גייט זאָגט מוסר דער מענטשלעכער נאַטור!...

אָבער הערמאַן רובין האָט איצט דידאַזיקע שמייכלען אַרום זיך ניט באַמערקט. ער האָט נאָך אַלץ פאַר זיך געזען דעם בלאָנדן קאָפּ און די בלויע אויגן, פון וועלכע אַ סוד האָט אַרויס־געקוקט, און עס האָט אים אַ צי געטאָן צוריקקערן זיך און פאַר־בייגיין ווידער יענע.

ער האָט זיך צוריקגעקערט. יענע האָט באַמערקט, אַז ער קוקט שטאַרק אויף איר, האָט זי מיט אירע בלויע אויגן אים אָנגעקוקט פריער ווי פאַרוואונדערט, באַלד מיט אַ שמייכל און דערנאָך האָט זי אים ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ ווייכער בלויקייט. און טאַקע באַלד נאָכדעם האָט זי ווידער גענומען וואַרפן צו אים בליקן און שמייכלען, האַלב־שפּאָטישע און האַלב־פאַרחלומטע, און ער האָט נאָך שטאַרקער דערפילט דאָס אויפציטערן פון זיין האַרץ איידער פריער.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„געדאַרפט זיך מיט איר באַקענען!"

און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געשטאַנען לעבן דעם פאַר־מאַן פון זיין שאַפּ, אַ יונגנמאַן מיט פלינקע, כיטרע אויגעלעך, וועלכער האָט געוואוסט אַלע סודות פון זיין יונגן „באָס", און פון אים האָט הערמאַן רובין זיך דערוואוסט, אַז יענע הייסט עני וואולף: אַרבעט שוין דאָ די צווייטע וואָך, און אַז סיידי האָט יענע אַהער געבראַכט.

און אַז ער האָט דערהערט, אַז סיידי האָט יענע געבראַכט, האָט דאָס האַרץ ביי אים פריילעך אויפגעציטערט.

„אפשר איז זי פון סיידיס מין, וועט ניט אַנקומען שווער"...

און ער האָט צו זיך געזאָגט:
„עס לוינט זיך מיט איר צו באַקענען!”

2

שפּעטער, נאָך דריי אַ זייגער, ווען דער אַלטער רובין איז, ווי יעדן טאָג, אַוועקגעפאָרן אַהיים און ער, דער יונגער רובין, איז אַליין געזעסן אין דעם גרויסן לופטיקן פּריוואַט־אָפּיס, מיט די גרויסע פענצטער; ווען ער איז געזעסן באַקוועם אויף דעם גרויסן שטול, דעם קאָפּ אָפּגעוואָרפן אויפן ווענטל פונם שטול און די פיס, מיט הויך אַרויפגעקאָשערטע פּאַנטאַלאָנעס, פאַר־ריסן אויפן שרייב־טיש און האָט געלייענט אַ צייטונג, איז די דיקע סיידי מיטאַמאָל אַהין אַריינגעקומען.

און אירע ליפּן זיינען נאָך רויטער געווען איידער פריער, אַזוי רויט, ווי דאָס מויל ביי אַ קינדערשער ליאַלקע; און אירע שוואַרצע אויגן, ווי איר פאַרריסן נעזל, און ווי איר גאַנצער רונ־דער, קורץ־געשווירענער, שוואַרצער שקצוואַטער קאָפּ האָבן חוצפּהדיק צו אים געשמייכלט; און ניט אַריינגעגאַנגען איז זי אַהין, נאָר אַריינגעטאַנצט האָט זי, דרייענדיק מיט אירע רונדע היפּטן, אַ קורצע און אַ דיקע, אַ רונדער לעבעדיקער פּעסל מיט זינדיקער ווייבערישקייט....

אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ בינטל „אַרבעט”, וואָס האָט געזאָלט כלומרשט פאַרבלענדן די אויגן פון יענע אינם שאָפּ, וועלכע האָבן געקענט באַמערקן, אַז זי איז אַריין צו אים אין אָפּיס...

אַז ער האָט זי דערזען, איז אים אומאָנגענעם געוואָרן. איצט, ווען זי האָט אים גענומען דערעסן און ווען ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו באַפרייען זיך פון איר, האָט אים באַ־ליידיקט דער צו פרייער אופן, ווי אַזוי זי האָט זיך געהאַלטן מיט אים. ער האָט ניט געקענט ליידן, וואָס אַזאַ און אַזאַ מיידל

(אין די געדאַנקען האָט ער איצט פאַר איר געהאַט אַ באַזונדערן גראַבן אויסדרוק) האַלט זיך מיט אים ווי מיט אירס אַ גלייכן...

דאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן פונם שטול מיט אַ העפּ־לעכער מינע און געקוקט אויף איר מיט זיינע העלע אויגן פריינדלעך.

— וועלל, סיידי?

און זיין טאָן איז אויך געווען זייער אַ העפלעכער. וואָרים דווקא אין אַזוינע פאַלן, ווען אַנדערע זיינען אויפגערעגט און גראָב, איז ער העפלעך און פריינדלעך געווען, איבערטריבן העפלעך. מעשה דזשענטלמאַן האָט ער זיך שטענדיק אַרויסגע־דרייט פון אַ מיידל, בעת ער האָט זיך געוואָלט פון איר באַ־פרייען. מיט אַ סך טאַקט און אויף דעם פיינסטן אופן האָט ער זי צום טייפל אַוועקגעשיקט, ס'רוב געבנדיק איר אויפן וועג אַ שיינע מתנה. אין דעם איז ער געווען אַן אמתער מייסטער. דאָס מיידל האָט בשעת מעשה גאַרניט געפילט, אַז איר ראָמאַן מיט אים האָט זיך געענדיקט. ערשט אַ צייט שפּעטער איז דאָס איר קלאָר געוואָרן און דעמאָלט איז ער שוין געווען אַזוי ווייט פון איר און אַזוי פרעמד צו איר, אַז זי האָט אַפילו קיין מוט ניט געהאַט מער צוצוגיין צו אים.

אַגב, האָט קיינע פון דידאָזיקע מיידלעך זיך דערנאָך ביי אים אינם שאַפּ לאַנג ניט געהאַלטן: אַן אַנדערע איז אַליין אַוועק מיט אַ מינע פון אַ געשלאָגענעם הונט, און יענע, וואָס האָט קיין חשק ניט געהאַט צו פאַרלאָזן דעם שאַפּ, האָט סוף־כל־סוף געמוזט אַוועקגיין, ווייל דער פאָרמאַן פונם שאַפּ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו בינדן צו איר אַרבעט, ביז ער האָט זי אַוועקגעשיקט...

קורץ, ביז אַהער זיינען דידאָזיקע אַלע ראָמאַנען אים אָפּ־געגאַנגען גלאַט. קיינע פון דידאָזיקע מיידלעך — ס'רוב פון סיידיס מין, ווייט פון נאַאיוון מין — האָבן אים קיין סצענעס ניט געמאַכט און מיט קיין טענות צו אים ניט געקומען. איין ראָ־

מאַן געענדיקט, אַן אַנדערער האָט זיך אָנגעהויבן, און שאַ, שטיל, אויף דעם פיינסטן אופן!

אויך פון סיידין, איז ער זיכער געווען, וועט ער אויף אַזאַ פיינעם אופן פטור ווערן.

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צו איר:

— וועל, סיידי? — האָט ער נאָך אַמאָל אַרויסגערעדט און פריינדלעך געקוקט איר אין די אויגן.

— דו האָסט מיך געוואָלט זען? — האָט זי זיך אָנגערופן.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דיך זען איז ביי מיר אַלעמאָל אַ גרויס פאַרגעניגן, אָבער איצט ניט מער ווי אַלעמאָל. ווי איז דיר עפּעס איינגעפאַלן, אַז איך האָב דיך איצט געוואָלט זען?

— פריער, ווען דו ביסט פאַרבייגעגאַנגען און דו האָסט אַ קוק געטאָן אויף מיר, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דו האָסט צו מיר אַ וואונק געטאָן, אַז דו ווילסט מיך זען ביי דיר אין אָפיס...

ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— דאָס האָט זיך דיר אויסגעוויזן — האָט ער געזאָגט מיט זיין העפלעכן שמייכל. — איבערהויפּט איצט, ווען איך בין זייער פאַרזיכטיק, וואָלט איך עס ניט געטאָן...

האָבן אירע שוואַרצע אויגן אויסגעדריקט פאַרוואונדערונג און זי האָט איבערגעפרעגט:

— האָט זיך עס מיר אויסגעוויזן?

— ווי עס שיינט.

האָט זי אָוועקגעלייגט איר בינטל „אַרבעט” אויף אַ שטול דערביי. דערנאָך האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— הערמאַן, דו האָסט נעכטן ווידער ניט געהאַלטן וואָרט. איך האָב געוואָרט אויף דיר ביז נאָך אַכט.

און ער האָט איר געענטפערט העפלעך:

— דו מוזט מיר אַנטשולדיקן, סיידי. איך האָב ניט געקאָנט קומען. איך בין איצט פאַרנומען. און ווידער...

— און ווידער, וואָס ?

און זי האָט געקוקט מיט הייסע אויגן אויף זיין יונגער, שלאַנקער און אַטלעטישער פיגור, אין דעם ווייסן זיידענעם העמד, אָן אַ וועסט, און אויף דעם פיינעם, ריין־ראַזירטן פּנים, מיט די גרויע, העפלעך־שמייכלענדיקע אויגן און מיט דער פיין־אויסגעבויגענער נאָז, און אויף זיין קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען כמעט סאַר, מחמת ער איז אַזוי קורץ געשאָרן געווען.

— איך וועל דיר זאָגן אַן אַנדערש מאָל, — האָט ער זיך אָנגערופן, און פאַררויכערט אַ סיגאַר.

— זאָג איצט, הערמאַן...

און זי האָט אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענט אים אויף די אַקסלען.

— קערפול ! — האָט ער אַרויסגעמורמלט, און איז אָפּגעטראָטן פון איר.

— וואָס איז ? — האָט זי אויך אַרויסגעפּליסטערט.

— מיר מוזן זיין פאָרזיכטיק.

— מיר זיינען דאָך אַליין ? פאַרוואָס עפּעס מיטאַמאָל ?...

— איך וועל עס דיר ערקלערן אַן אַנדערש מאָל.

האָט זי אַדריי געטאָן די אַקסלען און דעם קורץ־געשאָרענעם שייגעצעוואַטן, שוואַרצן קאָפּ און אַרויסגערעדט אין אַ געפּיעשטשעטן טאָן :

— זאָג איצט. איך וויל איצט. איך גיי ניט אַרויס פון דיין אָפיס, ביז דו זאָגסט מיר ניט, פאַרוואָס מיר מוזן זיין איצט פאָרזיכטיקער איידער פריער...

און זי האָט אַ צי געטאָן דאָס קלייד ביי די שטייפע, רונדע היפטן און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ברייטער און ווייכער סאָפע, אויף וועלכער דער אַלטער רובין האָט זיך אַמאָל צוגעשפּאַרט, בעת ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין זיינע אַלטע

ביינער, און וועלכע, ווען זי וואָלט אַ לשון געהאַט, וואָלט גע־קאָנט דערציילן גאָר וואונדערלעכע סודות וועגן דעם יונגן רו־בינען.

וואָרים דער יונגער רובין איז אַן אויפעריגער געשעפטסמאַן געווען, און גאַנץ אָפט, ווען אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן דעם שאַפּ, און די ווענט דאָרט האָבן געדרעמלט אין דער טונ־קעלער שטילקייט נאָך דעם אַ גאַנץ־טאָגיקן אייזערנעם געשריי פון די מאַשינען, איז ער אין זיין אָפיס געווען, וואו דידאָזיקע ברייטע און באַקוועמע סאָפע איז געשטאַנען, און נאָך אימיצער מיט אים וואָס האָט שטענדיק אַ וואונדערלעכער סוד געמוזט פאַרבלייבן...

האָט זיך סיידי געזעצט אויף דערדאָזיקער סאָפע, וועלכע איז איר אויך גוט באַקאַנט געווען, און געשפּילט צו רובינען מיט אירע קאָכעדיקע אויגן און זיך געהנדלט צו אים מיט אירע ליפּן, וואָס זיי זיינען רויט געווען ווי דאָס מויל ביי אַ קינדער־שער ליאַלקע, און אין איר געפּיעשטשעטן טאָן גערעדט צו אים:

— זאָג איצט, הערמאַן. איך וויל איצט, איצט, איצט!...

און ער, מיטן סיגאַר אין מויל, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן, האָט געטראַכט טיף־באַליידיקט: „ווען מען ווערט צו נאָענט מיט דידאָזיקע מיידלעך, פאַרלירן זיי די מאָס. ווי פרעך זיי זיינען! וואָס פאַר אַ טאָן!"...

און דאָך האָט ער געשמייכלט צו איר זייער העפלעך און זייער פריינדלעך.

— וועלל — האָט ער אַרויסגערעדט — אויב דו פאָדערסט, וועלל...

3

און מיטאַמאָל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פּלוצים אָן עפּעס דערמאָנט, האָט ער זיך אָנגערופן אין אַן אַנדער טאָן:

— יעס, דהאַטס רייט. דאָס מיידל וואָס דו האָסט אַהער געבראַכט, ווי הייסט זי? דאַכט זיך, מיס וואולף, הע?

— דו מיינסט עניך, וועלכע אַרבעט לעבן מיר?

— יעס, זי מיין איך. איך בין מיט איר אַרבעט ניט צו־פרידן.

סיידי האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— מיט עניס אַרבעט? פאַרוואָס?

— ס׳געפעלט מיר ניט.

— זי איז אַ גוטע אַרבעטערין.

— דו מיינסט אַזוי?

— זיכער, הערמאַן. זי איז שטענדיק געווען אַ גוטע „האַנט”.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— אפשר ערגעץ אַנדערש. דאָ ניט. איך האָב זי געוואָלט אָוועקשיקן. האָב איך זיך אָבער דערוואוסט, אַז דו האָסט זי אַהער געבראַכט. וועל איך אפשר צוליב דיר...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ, טו עס ניט, הערמאַן. עס איז שווער איצט אַרבעט צו קריגן.

— זי איז דיינע אַ פריינדין?

— אַ קוזינע.

— אַזוי?...

און ער האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן:

„עס לוינט זיך מיט איר צו באַקענען”.

דאַן האָט ער זיך אָנגערופן:

— אויב זי איז דיינע אַ קוזינע, וועט זי בלייבן אַרבעטן.

— אָ, דהענקס, הערמאַן.

— זי איז גאָר ניט ענלעך צו דיר, האָט ער זיך ווידער אָנ־גערופן

— אַ בלאָנדע און איך בין אַ ברונעטקע. זי איז אָבער שיין, ניט אמת ?

— מיר געפעלן ניט קיין בלאָנדע. אין מיינע אויגן זעען זיי אַלע אויס נאַרישע קעלבער. אַזוינע געפעלן מיר ניט.

— טאָקע ? אַ וואונדער. זי איז דאָך אַזוי שיין...

און סיידיס קאָכעדיקע אויגן האָבן ווידער גענומען שיסן אין אים פייערדיקע פיילן און אירע רויטע ליפּן זיך חנדלען.

— זי זעט אויס נאַריש און אַן לעבן, — האָט ער ווידער געזאָגט.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— עני נאַריש און אַן לעבן ? וואָס פאַלט דיך איין ? פּרואוו דו נאָר מיט איר אַ רייד טאָן. זי קען ריידן, אָהאָ ! זי איז אַ געבילדעט מיידל.

— אַ געבילדעט מיידל ?

— שור. לעזט טאָג און נאַכט ביכער.

— אַזוי ? האָט זי שוין אַ חתן ?

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— אַ חתן פאַר איר דאַרף ערשט געבוירן ווערן. קיין „באָי״ געפעלט איר ניט. וואָס דאַרף זי באָיס, אַז זי האָט אירע ביכער ?

— אפשר גאָר אַ באָלשעוויטשקע ? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — אומזיסט מיין מי...

און ער האָט זי ווייטער געפרעגט:

— איז דיין קוזינע אפשר אַ סאָציאַליסטקע ?

— שור !

האָט ער ווידער אַ טראַכט געטאָן:

„שלעכט !״

— און וואָס פאַר אַ ביכער לייענט זי ?

— ווער ווייסט ? זי נעמט זי אין דער לייברערי.

און מיטאָמאָל האָט סיידי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו ווייסט, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן דיר ?
— וועגן מיר געזאָגט ?
און ער האָט זי אָנגעקוקט מיט נייגעריקע אויגן.
— שור !
ער האָט אַרויסגענומען דעם ציגאַר פונם מויל.
— וואָס האָט זי געזאָגט ?
— אַז דו זעסט אויס ניט אַזוי שרעקלעך ווי מען רעדט וועגן דיר . . .
ער האָט געמאַכט אַ קאָמישע מינע.
— יעס ? ניט אַזוי שרעקלעך ? וואָס האָט זי געמיינט דערמיט ?
סיידי האָט זיך צעלאַכט הייס און הייזעריקלעך.
— דו פאַרשטייסט ניט, וואָס זי האָט געמיינט ?
ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און געענטפערט מיט כלומרשט אַ נאַאיווער מינע :
— איך פאַרשטיי ניט.
— נו, דאָס וואָס דו ביסט אַ „בעד באָי", וואָס דו פאַר־דרייסט דעם קאָפּ די מיידלעך...
ער האָט מיט זעלבסטצופרידנקייט אַ שמייכל געטאָן :
— אָ, דאָס מיינט זי !...
ער איז אויפגעשטאַנען, דורכגעגאַנגען דעם אָפיס אַהין און צוריק און זיך ווידער אָפּגעשטעלט פאַר סיידין מיטן סיגאַר אינם מויל און זיך ווידער אָפּגערופן :
— גלויבט זי, הייסט עס ניט, אַז איך בין אַ שרעקלעכער מענטש... ווען האָט זי דאָס געזאָגט ?
— מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען דו ביסט פאַרבייגעגאַנגען אונדזערע מאַשינען. זי האָט די גאַנצע צייט די אויגן פון דיר ניט אַרונטערגענומען...
— אַזוי ? דו זאָגסט דאָך, אַז באָיס אינטערעסירן איר ניט ?
— אַנדערע באָיס, דו אָבער יאָ. ווייל אַלע מיידלעך דאָ אין

שאַפּ אינטערעסירן זיך מיט דיר און ריידן וועגן דיר, דו בעד באַי. זע איך, אַז זי נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון דיר; פרעג איך זי: „ענני, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקוקט אויף מיסטער רובינען?"

— און וואָס האָט זי געענטפערט?

— ווי איך האָב דיר פריער געזאָגט, אַז דו זעסט ניט אויס אַזוי שרעקלעך, ווי מען רעדט וועגן דיר. פאַרקערט, זי מיינט, אַז דו זעסט אויס נאָך צופיל דזשענטלמאַן. וויניקסטנס מיט איר, מיינט זי, וואָלסטו געוווען אַ דזשענטלמאַן, וואָלסטו געמוזט זיין אַ דזשענטלמאַן...

— איך וואָלט געמוזט זיין אַ דזשענטלמאַן מיט איר. געמוזט, אַזוי? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט איראָניע אינם טאָן, און אַ טראַכט געטאָן מיט דער זיכערקייט פון אַ מאַן, וועלכער איז נאָך ביז אַהער ניט דורכגעפאַלן אין זיינע ראָמאַנען: „אויב אַזוי איז טאָקע אינטערעסאַנט אַ פּרואוו צו טאָן"...

און ער האָט צוגעלייגט:

— אַ דזשענטלמאַן בין איך אַלע מאָל, ניט דווקא מיט אַזוינע ווי זי, וועלכע אינטערעסירן מיך ניט...

— געוועזן ביז דער לעצטער צייט, הערמאַן...

— ביז דער לעצטער צייט?

— די לעצטע צייט האָסטו דיין וואָרט ניט געהאַלטן. געלאָזט מיך אויף דיר וואַרטן און דו ביסט ניט געקומען.

— דו ווייסט פאַרוואָס?

— פאַרוואָס?

— אָט דאָס איז עס, וואָס איך האָב פריער געוואָלט דיר זאָגן...

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צו איר און האָט אַריינגענומען איר האַנט צווישן זיינע ביידע און גערעדט ווייטער אין אַ העפלעכן און פריינדלעכן טאָן:

— סיידי, גלויב מיר, אַז קיין גרעסערער פאַרגעניגן האָב איך ניט, ווי ווען איך פאַרברענג מיט דיר. איך בין אָבער אַ דזשענטל־

מאַן און מוז האָבן אינם זינען ניט נאָר מיין פאַרגעניגן, נאָר אויך דאָס מיידל, וואָס האָט מיר אָנפאַרטרויט איר רעפּוטאַציע. דו דערציילסט מיר, צום ביישפּיל, אַז די בלאָנדע קוזינע דיינע, אָט יענע, מיטן נאַרישן און קעלבערנעם פּנים, האָט דיר געזאָגט, אַז זי גלויבט ניט, וואָס מען רעדט דאָ וועגן דיר און מיר. דאָס באַווייזט, אַז מען רעדט וועגן אונדז. איך האָב וועגן דעם שוין געהערט פריער, און מיין פּאַפּאַ האָט שוין אויך וועגן דעם עפּעס באַמערקט. פאַרשטייסט דאָך, אַז איך קען זיך ניט שפּילן מיט דער רעפּוטאַציע פון דער מיידל, וואָס האָט מיר אַזוי פיל פאַר־געניגן פאַרשאַפט. האָב איך באַשלאָסן דערפאַר, אַז וויינציקסטנס אַ געוויסע צייט דאַרפן מיר אויפגעבן אונדזערע פאַרגעניגן. דו פאַרשטייסט דאָך מיך, סיידי, דו ביסט דאָך אַ קלוג מיידל,— האָט ער גערעדט ווייך און געגלעט איר האַנט.

אירע שוואַרצע, קאָכעדיקע אויגן זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן, בעת זי האָט געקוקט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו אים, און איר קורץ, חוצפּהדיק נעזל האָט זיך עפּעס ווי צעטומלט צו־נויפגעקאָרטשעט, און אירע רויטע ליפּן האָבן זיך אין אַ צע־טומלטן שמייכל געקרימט. אַ ווײַלע האָט זי קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען; דערנאָך אָבער האָט זי שטיל אַרויס־גערעדט:

— אַז מיך אַרט ניט, וואָס אַרט עס דיר?

האָט ער ווידער געגלעט איר האַנט צווישן זיינעביידע און איר געענטפערט אַזוי ווייך ווי נאָר ער אַליין האָט געקענט:

— קינד, דו פאַרשטייסט עס ניט איצט. ווען מען רעדט וועגן דעם, איז עס אַ געפערלעכער שפּיל פאַר דיר. נישט נאָר וועט מיין פּאַפּאַ דיך אַוועקשיקן פונם שאַפּ, נאָר דיין גאַנצע רעפּו־טאַציע... מיין גאָט, איך וואָלט דאָך געוועזן אַ פאַרברעכער קעגן דיר, ווען איך פאַרהיט דיך ניט...

האָט זי פּלוצים אַ ריס געטאָן איר האַנט פון צווישן

זיינעביידע, האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע, און אַ כאַפּ געטאָן דאָס בינטל „אַרבעט" און צערייצט האָט זי אַרויסגערעדט:

— אַי דאַנט קער...

אַ דריי געטאָן די אַקסלען און דעם קורץ־געשאָרענעם שוואַרצן קאָפּ און ווידער געזאָגט:

— אַי דאָנט קער! אָבער באַשטעלן מיך אַזוי פיל מאָל צו קומען דיך טרעפן, האָסטו ניט געדאַרפט. דאָס טוט ניט קיין דזשענטלמאַן. דו האָסט דאָך פריער געוואוסט, אַז דו וועסט ניט קומען. פאַרוואָס האָסטו מיך נאָך געלאָזט וואַרטן שטונדן לאַנג אין טיימס סקווער און אין די האָטעל־לאָבּיס, אַזוי ווי איך וואָלט אַ הונט געווען?!"

איר פּנים האָט געפלאַמט און אין אירע אויגן זיינען גע־שטאַנען טרערן.

— איך האָב דאָס ניט געמיינט, גלויב מיר. יעדעס מאָל בין איך זיכער געווען, אַז איך וועל קומען. דערנאָך אָבער... אַ מענטש מוז אַמאָל אָפּפערן זיין פאַרגעניגן, ווען עס איז נויטיק. דו פאַרשטייסט דאָך עס אַליין; דו ביסט דאָך נישט קיין נאַר, סיידי... אַ באַווייז, זע!...

ער איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט צו איר מיט אַ פּלושענעם קעסטעלע אין דער האַנט און עס געעפנט.

— דו זעסט? אָט דעם שנירל פּערל האָב איך געקויפט פאַר דיר, געוואָלט עס די גאַנצע צייט דיר ברענגען, ווען מיר וועלן זיך טרעפן. וואָס באַווייזט עס, הע?

זי האָט געקוקט אויף דעם שוין רואיקער און אַרומגעטאַפּט עס מיט די אויגן. נאָכדעם האָט זי פּלוצים אַ שמייכל געטאָן:

— טאָקע פאַר מיר?

— געוויס!

— שיינע פּערל.

און זי האָט ווידער אָוועקגעלייגט דעם בינטל „אַרבעט" אויף

דער סאָפע, אַרויסגענומען דאָס שנירל פּערל פונם קעסטעלע און עס אויסגעלייגט אויף אַ האַנט און געקוקט אויף דעם, און גע־קוקט, און געלאַשטשעט עס מיט די אויגן.

— ביו־טי־פול! האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

— דו קענסט דאָס איצט נעמען, אָבער פאָרזיכטיק, מען זאָל עס ביי דיר ניט באַמערקן.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרשיכורטע.

— איצט נעמען? טאָקע?...

— באַהאַלט עס.

— וואו?

זי האָט זיך אַרומגעקוקט פון אויבן ביז אַרונטער און זיך אַרומגעטאַפּט. דערנאָך האָט זי מיטאַמאָל גענומען דאָס קעסטעלע פון זיין האַנט, פאָרזיכטיק אַהין אַריינגעלייגט דאָס שנירל פּערל, אויסגעדרייט זיך צו דעם יונגן רובינען מיטן רוקן און דאָס קעס־טעלע אַרונטערגעלאָזט דורכן קאָלנער אין בוזים אַריין.

— דהענק יו, הערמאַן! — האָט זי געזאָגט, אויסדריי־ענדיק זיך ווידער צו אים מיטן פּנים, און האָט אים אַ קוש געטאָן.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר.

— קערפול, באַי גאַד, איצט מוזטו זיין קערפול, האָט ער געזאָגט און ווידער געשמייכלט. — וועלל, איצט גלויבסטו מיר?

— אָ, יעס, הערמאַן. דיר גלויב איך אַלע מאָל.

— דאַרפסטו מיר אויך גלויבן, אַז מיר מוזן זיך איצט היטן, ביז מען וועט אויפהערן צו ריידן.

— ווי לאַנג?

— דאָס ווענדט זיך אינגאַנצן פון דיר. האַלט זיך, ווי איך וואָלט דיך אינגאַנצן ניט אינטערעסירט. אָט איצט האָסטו ניט געדאַרפט אַריינקומען צו מיר.

— אפשר שפּעטער, ווען אַלע וועלן אַוועק, ווי אַמאָל?...

— ניין, וועגן דעם זאָלסטו אַפילו ניט טראַכטן. איך מוז זיין אין דערהיים פּונקט צו דער מינוט, וואָרים מיין פּאַפּאַ האָט דערשמעקט...

— וועסטו גאָר ניט בענקען נאָך מיר?

— בענקען? און נאָך ווי! אָבער וואָס קען איך העלפן!...

— וועלל, הערמאַן, ווי דו פאַרשטייסט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט געקוקט אויף אים פאַר־טראַכט.

— אַלזאָ, ווען טרעפן מיר זיך ווידער? — האָט זי זיך ווידער אָנגערופן.

— איך וועל דיר לאָזן וויסן.

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו ביסט אָבער צו לאַנג ביי מיר אין אָפיס. קינד, דו מוזט האָבן איצט אינם זינען איין זאַך: וואָס ווייניקער מיך באַמערקן. א י ך בין נישטאָ. דו זעסט מיך נ י ש ט מער. דו פאַרשטייסט? ענד דהאַטס אָל!"

ער האָט גענומען דעם בינטל „אַרבעט" פון דער סאָפע און איר אין דער האַנט אַריינגעשפּאַרט און זי אַ גלעט געטאָן אויפן קורץ געשוירענעם קאָפּ.

— גוד באַי, סיידי. איך האָף, אַז גאָר אין קורצן וועלן מיר זיך קאָנען ווידער טרעפן. פאַרליר ניט די פּערל.

און דעמאָלט האָט זי געזאָגט:

— אַ דאַנק פאַר דעם פּרעזענט!

און זי איז אַרויס פון זיין אָפיס.

און אַז ער איז דערנאָך ווידער געבליבן אַליין, האָט ער זיך ווידער באַקוועם געזעצט אויף זיין פריערדיקן ברייטן שטול, מיט די פיס פאַרוואָרפן אויפן שרייבטיש, אַ גלעט געטאָן זיך דעם קאָפּ־און, באַגייסטערט פון זיך אַליין, האָט ער מיט אַ צו־פרידענעם שמייכל אַ טראַכט געטאָן:

„ווי לייכט איך ווער מיט זיי פֿאַרטיק! איינס, צוויי, דריי, און גוד־באַי!"

און ער האָט צוגעלייגט אין זיינע געדאַנקען:

„דו ביסט אַלרייט, הערמאַן!"

4

אויף מאָרגן איז הערמאַן רובין עטלעכע מאָל אומיסטנע פֿאַרבייגעגאַנגען דעם ראַנד מאַשינען, וואו די בלאָנדע עני איז געזעסן, און יעדעס מאָל ווען זיין אויג האָט געכאַפּט איר שפּאָטישן און פֿאַרחלומטן בלויען בליק האָט זיך אין האַרצן ביי אים אַ ריר געטאָן אַ מין בענקעניש. (סיידי האָט אים גע־וויזן, אַז זי פֿאָלגט אים, און זיך געמאַכט, אַזוי ווי זי וואָלט אים גאָרניט באַמערקט).

און מיטאָג־צייט, ווען אַנדערע פֿון די אַרבעטערינס, צווישן זיי אויך סיידי, זיינען אַוועק אין די רעסטאָראַנען, צו עסן זייער מיטאָג, און ווידער אַנדערע פֿון די אַרבעטערינס, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך „לאָנטש", זיינען געזעסן לעבן זייערע מאַשינען און, עסנדיק, האָבן זיי גערעדט איינע מיט דער אַנדערער, צי אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, אָדער אין אַ בוך, איז הערמאַן רובין ווידער דורכגעלאָפֿן יענעם ראַנד פֿון מאַ־שינען, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איין אַרבעטערין, און זיך אַ וויצל געטאָן מיט איר, ביי אַן אַנדערער מיט אַ וויץ, און איז פּלוצים שטיין געבליבן לעבן עניִן, וועלכע איז געזעסן לעבן פֿענצטער, הינטער איר מאַשין, און האָט אַריינגעקוקט אין אַ בוך, וואָס איז ביי איר געלעגן אויפֿן שויס.

זי איז געזעסן מיטן פּנים צום פֿענצטער, מיטן בלאָנדן קאָפּ מיט די קורץ־געשוירענע האָר און דעם ווייסן שלאַנקן האַלדז איינגעבויגן. דורך איר טונקעלן און דורכזיכטיקן יאַקל

האָבן צאַרט און כישופדיק צו אים אַרויסגעלויכטן אירע מאַר־מאַר־ווייסע אַקסלען און אָרעמס.

— עפּעס אַן אינטערעסאַנטער ראָמאַן ? — האָט ער זיך אָנגערופן, שטייענדיק הינטער איר.

זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און אומגעקוקט זיך אויף אים מיט פאַרוואונדערטע אויגן.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער דערנאָך געזאָגט העפלעך, — איך האָב ניט געמיינט אייך צו איבערשרעקן.

און מיטאַמאָל האָט זיך אין אירע בלויע אויגן צעגאָסן אַ פריילעכער שפּאָט און זי האָט אַרויסגערעדט מיט אַן אָנגענעמער ברוסט־שטים :

— איך בין אַזוי פאַרטאָן געווען אין מיין בוך, אַז איך האָב נאָר ניט געהערט, ווי איר זייט צוגעגאַנגען.

— זייט איר אַלעמאָל אַזאַ שרעקעדיקע ? — האָט ער געפרעגט העפלעך און אויך גוטמוטיק.

— אַ שרעקעדיקע ? אָ, ניין. באַזונדערס שרעק איך זיך ניט פאַר אַ מאַן.

— אַזוי ? — האָט ער זיך אָנגערופן און זיך דערמאָנט, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז מיט איר וואָלט ער געמוזט זיין אַ דזשענטל־מאַן, און דאָס האָט אים נאָך מער גערייצט אָנצוהויבן מיט איר די „באַקאַנטשאַפט” וואָס גיכער און ענערגישער, און ער האָט זיך איינגעגעסן מיט זיינע גרויע, לאַכעדיקע אויגן אין אירע, וואָס האָבן געקוקט אויף אים ווידער האַלב־שפּאָטיש און האַלב־פאַרחלומט, און ווידער עפּעס האָט ער געמוזט זיינע באַלד אַרונטערלאָזן.

— יאָ, אַזוי ! — האָט זי אונטערגעכאַפּט אים אין טאָן, און האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן פון איר אָרט, אַ הויכע, אַ שלאַנקע און אַ בויגיקע, אַ רייצנדע געשטאַלט, און זי האָט אַרויסגע־רעדט :

— איר ווילט מיר עפּעס זאָגן ?

און עפּעס איז ער צעמישט געוואָרן, צעמישט געוואָרן דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן פון אַן אַרבעטערין אין זיין שאַפּ, צי פון דעם שפּאָטישן טאָן אירן, צי פון איר וואונדערלעכער געשטאַלט, וואָס האָט פאַר אים מיטאַמאָל אויפגעשיינט, אַזוי ווי אַ זון וואָלט פּלוצים פאַר אים אויפגעגאַנגען און זיך צעשטראַלט...

ער איז רויט געוואָרן און האָט געענטפערט:

— ניין, איך האָב נאָר געוואָלט פרעגן וואָס איר לייענט.

— וואָס איך לייען? פאַרוואָס? איז דען דאָ געוויסע ביכער פאַרבאָטן צו לייענען?

„צום טייוול, זי לאַכט פון מיר, און איך שטיי ווי אַן אידיאָט", האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און ער האָט זיך אָנגערופן אויך מיט שפּאָט:

— זייט איר שטענדיק אַזוי סאַרקאַסטיש, ווען אַ דזשענטלמאַן רעדט צו אייך?

האָט זי אים מיטאַמאָל דערלאַנגט איר בוך.

— איבסען. האָט איר אים אַמאָל געלייענט?

ער האָט גענומען דעם בוך אין האַנט און אַ קוק געטאָן פריער אויף איר פאַרוואונדערט און מיט אַ שמייכל.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געזאָגט, כלומרשט אין אַ תמעוואָטן טאָן, — אַזוי רופט זיך דער ראָמאַן?

— איר האָט געטראָפן, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן בלאָנדן קאָפּ.

ער האָט אַ בלעטער געטאָן דעם בוך און ווידער אַ שמייכל געטאָן צו איר.

— און ווער געפעלט אייך בעסער: „נאָראַ", צי „העדאַ גאַבלער", צי גאָר „די פרוי פונם ים"? — האָט ער פּלוצים זיך אָנגערופן.

איצט איז זי רויט און צעמישט געוואָרן. וואָרים אין דעם דאָזיקן בוך אירן זיינען דווקא ניט געווען די דאָזיקע דריי

פיעסן, און זי האָט דערזען, אַז זי איז אַריינגעפאַלן. זי איז אָבער גלייך געקומען צו זיך און געענטפערט שוין אין אַ פריינדלעכערן טאָן:

— מיר געפעלט שטאָקמאַן.

— אַ נאַרישער דאָן קיכאָט, האָט ער גענזאָגט.

— אַן ערלעכער קעמפער...

— קעגן ווינט־מילן.

— פאַר דער וואַרהייט, האָט זי זיך אָנגערופן.

— פאַר זיין פאַרהייט, האָט ער באַמערקט.

— נו, געוויס פאַר ז י י ן וואַרהייט, האָט זי זיך אָנגערופן.

— וועלכע איז ניט מיין וואַרהייט! האָט ער זיך צעלאַכט. זי האָט זיך אויך צעלאַכט.

— און וואָס איז אייער וואַרהייט?

— מיין וואַרהייט? האָט ער איבערגעפרעגט און געקוקט איר אין פנים אַריין מיט לאַכעדיקע אויגן, דאָס וועל איך אייך אפשר אַמאָל דערקלערן.

— אַמאָל? גאָט ווייסט ווי לאַנג איך וועל דאָ נאָך אַרבעטן. זיינע אויגן זיינען געוואָרן ערנסט.

— פאַרוואָס? האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט. איך האָב געהערט, אַז איר זענט פון מיין אַרבעט ניט צופרידן. און דעם אמת געזאָגט, האָב איך געמיינט, אַז איר זענט דאָס איצט געקומען מיר הייסן גיין אַהיים.

ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז סיידי האָט דאָס איר געזאָגט. און נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער זיך אָנגערופן:

— יעס, איך האָב נעכטן וועגן דעם גערעדט מיט אייער קוזינע. אָבער אַזוי געפערלעך שלעכט איז אייער אַרבעט ניט.

ער איז אָבער אַנטשוויגן געוואָרן. נאָך דעם קורצן שמועס מיט איר וועגן איבסענס ווערק, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זי איז ווייט ניט פון יענעם מין מיידלעך־אַרבעטערינס, מיט וועלכע

ער האָט ביז אַהער זיינע ראָמאַנען געפירט, און דאָך איז געווען עפּעס אַזוינס אין איר בליק און איר שמייכל און איר גאַנצער האַלטונג, וואָס האָט אים אינטריגירט און זיינע האָפענונגען דערמונטערט, ווי דעם יעגער, וועלכער איז אויף געיעג אַרויס, דער פאַרדעכטיקער גערויש פון אַ חיה ערגעץ...

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

— איך וועל אייך זאָגן: איר ברענגט אַריין שפּעטער אייער אַרבעט צו מיר אין אָפיס און איך וועל אייך אָנווייזן די פעלערן. אומגעפער צווישן דריי און פיר. וועט איר ניט פאַרגעסן?

— געוויס ניט.

ער האָט איר צוריקגעגעבן דעם בוך און איז אַוועקגעלאָפן ווייטער.

5

נאָך דריי, ווען זיין פאָטער איז אַוועק אַהיים און יענע האָט זיך ניט באַוויזן מיט איר אַרבעט, איז הערמאַן רובין געוואָרן אומגעדולדיק, און ער האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעקוקט פון דער טיר אין שאָפּ אַריין, צו זען, אויב יענע קומט ניט.

ער האָט שוין ביי זיך געהאַט אַרומגעטראַכט אַ „פּראָלאָג" — ווי ער האָט עס אין זיינע געדאַנקען גערופן, — פון דעם־דאָזיקן נייעם ראָמאַן זיינעם. ער איז שוין געווען זיכער אין זיינע כוחות, ווי שטענדיק, און אין דעם, אַז ווער זי זאָל ניט זיין, וועט זי סוף־כל־סוף מוזן פאַלן פאַר אים, ווען ער זאָל נאָר אָנווענדן קעגן איר זיין טאַקט און זיין ענערגיע. עס איז אים געווען קלאָר, אַז מיט איר מוז ער אָנשלאָגן אַ גאַנץ אַנדערן טאָן איידער מיט די אַנדערע, אַ פיינעם ליטעראַרישן טאָן.

און אַזוי ווי זי איז געווען אַ לעזערין פון איבסענען, האָט ער אינם זינען געהאַט אָנצוהויבן דעם פּראָלאָג מיט אַ געשפּרעך וועגן ליטעראַטור און דראַמע. די גרויסע גייסטער פון אַן

איבסען, פון בערנאַרד שאָו און פון נאָך אַזוינע רופן צו זיין הילף...

און ער האָט שוין ניט געטראַכט מער וועגן דעם, צי זי איז אַ סאָציאַליסטקע, צי זי איז אַ באָלשעוויטשקע, און אַז זי איז דאָס געווען, איז וואָס? זי איז געווען אַ מיידל און אַן אַרבעטערין אין זיין שאַפּ, און ער איז געווען הערמאַן רובין! פאַרקערט, אויב זי איז אַ באָלשעוויטשקע, איז זי דאָך מסתמא אַ פרייע מיידל. יאָ, יאָ, געוויס אַ פרייע. פון זיין דערפאַרונג האָט ער געוואוסט, אַז יעדע מיידל, וואָס האָט געלייענט אַזוינע ווערק ווי פון איבסען, צי פון בערנאַרד שאָו, איז געווען פריי, וויינקסטנס אין אירע געדאַנקען...

און אַזאַ איינע קאָן מען שטענדיק באַזיגן, ווען מען פאַרשטייט נאָר ווי; ווען מען האָט נאָר זיין טאַקט און זיין פאַרשטענדעניש פאַר פרויען.

אָ, ער וואָלט טאַקע געוואָלט זען יענע מיידל, דאָס הייסט יענע שאַפּ-מיידל, ווער זי זאָל ניט זיין, וואָס ער וואָלט ניט געקאָנט באַזיגן, ווען ער זאָל נאָר באַשליסן זי צו קריגן! (וועגן די רייכע מיידלעך פון זיין קרייז האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט אַזעלכע דרייסטע געדאַנקען).

צום סוף איז זי אַריינגעקומען, — אַ הויכע און אַ שלאַנקע, מיט אַ בויגיקער טאַליע און מיט אַ גראַציעזן ווייסן האַלדז און בלאָנדן קאָפּ. און אין אירע בלויע אויגן און אַרום איר קליינעם מויל האָט זי געטראָגן דעם שפּאָטישן און פאַרחלומטן שמייכל, און אין אירע הענט — אַ בינטל קראַגנס.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איר אַנטקעגן מיט אַ העפלעכער מינע, אַרויסגענומען ביי איר פון די הענט דעם בינטל און העפלעך אַרויסגערעדט:

— אַנטשולדיק, וואָס איך האָב אייך באַמיט...

אַוועקגעלייגט די קראַגנס פאַר זיך אויפן טיש און כלומרשט זיי איבערגעקוקט.

— וואָס, האָט ער מיטאַמאָל אַרויסגערעדט, פּוירפּעקט אַר־בעט, פּוירסט קלעס, דאָס האָט געמוזט זיין אַ טעות.

— אַ טעות ? וואָס מיינט איר ?

— מען האָט די אַרבעט פון עמיצן אַנדערש דאָ געמוזט אָנ־געבן פאַר אייערער. דאָס פּאַסירט אַמאָל. יעדנפאַלס איז גוט, וואָס איך האָב אייער ארבעט געזען. איך וועל הייסן דעם פאַר־מאַן, אַז ער זאָל אייך געבן די בעסטע אַרבעט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן :

— אָ, דאָס איז זייער פיין פון אייך. אַ דאַנק.

האָט צונויפגענומען דעם בינטל קראַגנס פון טיש און שוין געוואָלט אַוועקגיין.

— איין מינוט ! האָט ער זי אָפּגעשטעלט, מיס וואולף, דאַכט זיך ?

— יעס, סער.

— ווי עס שיינט האָט איר פיל געלעזן.

זי האָט זיך צעלאַכט מיט איר אָנגענעמער שטים.

— געוויס, אַניט וואָלט איך דען געקענט מאַכן אַזוינע גוטע קראַגנס ? האָט זי געענטפערט מיט לייכטן שפּאָט אינם קול און געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין.

און ער האָט געקוקט אויף איר געשטאַלט און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דורך איר טונקעלן קלייד שלאָגט אַרויס אַ פרייליכע און פרישע וואַרעמע העלקייט, ווי דורך אַ טונקעלן פאַרהאַנג שטראַלן פון אַ פרילינגס־זון.

ער האָט זיך אָנגערופן :

— איך פיל אייך מיט, מיס וואולף, מיט מיין גאַנצן האַרצן. עס איז באמת צו באַדויערן, וואָס אַזאַ אינטערעסאַנטע פּער־זענלעכקייט, ווי איר, מוזט אַרבעטן אין אַ שאָפּ.

זי האָט ווידער אַ לאַך געטאָן :

— אַן „אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט”, אָהאָ, ווי גיך איר דערקענט עס מענטשן !

איר טאָן האָט אים ווידער מיטאַמאָל צערייצט ווי מיטאָג־

צייט אין שאָפּ. עפּעס איז אין אים געווען שפּאָטישעס, אָפּ־לאַכנדיקס.

און פּלוצים האָט ער אַרויסגערעדט:

— איר זייט אַ סאָציאַליסטקע?

— ניט געטראָפן.

— וואָס דען זייט איר?

— עפּעס, — האָט זי געענטפערט און געקוקט שוין אויף אים קאָמיש און שטיפעריש.

די פּלוצימדיקע שטיפערישע מינע אירע האָט אים באַרר־איקט און נאָך מער פאַראינטריגירט. ער האָט ווידער העפלעך געשמייכלט צו איר.

— עפּעס? האָט ער איבערגעזאָגט, זאָל איך טרעפן וואָס?

— איר וועט ניט טרעפן.

— אפשר זאָלן מיר זיך וועטן?

— איך וועט זיך ניט מיט מיינעם אַ באָס.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב מורא איינצושטעלן.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— האָט איר דאָך מורא!

— און נאָך ווי! האָט זי זיך אָנגערופן ווידער מיט שפּאָט אינם קול, באַזונדערס האָב איך מורא איינצושטעלן מיט אייך. וואָרים מען דערציילט זיך אָן אַזוי פיל שרעקלעכע זאַכן וועגן אייך.

— וועגן מיר? צום ביישפּיל?

— אַ האַרץ־פרעסער, אַ מוראדיקער דאָן זשואַן, — האָט זי גערעדט ווידער אין אַ שטיפערישן טאָן.

— און איר גלויבט עס? האָט ער זיך איינגעגעסן מיט זיינע שמייכלדיקע אויגן אין אירע.

און ווידער האָט זיך אַ שפּאָטישע פרייליכקייט צעגאָסן אין אירע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אין זיינע. און זי האָט גע־ענטפערט:

— זאָגן אייך דעם אמת ?
— געוויס, נאָר דעם אמת, מיט וואולף.
—איך גלויב עס ניט, האָט זי אַ שאָקל געטאָן דעם בלאָנדן קאָפּ און שטיפעריש געשמייכלט צו אים. — איר מאַכט ניט אויף מיר דעם שרעקלעכן אנדרוק פון אַ דאָן זשואַן. איך בין זיכער, אַז מיין האַרץ וואָלט איך געקענט פאַרהיטן פון אייך...

און ווי אַן אַרויספאָדערונג האָט עס געקלונגען פאַר אים... ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל ? וואָס מיינט זי מיט אירע ווערטער ? און דערדאָזיקער טאָן, דידאָזיקע האַלטונג און נאָך דעם ערשטן מאָל, ווען זי איז ביי אים אין אָפּיס געווען !...

— אַזוי זיכער זייט איר ? האָט ער ארויסגערעדט און זיך ווידער איינגעגעסן אין איר מיט די אויגן.

— אַזוי זיכער בין איך,—האָט זי געענטפערט אים אין טאָן.

— זאָל איך פּרואוון ?

— אַ רחמנות אויף אייך, — האָט זי זיך צעלאַכט.

— האָט נאָר ניט קיין רחמנות אויף מיר, מיס וואולף,—האָט ער זיך אָנגערופן, אַלץ מער פאַראינטריגירט פון איר.

ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר.

און דעמאָלט האָט זי מיטאַמאָל אָוועקגעלייגט אויפן טיש איר בינטל, אַרויסגעכאַפּט אַ קעסטעלע מיט ציגאַרעטן פון צווישן די פאַלדן ערגעץ פון איר קלייד און געזאָגט :

— ווען איר זענט שוין יאָ אַזאַ דזשענטלמאַן, מיין איך, אַז איר וועט נישט האָבן דאקעגן, ווען איך וועל דאָ אויס־רויכערן אַ ציגאַרעט.

און אַ צעטומלטער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— געוויס, געוויס...

און אַליין אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און צוגעטראָגן צום צי־גאַרעטל, וואָס די בלאָנדע ענגי האָט שוין צווישן אירע ליפּן גע־האַלטן.

און זי האָט גערויכערט מעשה מאַן, לאַנזדיק ווייסע ריג־

געלעך פון צווישן אירע רייצנד־צונויפגעלייגטע ליפּן און דורך איר נאָז.

און ער, קוקנדיק אויף איר, איז געוואָרן גאָר דרייסט אין זיינע געדאַנקען. ווי טיר און פענצטער וואָלטן זי פאַר אים געעפנט און גערופן צו אים: „קום נאָר אַריין!"

ווייל דאָסדאָזיקע ציגאַרעטל האָט אַזוי ווי אונטערגע־שטראָכן אירע ביזאַהעריקע רייד און האַלטונג. און אויב ער, הער־מאַן, האָט פריער זיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ מין פויגל איז זי, האָט דאָס דאָזיקע ציגאַרעטל דאָס אים פאַרטייטשט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, און ער האָט שוין קלאָר געוואוסט, וואָס פאַר אַ פויגל זי איז...

אמת, אַנדערע, פון די רייכע מיידלעך אין זיין קרייז, ווי גערטרוד, למשל, האָט אויך אַמאָל אַ ציגאַרעט גערויכערט, ביי זיי אָבער איז דאָס געווען לעצטע מאָדע, גוטער טאָן; אָבער ביי אַן אַרבעטער־מיידל, ווען זי האָט גערויכערט, איז דאָס שטענ־דיק געווען אין יענער צייט אַן אויסדרוק פון הפקרות...

אַזוי איז געווען די מיינונג פון אים, הערמאַן רובין, וועלכער האָט אַזוי גוט געקענט, ווי ער אַליין איז איבערצייגט געווען, די אַרבעטער־מיידלעך, און ער, הערמאַן רובין, האָט זעלטן־ווען אַ טעות־געהאַט, — אין דעם איז ער אויך איבערצייגט געווען.

האָט ער איצט וועגן איר גאָר דרייסטע געדאַנקען געהאַט און האָט מיט שטאָלץ געטראַכט, אַז זיין אויג נאַרט אים קיינמאָל ניט אָפּ — איינמאָל אַן אויג!...

און פּלוצים האָט ער זיך געווענדט צו איר און זי אַ לאַ־שטשע געטאָן מיט זיינע אויגן.

— פאַרוואָס זיצט איר ניט, מיס וואָלף?

האָט זי אים גלייכגילטיק געענטפערט:

— דהענק יו, סער. נאָך אַ פּאָר צי און איך גיי!

און זי האָט אָפּגעוואָרפן איר בלאָנדן קאָפּ אַהינטער און

אַרויסגעלאָזט אַ ווייס רינגעלע פון צווישן די ליפּן, איין רינגעלע, אַ צווייטן, און שטיפעריש אַ בלאָז געטאָן דאָס צו אים צו.

האָט ער מיט זיין שמייכל זי אַ גלעט געטאָן, גענומען זיין שטול און צוגערוקט צו איר, גראַציעז אַ מאַך געטאָן צו איר מיט אַ האַנט און ווידער געזאָגט:

— זיצט.

זי איז געבליבן שטיין.

— סיידן, ווען איר וועט אַהער ברענגען מיין מאַשין, וועל איך זיך זעצן.

האָט אַוועקגעוואָרפן דעם סיגאַרעטל, אַ בלאָז געטאָן אי־בער אירע שפּיץ פינגער און גענומען דעם בינטל קראַגנס פונם טיש.

— איר גייט אַוועק, שוין אַוועק? האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— מיין באָס דאַרף האָבן די אַרבעט, האָט זי געענטפערט, און געציילט די קראַגנס.

— בלייבט דאָ נאָך אַ ווײַלע.

— אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס, האָט זי זיך ווידער אָנ־געררופן, און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

— מיס וואולף, איך וויל אייך עפּעס דרעציילן, — האָט ער פּלוצים ווי מיט התפּעלות זיך אַ כאַפּ געטאָן.

זי האָט אומגעדרייט איר פּנים צו אים איבער איר אַקסל.

— עפּעס אינטערעסאַנטעס?

— זייער.

— וועט איר מיר דאָס דערציילן אַן אַנדערש מאָל. אַ שאָד די צייט. איך וואָלט שוין געקענט פאַרדינען אַ צען סענט.

— איך וועל זען, אַז איר זאָלט ניט פאַרלירן, — האָט ער געזאָגט.

— שור?

— שור! אַז איר זאָלט נאָך מער פֿאַרדינען...

— יאָ? אַט איצט ערשט זע איך, אַז איר זענט אַ ריכטיקער דזשענטלמאַן — האָט זי אין אַ קאָמישן טאָן אַרויסגערעדט.

און זיך אויסגעדרייט צו אים אינגאַנצן און צוגעלייגט:

— אַט איצט דערציילט, אויב עס איז נאָר אינטערעסאַנט.

— איך האָב געוואָלט אייך דערציילן, אַז ווען איך בין לעצטן יאָר געווען אין פּאַריז, האָב איך געזען אויף אַן אויסשטעלונג אַ בילד, וואָס איך וואָלט געשוואָרן, אַז איר זענט זיין אָרי־גינאַל...

— אַזאַ מיאוס בילד?

— אַזאַ שיין בילד. איך האָב זיך ממש אין דעם פֿאַרליבט. געוואָלט עס קויפֿן; דער קינסטלער האָט עס אָבער ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן...

— אַסימן, האָט זי אונטערגעכאַפּט מיט לאַכנדיקע אויגן.

— אַ סימן פֿון וואָס?

— אַז ניט יעדער שיין בילד קען מען קויפֿן—האָט זי געזאָגט און צוגעלייגט שטיפֿעריש—איבערהויפּט, ווי איך זע, האָט איר ביי אייך אינם האַרצן צופֿיל פּעטראָלעאום, באַלד־וואָס כאַפּט זיך עס אָן און ברענט...

— איז דאָס שלעכט?

— אָבער אַמאָל איז אַ שאָד דער פּעטראָלעאום...

— ווי אינטערעסאַנט איר זענט, — האָט ער דאַן געזאָגט און זי געלאַשטשעט מיט זיינע אויגן.

— אַ שאָד דער פּעטראָלעאום, — האָט זי באַמערקט שטאַר־קער.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין אייער טובה. וואָס האַלט איר מיך אָפּ?

— עס איז מיר אַזוי אַנגענעם מיט אייך.

— איך אַמוזיר אייך, האַ?

— איך זאָג אייך, איר זענט דאָס אינטערעסאַנטסטע מיידל, וואָס איך האָב ווען געטראָפן.

— זאָגט איר עס אַלעמען ?

— ניין, קיינעם ניט.

— ניט אפילו סיידין ?

ער איז אָפּגעטראָטן פון איר מיט אַ באַליידיקטער מינע.

— איר באַליידיקט מיך, מיס וואולף, און אויך זיך אַליין. גלויבט ניט, וואָס מען רעדט. אַ מיידל פון סיידיס טיפּ קען מיך ניט אינטערעסירן, דאָס דאַרפט איר אַליין פאַרשטיין. יאָ, איך גיב צו : איך האָב ליב פרויען, איך האָב זייער ליב פרויען, און איך קען ליב האָבן, גלויבט מיר ! — איז ער צוגעגאַנגען צו איר נעענטער און זי געלאַשטשעט מיט די אויגן, און אַריינגע־געבן אַ פייערדיקן טאָן אין זיינע ווערטער — אָבער די פרוי, וואָס איך ליב, מוז ווערט זיין מיין ליבע.

אירע אויגן האָבן געלאַכט און געשטיפט.

— און ווי דאַרף זיין די פרוי, וועלכע זאָל ווערט זיין אייער, ווי רופט איר דאָס — ליבע ? יאָ, ליבע, ליבע ! אַלזאָ, ווי דאַרף זיין דידאָזיקע פרוי ?

— צאַרט, העל, און גייסטרייך, און זאָל האָבן אַזוינע קליינע און ווייסע הענטלעך, צום ביישפּיל, ווי איר...

— אַ־אַי !—האָט זי אויסגעשריען—היט אייער פּעטראַלעאום! קליינע ווייסע הענטלעך קענען האָבן גרויסע, שאַרפע נעגל.

— דווקא אַזעלכע געפעלן מיר — האָט ער אַ שמייכל גע־טאָן.

— ווייל איר קענט זיי ניט. זאָל אייך דער גאָט פון אייער ליבע באַשיצן און באַשירעמען פון אַזעלכע.

— איר מיינט פון אייך אַליין אויך, מיס וואולף ?

זי האָט זיך צעלאַכט.

— הערסט, צו מיר דאַרפט איר ערשט האָבן אַ שטאַרקן גאָט ; אָבער איך גלויב ניט, אויב אַפילו ער אַליין וועט אייך קענען העלפן...

— אַזוי שטאַרק זענט איר ?—האָט ער מיטאַמאָל אַרויס־גערעדט שטילער און פאַרשטיקט, און אין זיינע אויגן האָט אַ פייערל זיך אָנגעצונדן, וועלכעס איז אַזוי באַקאַנט געווען זיי־נע פריערדיקע מיידלעך אין יענע מינוטן, בעת דערדאַזיקער דזשענטלמאַן האָט זיך פּלוצים אין אַ ווילדן פאַרוואַנדלט...

אויף זיינע נאַזלעכער האָט אַ ווייסקייט געציטערט, ווי ביי אַ צערייצטן הונט.

זי האָט אים ניט געענטפערט און געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט פריילעכן שפּאָט אין די בלויע אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט אים.

נאָכדעם האָט ער זיך מיטאַמאָל צעלאַכט:

— אויב אַזוי, וועל איך מוזן פּרואוון, ווי שטאַרק איר זייט, האָט ער געזאָגט, זאָל איך פּרואוון ?

— אויב איר פרעגט, וועט איר ניט פּרואוון — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— איר ווילט אָבער, אַז איך זאָל פּרואוון ?

— וואָס אַרט עס מיך ? מיר וועט דער קאָפּ דערפון ניט וויי טאָן.

— און מיר יאָ ?

— אפשר.

— וועל איך ריזיקירן דעם קאָפּ, איך האָב ליב צו ריזיקירן.

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט:

— זאָל אייך גאָט העלפן !

און זי האָט זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג; ער האָט זי ווידער אָפּגעשטעלט:

— איין מינוט, מיס וואולף. איך האָב צוויי טיקעטס פאַר היינטיקן אָוונט צו אַ קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל; די ליידי, וועלכע האָט געזאָלט גיין מיט מיר, איז היינט פאַרנומען. וואָלט איר אפשר געגאַנגען ?

און זי האָט אים געענטפערט:

— שוין אַזוי גיך פאַרבייטן אייך אייערע לײדעס? אַ ביסעלע צו־פרי, דענקט איר ניט?

ער האָט זיך אָנגערופן:

— וועלל, וועלל, איר האַלט אויך פון אַזעלכע צערעמאָניעס?

— פאַרוואָס ניט?

— איר מאַכט ניט אַזאַ איינדרוק...

— אָ, שרעקלעכער איינדרוק—האָט זי שטיפעריש אַ שמייכל געטאָן—איך שטעל זיך מיך פאָר, וואָס איר דענקט דאָרט וועגן מיר!

— ווי וועגן אַ פריי־גייסט...

— ווי וועגן אַ פריי־גייסט אין דעם ערגסטן זין, ניט אמת?

— אין דעם אָנגענעמסטן זין...

— יאָ, אין דעם אָנגענעמסטן זין. מעגט איר, אַלזאָ, ראַזיקירן, — האָט זי אונטערגעכאַפּט אים אין טאָן.

— קומט מיט מיר היינט צום קאָנצערט—האָט ער זי גענומען בעטן, — איר האָט מורא, זאָגט דעם אמת?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מורא? אָ, ניין, ניין, ניין! דער אמת איז, איך וואָלט זיכער מיט אייך געגאַנגען, ווייל איר זייט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער דזשענטלמאַן און איך האָב אויך ליב צו ריזיקירן אַזוי ווי איר, גיי איך אָבער היינט מיט אַן אַנדער דזשענטלמאַן אויך צו אַ קאָנצערט. מיט אייך וועל איך גיין אַן אַנדערש מאָל, אויב איר וועט נאָר קיין חרטה ניט האָבן ביז דעמאָלט...

— אפשר מאָרגן צו דער אָזערעטע?

— זאָל זיין אפילו מאָרגן צו אַן אָפּערעטע.

ער האָט דערפילט אַ בענקעניש אין זיין האַרצן.

— אפשר וואָלט איר מיט אייער דזשענטלמאַן אַן אַנדערש מאָל געגאַנגען, און היינט מיט מיר?

— דאָס טו איך ניט. אַ צו־שיינער דזשענטלמאַן!

— און אייער קוזינע האָט מיר דערציילט—האָט זיך ביי אים מיטאָמאָל אַרויסגעריסן—אַז איר האַלט ניט פון די באָיעס, איך מיין פון די איסט־סייד באָיס.

— סיידי קען מיך אַזוי, פונקט ווי איר קענט מיך איצט!

האָט זי זיך שפּאָטיש צעלאַכט, און זי איז אַרויסגעלאָפן פון זיין אָפיס.

ערשט איצט איז ער ווידער צעטומלט געוואָרן; און דאָס, וואָס עס איז אים ערשט ניט לאַנג, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַזוי קלאָר געווען, האָט זיך באַצויגן ווי מיט אַ שלייער. און ווידער איז זי פאַר אים אַ סוד געווען, איצט אַ סך מער סוד איידער פריער...

און מיט צעטומלטע אויגן האָט ער געקוקט אויף דער טיר, דורך וועלכער זי איז פאַרשוואונדן, און ער האָט געטראַכט מיט אַ בענקעניש אין האַרצן:

„טייוול, ווער איז זי און וואָס איז זי?!"

6

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען ער איז געקומען אין שאַפּ, האָט ער זיך עפּעס געסודעט מיט זיין פאָרמאַן. און נאָך דריי, ווען ער איז געזעסן אין זיין פּריוואַט־אָפיס, איז סיידי מיט־אַמאָל אַריינגעקומען צו אים, און זי האָט אויסגעזען צעטראָגן און אויפגערעגט.

ער האָט זי דערזען, האָט ער העפלעך אַ מאַך געטאָן צו איר מיטן קאָפּ און גלייך אָנגענומען די רער פונם טעלעפאָן, גרייט צו ריידן.

— ווייסט, אַז מען שיקט מיך אַוועק פונם שאַפּ? האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערדיקן קול.

— העלאָו !, האָט ער ארוונגערעדט אין טעלעפאָן, און פאַר־לאַנגט אַ געוויסן נומער.

און דערנאָך האָט ער איר געענטפערט מיט אַ באַדויערונג אין טאָן:

— דאָס איז, ווייל דו ביסט נעכטן געווען צו לאַנג ביי מיר אין אָפיס. מיין פאָטער האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, און היינט... וואָס קען איך העלפן ? איך האָב דיך געוואָרנט...

און האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן צום טעלעפאָן:

„העללאָ ! העללאָ ! מיסטער זילבערג, פּליס !...

און זיך ווידער געווענדעט צו איר:

— אָבער דו מעגסט זיין זיכער, אַז דאָס איז נאָר אויף אַ קורצער צייט. אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער וועל איך דיך צו־ריק אַריינגעמען אין שאַפּ. איך וועל דיר לאָזן וויסן...

און אויפגערעגט האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן פאַרריסן נעזל און האָט אַרויסגערעדט:

— דהענק יו. בעסער לאָז מיר ניט וויסן. איך וועל סיי־ווי־סיי ניט קומען; אַי דאָנט קער !...״

און אַז ער האָט דאָן גענומען ריידן אין טעלעפאָן, זיי־נען אירע אויגן פּלוצים פאַרלאָפן מיט טרערן, און דעם קורץ־געשוירענעם, שייגעצעוואַטן, שוואַרצן קאָפּ האָט זי אַרונ־טערגעלאָזט, און זי האָט אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן רוקן און אַזוי פאַרלאָזן זיין אָפיס, אָפילו אָן אַ „גוד באַי״.

ער האָט נאָכדעם גערעדט אין טעלעפאָן, און זיינע אויגן האָבן זי מיט אַ שמייכל באַגלייט...

און שפּעטער, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען מיס וואולף, איז סיידי שוין לעבן איר ניט געזעסן, און איר מאַשין איז גע־שטאַנען ליידיק און שטום צווישן די אַנדערע שרייענדיקע מאַשינען.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיס וואולף און זי האָט אים ניט באַמערקט, האָט איינגעגראָבן די אויגן אין איר אַרבעט און ניט אַ קוק געטאָן אין זיין זייט.

האָט ער זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַרבעטערין, אַ ביסעלע ווייטער פון מיס וואולפס מאַשין, און זיך גענומען מיט איר ווינצלען. נאָכדעם איז ער פּלוצים צוגעגאַנגען צו סיידיס לייי־דיקער מאַשין און האָט זי איבערגעדעקט. בעת דעם האָט ער זיך מיט אַ העפלעכן שמייכל געווענדעט צו מיס וואולף, מיט זיין עלנבויגן אָנגעשפּאַרט גראַציעז אַן דער איבערגעדעקטער מאַ־שין:

— מיס וואולף, ווי פילט איר זיך עפּעס היינט?

ערשט איצט האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט איר געוויינלעכן האַלב־שפּאָטישן און האַלב־פאַרחלומטן שמייכל און זי האָט געענטפערט:

— אָ, גאַנץ גוט, סער... וואָס האָט דאָרט פּאַסירט מיט סיי־דין? — האָט זי מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— אָ, קיין זאַך ניט באַזונדערס. מען האָט איר נאָר אָפּ־געלייגט אויף אַ קורצער צייט. מיר האָבן ניט גענוג אַרבעט פאַר אַלעמען. דאָס איז אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. פּונקט אַכט וועל איך היינט וואַרטן אויף אייך לעבן מאַנהעטן אַפּערע הויז — האָט ער זיך אונטערגעבראָכן.

— איך וועל ניט קענען קומען, — האָט זי זיך אָפּגערופן.

האָט ער זי אָנגעקוקט צעמישט.

— פאַרוואָס?

— איך וועל ניט קענען.

— איך האָב דאָך שוין די טיקעטס?

— גייט מיט עמיצן אַנדערש.

איז ער געוואָרן אויפגערעגט.

— איך פאַרשטיי אייך ניט.

— נו!

— דאָס איז ניט שיין. האַלט איר אַלע מאָל אַזוי אייערע אַפּאָינטמענטס?

— ווי אַמאָל.

— איך האָב נאָך אַזאַ ערפאַרונג ביז אַהער קיינמאָל ניט געהאַט.

האָט זי זיך צעלאַכט:

— נו, וועט איר איצט האָבן אַזאַ ערפאַרונג...

איז ער נאָך מער אויפגערעגט געוואָרן.

„צום טייוול", — האָט ער צו איר געזאָגט אין זיינע געדאַנקען, — דו שפּילסט זיך דאָס מיט מיר, צי וואָס? איך קען דיך איינגאַנצן שיקן טו העל, אַהין, וואו איך האָב דיין קוזינע אַוועקגעשיקט".

דערנאָך האָט ער זיך אָבער אָנגערופן ווידער העפלעך:

— וועלל, מיס וואולף, איך באַדויער זייער, וואָס איך וועל היינט מוזן גיין מיט עמיצן אַנדערש, ווי איר זאָגט. קען איך אָבער האָפן, אַז איר...

— ווען איך וועל זיין אויפגעלייגט, האָט זי געענטפערט.

— און ווען זענט איר אויפגעלייגט?

— ווען איך בין אויפגעלייגט, סער! — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— וועל איך וואַרטן, — האָט ער געזאָגט, און איז אַוועק פון איר אַן אַנטוישטער און אַן אויפגערעגטער און געטראַכט שוין:

„אָ, מיט איר, ווי עס ווייזט אויס, וועל איך האָבן אַ שווערן „דזשאָב"; אָבער זאָל זי נאָר מיט מיר אַמאָל אַרויס־גיין"...

און נאָכדעם איז ער אַרומגעגאַנגען איבער זיין אָפיס און האָט זיך געפילט ווי אַן אָפּגעבאַרטער, צעבאַלעוועטער יינגל, טיף־באַליידיקט, און ער האָט אַי געבענקט נאָך איר, אַי איר אין זיינע געדאַנקען געסטראַשעט...

ער האָט עס גאָרניט געקענט פאַרשטיין: סטייטש, ער, הערמאַן רובין, זאָל זיך דאַרפן בעטן ביי זיינער אַ שאָפּ־

מיידל, זי זאָל מיט אים ערגעץ גיין צו פאַרברענגען און זי זאָל אים נאָך באַהאַנדלען ווי אַ ייִנגל! וואַרטן ביז זי וועט זיין אויפגעלייגט... אָזאַ לײדי, צום טייוול!... אָל־ראַיט, ער וועט וואַרטן און ער וועט זיך דערוואַרטן. אויב זי שפּילט זיך אַזוי מיט אים, וועט זי זיך דערשפּילן. און אויב זי גלויבט אויף אַן אמת, אַז זי האָט שאַרפע נעגל, ווי זי האָט נעכטן אים געזאָגט, וועט ער איר שוין זיי אַרונטערהאַקן. אָ, ער וועט איר שוין ווייזן, ווער הערמאַן רובין איז!

און צום סוף איז ער ווידער אַריינגעלאָפן אין שאַפּ, פאַרבייגעגאַנגען איר מאַשין, כדי נאָך אַמאָל צו זען דעם בלאָנדן קאָפּ מיט די בלויע אויגן, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַנדער אַרבעטערין, ניט ווייט פון איר, און געוואָרפן פון דער זייט בליקן אויף דעם בלאָנדן קאָפּ און דעם ווייסן שלאַנקן האַלדז, האָט גערעדט צו דער אַרבעטערין און געטראַכט וועגן עני וואולף מיט בענקעניש אינם האַרצן.

***

צוויי וואָכן זיינען אַזוי אַוועק, און זי איז נאָך אַלץ מיט אים ניט אַרויסגעגאַנגען צו פאַרברענגען. און ער האָט געוואַרט אויף דעם, שוין אינגאַנצן מיט אַ פאַרטשאַדעטן קאָפּ און פאַר־טשאַדעטע געפילן... וואָרים אין דעם משך פון דידאָזיקע צוויי וואָכן איז זי געוואָרן זיין הויפּט־געדאַנק. כסדר האָט ער גע־טראַכט וועגן איר און נאָכאַנאַנד האָט זי זיך געטראָגן פאַר זיינע אויגן אין איר גאַנצער כישופדיקער שיינקייט און זיינע געפילן געטשאַדעט און געצונדן.

און ער האָט שוין ניט געטראַכט מער וועגן דעם, צי זי שפּילט זיך ניט מיט אים, אַזוי ווי עס טראַכט ניט דער שווימער, וועלכער טראָגט זיך, פון דעם שטאַרקן שטראָם פאַר־

כאַפּט, וועגן דעם, צי עס שפּילט זיך ניט מיט אים דער שטראָם־אימפּעט...

ער, הערמאַן רובין, וועלכער האָט ביז אַהער געמיינט, אַז יעדע פון זיינע שאָפּ־מיידלעך איז אַ פּילקע אין זיינע הענט, האָט זיך איצט אויף אַ גאַנץ אומגעריכטן און אומפאַרשטענדלעכן אופן פאַר אים געטראָגן עפּעס ווי אין אַ ווירוואַר, פון אַ סודותפולער און אימפּעטיקער קראַפט־פאַרכאַפּט, פון אַ קראַפט וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון דער בלאָנדער מיס וואולף און פון וועלכער עס איז אים שווער געווען אַרויסצורייסן זיך...

נאָכאַנאַנד האָט אים געצויגן און געשלעפּט צו וואַרפן זיין בענקענדיק אויג אַהין, וואו זי איז געזעסן. נאָר זי האָט ער געזען אין דעם גאַנצן שאָפּ זיינעם. נאָר זי האָבן זיינע בליקן געזוכט. געקומען אין שאָפּ, האָבן זיינע בליקן גלייך צו איר אַוועקגעבלאָנדזשעט. און אין זיין אָפיס, ווען ער איז געזעסן, האָט געשוועבט פאַר אים דער בלאָנדער קאָפּ, מיט די פאַר־חלומטע שמייכלענדיקע, און אַמאָל מיט שטיפעריש־שפּאָטישע, אויגן, פון וועלכע אַ בלויער ים, מיט די שענסטע סודות, האָט אַרויסגעחלומט פאַר אים...

און געטראַכט האָט ער וועגן איר מיט בענקעניש און אַמאָל — מיט אָנגעצונדענעם בלוט, ווילד און ברוטאַל...

מיטאָג־צייט איז ער שטענדיק צוגעגאַנגען צו איר און האָט זיך געזעצט לעבן איר און געשמועסט מיט איר. אַזוי זיצן איז ער קיינמאָל לעבן זיינע פריערדיקע מיידלעך ניט געזעסן.

נאָטירלעך האָט מען זיך אינם שאָפּ געסודעט:

„די בלאָנדע האָט פאַרנומען סיידיס פּלאַץ".

און ענידי וואולף האָט געפילט, אַז דאָס סודעט מען זיך וועגן איר און הערמאַן רובינען, און האָט אויך וועגן דעם געוואוסט פון די אַנצוהערענישן, וואָס אַנדערע פון די אַרבעטע־

רינס האָבן איר געגעבן, און זי האָט מיט אַ פריילעכן שפּאָט געשמייכלט.

און, ווען ער איז געזעסן לעבן איר, האָט זי אָפּט הויך אויפן קול געלאַכט, די אַנדערע, וואָס האָבן גערעדט וועגן איר, ווי אויף צו־להכעיס, און געשטיפּט מיט איר שמייכל און מיט אירע בלויע אויגן.

און אין אַזוינע מאָמענטן האָט הערמאַן רובין זי ווידער און ווידער איינגעלאַדן, אַרויסצוגיין מיט אים צו פאַרברענגען אַן אָוונט, און שטענדיק האָט זי זיך פון דעם אָפּגעזאָגט מיט אַ וויץ, אַ קלוג ווערטל, וואָס האָט אים תמיד נאָך מער צעטומלט און צערייצט.

און מיט אַ צעטומלטן שמייכל האָט ער דערנאָך אַמאָל געטראַכט:

„קלוג ווי אַ טייוול. איך האָב מורא, אַז איך וועל מיט איר גאָר ניט מאַכן!"

און אַמאָל האָט ער זיך איינגעגעסן מיט הונגעריקע אויגן אין דער צאַרטער ווייסקייט פון אירע אָרעמס און אַקסלען, וואָס האָבן אַרויסגעכישופט דורך דעם דורכזיכטיקן יאַקל אירן, און האָט צערייצט און עקשנותדיק געטראַכט:

„מיר וועלן זען, דו וועסט זיך שוין ניט אויסדרייען!"

ניט אַלעמאָל איז זי זיך באַגאַנגען מיט אים גלייך. אַמאָל איז זי געווען מיט אים פריינדלעך, האָט אים ממש מיט זון באַגאָסן, און מיט איר בליק און שמייכל אים אַלצדינג צוגעזאָגט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, און פריידיקע האָפענונגען אין זיין האַרצן געוועקט; און אַן אַנדערש מאָל איז זי געווען אומגעדולדיק און אויפגערעגט, און סאַרקאַסטיש, און עס האָט געבלאָזן פון איר אַ קעלט ממש...

דעמאָלט איז ער אויך אויפגערעגט געוואָרן. בייז געווען אי אויף איר, אי אויף זיך אַליין, הלמאי ער דולט זיך אַזוי אַ קאָפּ מיט אַ שאַפּ־מיידל און הלמאי שיקט ער זי ניט צום

טייוול, און אין דער אייגענער צייט האָט ער ווי עפּעס מורא געהאַט אַן אויפגערעגטן וואָרט אַרויסצוברענגען, טאָמער וועט ער זי באַליידיקן. און ער האָט געשמייכלט צו איר פריינדלעך און העפלעך, מיט זיין שמייכל געפּרואווט איר קעלט צו דערוואַרעמען...

געוויינלעך האָט זי מיט אים געשמועסט וועגן די ביכער, וואָס זי האָט געליינענט און וועלכע זיינען אים אויך געווען באַקאַנט.

און אָט דער ליטעראַרישער שמועס, הגם ער, הערמאַן רובין, האָט שטענדיק מיט פאַרשטענדעניש און אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן אים אונטערהאַלטן, איז אים ניט אַלעמאָל אָנגענעם געווען.

ווייל דערדאָזיקער שמועס האָט זי אָוועקגעשטעלט אויף אַ גאַנץ אַנדערן שטאַפּל, וואו די פריערדיקע מיידלעך פון זיינע ראָמאַנען זיינען געשטאַנען ; עס האָט ווי גערעדט צו אים: „איך בין ניט פון די שאָפּ־מיידלעך, וואָס דו קענסט ; איך בין אַזוי אינטעליגענט ווי דו, און בעסער לאָז מיך צורו, ווייל דו וועסט בלייבן אַ נאַר".

האָט ער דערפאַר אַמאָל געזוכט איבערצופירן זייער שמועס אויף דער טעמע : „ליבע צווישן מאַן און פרוי".

אַ שמועס אויף דערדאָזיקער טעמע איז אים געווען מער צום האַרצן, ווייל דאַן האָט ער געהערט פון איר אַזוינע פרייע מיינונגען, וועלכע האָבן אים ווי פאַרזיכערט, אַז זיין מי וועט סוף־כל־סוף ניט זיין אַרויסגעוואָרפן. און, חוץ דעם, האָט אַזאַ שמועס, וועגן ליבע צווישן מאַן און פרוי, טיילווייז אויך געקילט זיין אָנגעצונדענעם בלוט...

און איינמאָל האָט זי אים באַזונדערס איבערראַשט מיט אַ פּאָר מיינונגען. די פרימאָרגנדיקע צייטונגען האָבן אין יענעם טאָג געבראַכט אַ שטיקל נייס וועגן אַ מיידל, וואָס האָט דערשאָסן איר פאַרפירער.

האָט עני וואולף דעמאָלט געפרעגט ביי אים, ווען ער איז מיטאָג־צייט צוגעגאַנגען צו איר, וואָס ער דענקט וועגן דערדאָזיקער געשיכטע.

האָט ער אַ ציי געטאָן די אַקסל.

— ווער ווייסט?

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן:

— אַ פאַרפירערין האָט דערשאָסן דעם מאַן, וואָס זי האָט פאַרפירט...

ער האָט זי אָנגעקוקט.

— איר קענט זי דען?

— זי קען איך ניט. איך קען אָבער די פרוי. — האָט זי געענטפערט מיט אַן ערנסטער מינע, — און אויך דעם מאַן.

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין, אַז דער מאַן פאַרפירט קיינמאָל ניט די פרוי, נאָר דווקא פאַרקערט. און אַז דער גאַנצער געשריי וועגן מענער־פאַרפירער, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעמדאָזיקן ענין טיפער, איז אַ פאַלשער.

זי האָט גערעדט מיט זיכערקייט אינם טאָן און דאָך האָט ער ניט געקענט גלויבן, אַז זי מיינט באמת דאָס, וואָס זי זאָגט. און מיט אַ שמייכל האָט ער באַמערקט:

— אַוודאי זיינען די פרויען שולדיק. ווער דען, מיר?

— זיכער ניט איר. כאָטש איר מיינט, אַז איר זענט אַ געפערלעכער הערצער־ברעכער. יעס, מיסטער דאָן זשואַן,— האָט זי צוגעלייגט מיט אַן איראָנישן שמייכל,—גלויבט ניט אין די שרעקלעכע מעשיות, וואָס מען דערציילט זיך אָן וועגן אייך. איר זייט גאָרניט אַזוי שרעקלעך. ניט איר האָט פאַרפירט, נאָר מען האָט אייך שטענדיק פאַרפירט...

ער האָט געקוקט אויף איר מיט גרויסע אויגן.

— אינטערעסאַנט. איר מיינט עס ערנסט?

— וואָס דען, איר מיינט, אַז איך שפּאַס? וואָס הייסט פאַר־פירן אַ פרוי? די ערשטע זאַך מוז זי געפעלן דעם מאַן, ניט

אמת? דאָס הייסט, זי מוז האָבן אין זיך דאָס, וואָס ציט אים צו, דעם פּאַרפירערישן כוח, און דערנאָך ערשט זיך לאָזן פון אים פאַרפירן, אָדער, ריכטיקער, דערנאָך ערשט א י ם פ אַ ר פ י ר ן... אַנדערע פרויען טוען עס אינסטינקטיוו און, ווידער אַנדערע, — גאַנץ באַוואוסטזיניק...

ער האָט אַ לאַך געטאָן:

— און איך האָב ביז אַהער ניט געוואוסט, אַז מיר, מענער, זיינען אַזעלכע אומשולדיקע לעמעלעך.

— די אומשולדיקסטע! — האָט זי אויך אַ לאַך געטאָן און אין אירע בלויע אויגן האָט זיך צעגאָסן אַ פריילעכע שטיפעריי, — ליים אין אונדזערע הענט!

און זי האָט אַ שטיף געטאָן מיט אירע קליינע ווייסע הענט, נאָכגעמאַכט ווי זי וואָלט מיט זיי קייקעלעך פון ליים אויסגעקנאָטן.

ער האָט זיך צעלאַכט העכער.

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַלע מיידלעך, וואָס ער האָט מיט זיי אַ שפּיל געטאָן און דערנאָך זיי אָוועקגעוואָרפן און אָן סיידין זיך דערמאָנט, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, לאַכנדיק אין זיך:

„יאָ, טאַקע ליים אין זייערע הענט".

נאָכדעם האָט זי זיך ביי אים אַרויסגעריסן אין אַ קאָמישן טאָן:

— היינט גיי, ווייס, אַז איך בין אַזאַ שוואַך באַשעפעניש. פור מי!..."

— אַ סך שוואַכער ווי איר דענקט, פור דאָן זשואַן. האָט איר אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אַזאַ רעטעניש: פאַרוואָס וואָלט געקענט יעדע שיינע פרוי קריגן כמעט יעדן שיינעם מאַן, ווען זי זאָל אים נאָר ווען, און פאַרוואָס וואָלט ניט געקענט דער שענסטער מאַן, ניט אַפילו אַזאַ אַנגענעמער און

ערפּאַרענער דזשענטלמאַן ווי איר זייט, קריגן יעדע שיינע פרוי, ווען זי זאָל אייך ניט וועלן...

ער האָט זיך ווידער אָנגערופן אין אַ קאָמישן טאָן:

— האָט איר אַמאָל געלייענט די ביבל? דאָרט ווערט דווקא דערציילט אַ מעשה וועגן אַ דזשענטלמאַן, וואָס אַ פרוי האָט אים ניט געקענט קריגן, ווען זי האָט אים געוואָלט...

זי האָט אים געענטפערט אין טאָן:

— יוסף און פּוטיפרס ווייב, איך ווייס. איז דאָס, ערשטנס, געווען אַזאַ וואונדער, אַז ער איז פּאַראייביקט געוואָרן אין דער ביבל דערפאַר. און, צווייטנס, קאָן זיין, אַז זי איז געווען אַזאַ פּאַרזעעניש, אַז אַפילו איר אייגענער „באָרדער" האָט מיט איר ניט געוואָלט האָבן צו טאָן...

— איר זייט אַ טייוול, — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן,

— און פונדעסטוועגן, — האָט ער גערעדט ווייטער, און זיינע אויגן האָבן אָנגענומען אַ שפּאָטישן אויסדרוק — האַלט ניט אַזוי פעסט פאַר די פרויען. איך קען מענער, וואָס בייטן דווקא די פרויען, וואָס זיינען אין זיי פאַרליבט, נאָך עפּטער ווי האַנטשו. וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם?

זי האָט געענטפערט מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג:

— אַך, יענע פרויען, ניט אַזעלכע האָב איך אינם זינען! עס זיינען פאַראַן שוואַכע און נאַרישע פרויען, נו, געוויס! — וועגן זיי רייד איך ניט. איך רייד וועגן דער שטאַרקער פרוי און מיט אַזאַ וועט אַפילו דער שטאַרקסטער מאַן זיך קיינמאָל ניט קענען באַגיין ווי מיט אַ האַנטשו. — זי מיט אים, יאָ!

— אַזוי? — האָט ער אויסגעשריען קאָמיש.

— יעס סער! ווייל זי האַלט אים שטענדיק אָט דאָ־אָ!

האָט זי אַ דריי געטאָן מיט איר קליינעם ראָזעווען פינגער. און זי האָט צוגעלייגט מיט אַ שטיפערישן געלעכטער:

— וואָס דען, איר מיינט באמת, אַז א י ר זענט דער שטאַרקער געשלעכט?

— איך ווייס? אַזוי זאָגט מען...

— אַן איינריידעניש. אין דעם אייביקן קאַמף צווישן די געשלעכטער איז די פרוי אַלעמאָל די שטאַרקערע. די פרוי איז דער שטאַרקערער געשלעכט. נאָר בלינדע און נאַראָנים זעען עס ניט!...

האָט ער געזאָגט:

— ע, פונדעסטוועגן, וואָלט איך, דער שוואַכער מאַן, זיך געוואָלט אַ מעסט טאָן מיט אייך פון שטאַרקן געשלעכט, אין כוחות!

זי האָט שטיפעריש אַ שמייכל געטאָן צו אים:

— איר וועט פאַרלירן.

— אַזוי מיינט איר?

— איר וועט פאַרלירן!—האָט זי געזאָגט שטאַרקער,—איך וואָרן אייך, סער!...

דאָ האָבן די מאַשינען פלוצים גענומען שרייען מיט זייער אייזערנעם געשריי, און הערמאַן רובין איז אַוועק צו זיך אין אָפיס.

און דאָרט האָט ער מיט אָנגעצונדענעם בלוט געטראַכט:

„איך וואָלט דיר געוויזן, ווער עס איז שטאַרקער!...‟

און דערביי האָט ער אין זיין צעפלאַמטער פאַנטאַזיע געריסן אויף איר די קליידער...

אַזוי זיינען פאַריבער צוויי וואָכן.

און איין מאָל, ווען ער איז געזעסן לעבן איר מיטאָג־צייט, האָט זי זיך אָנגערופן מיטאַמאָל:

— היינט בין איך אויפגעלייגט צו אַמוזירן זיך, אויב איר ווילט...

7

יענעם אָוונט, ווען זיי זיינען געזעסן אינם טעאַטער, איז זי געוועזן נאָך רייצנדער, איידער ווען עס איז פריער.

מען האָט געשפּילט דאָרט אַ פריילעכע אָפּערעטע. האַלבּ־נאַקעטע יונגע מיידלעך האָבּן געטאַנצט עראָטישע טענץ אויף אַ בינע, וועלכע איז איינגעהילט געווען אין אַ מין פאַנטאַסטישן שלייער, און יונגע לייט האָבּן מיטגעטאַנצט און מיטגעזונגען. און ליכט און טאַנץ, און געזאַנג, און רייצנדיקער פּרויען־לייב זיינען געווען איין פייערדיק ליד, וואָס האָט געצונדן און פאַרשיכורט די צושויער, מיט די צעברענטע אויגן און שמייכ־לענדקיע פּנימער, אינם טעאַטער.

ביי עניין אין די בלויע אויגן האָבּן ליכטעלעך געבּרענט און, ווי הערמאַן רובינען האָט זיך אויסגעוויזן, האָט פון איר אינגאַנצן געשטראַמט אַ כישופדיקע פרייד.

ער האָט מער געקוקט אויף איר איידער אויף דער בינע. האָט זיך מער צוגעהערט צו דעם געזאַנג פון זיין בלוט, איידער צו דעם געזאַנג אויף דער בינע. ער איז געזעסן לעבּן איר און זיינע קני האָבּן אירע געפילט, און זיין בלוט די וואַרימקייט פון איר בלוט, און געצויגן האָט אים איר האַנט אַ דריק צו טאָן, און אַלץ זיך מיישב געווען, צי זאָל ער דאָס טאָן, צי ניט.

צום סוף, ביים צווייטן אַקט, ווען אויף דער בינע איז אָנגעגאַנגען אַ פייערדיקער טאַנץ, האָט ער פּלוצים עניס האַנט אָנגעטאַפּט און זי אַ דריק געטאָן. און זי האָט אים געענט־פערט — ווייך אַ דריק געטאָן זיינע פינגער און זיך אַ רוק געטאָן צו אים נעענטער...

און אויפגעשריען האָט אין אים עפּעס, ווי ביי איי־נעם, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט אַ טייערן אוצר געזוכט, בעת ער האָט אים מיטאַמאָל פון וויטן דערזען.

הערמאַן רובינען האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז ער זעט שוין פאַר זיך דעם אוצר, וואָס ער האָט געזוכט...

און דערנאָך האָט ער כמעט די גאַנצע צייט איר האַנט ניט אַרויסגעלאָזט פון זיינער ביז נאָך דער פאַרשטעלונג.

נאָך דער פאַרשטעלונג זיינען זיי אַרויס אויף דער גאַס, וואו זיין מאַשין מיט זיין שאָופער האָבן געוואַרט אויף אים. אַ צוגעמאַכטער אויטאָמאָביל איז דאָס געווען, ווייך צו זיצן און צוצושפאַרן דעם קאָפּ.

האָבן זיי זיך געזעצט אין דעמדאָזיקן אויטאָמאָביל און זיינען אַוועקגעפאָרן צו אַ רייכן רעסטאָראַן.

זי האָט אָפּגעוואָרפן דעם קאָפּ און האַלב־צוגעמאַכט די אויגן, און איבער איר פּנים און איבער אירע נאַזלעכער איז צעגאָסן געווען אַ פאַרטראַכטע און שמייכלענדיקע הנאה. און אַזוי איז זי געזעסן, אָנגעשפאַרט אָן דעם ווייכן ווענטל, דעם קאָפּ אָפּ־געוואָרפן.

און ער האָט געקוקט איר אין פּנים אַריין און מיט די אויגן זי געלאַשטשעט.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— זייט איר צופרידן פון דעם היינטיקן אָוונט?

זי האָט ניט געענטפערט און אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַ פיינע פאַרשטעלונג, ניט אמת?

ווידער אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ.

— זאָגט עפּעס, מיס וואולף.

האָט זי אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— פאַרוואָס?

האָט זי געענטפערט:

— אַך, לאָזט. איך הער זיך צו צו דער מוזיק, וואָס קלינגט מיר אין די אויערן. שטערט ניט.

— זאָל איך שווייגן?

— יאָ.

— אָל־ראַיט.

ער האָט גענומען איר האַנט און געקושט די שפּיצן פון יעדן פינגער אירן און ביי יעדן קוש האָט ער געזאָגט:

— איך שוויג! איך שוויג! איך שוויג!

און זי האָט אים דאָס געלאָזט טאָן און מיט האַלב־געעפנ־טע אויגן אַראָפּגעקוקט אויף אים און געשמייכלט.

צוויי אַזייגער האָבן זיי פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן, וואו זיי האָבן אויסגעטרונקען אַ פלאַש „פּראָהיבישאָן״, ווי ער האָט גערופן דעם שאַמפּאַניער, וואָס זיין באַקאַנטער הויפּט־קעל־נער האָט אים בסוד דערלאַנגט. (דאָס איז געווען נאָך אין דער צייט פון „פּראָהיבישאָן״) און ווען ער האָט זי איצט אָפּגעפירט אַהיים, אין די בראָנקס, אין זיין אויטאָמאָביל, האָט ער זיך געפילט נאָך פרייער מיט איר, איידער פריער, און זיך געהאַלטן מיט איר דרייסטער. און זי אַליין האָט זיך אויך געהאַלטן מיט אים אינטימער. און ווען ער האָט ווידער גענומען קושן איר האַנט, האָט זי אים פלוצים דערלאַנגט די צווייטע מיט די ווערטער:

— פאַרוואָס באַליידיקט איר עפּעס די האַנט?

האָט ער דעמאָלט געקושט אירע ביידע הענט, און מיטאַמאָל זיך אַ רוק געטאָן צו איר נעענטער און זי אָנגענומען ביי דער טאַליע.

האָט זי געזאָגט:

— אָט דאָס דווקא מעגט איר יע באַליידיקן.

און זיך אַ ריס געטאָן פון אים.

ער אָבער האָט זי געהאַלטן פעסט און געקוקט איר אין פּנים אַריין מיט אָנגעצונדענע אויגן...

האָט זי אים דעמאָלט אָנגעקוקט מיט אַזוינע אויגן און אין אַזאַ טאָן אַרויסגערעדט: „פּליז דאָנט!״ — אַז ער איז מיט־אַמאָל צעמישט געוואָרן, האָט איינגעלאָזן זי און זיך אַנטשולדיקט פאַר איר.

דערנאָך איז ער געזעסן רואיק און האָט געררויכערט אַ ציגאַר און אַ היבשע צייט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און אונ־טערגעפייפט אונטער דער נאָז איינס פון די לידלעך, וואָס ער האָט דעם אָוונט געהערט אינם טעאַטער.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך צעלאַכט.

— אַט אַזוי, אַז איר זיצט ווי אַן אַרטיק יינגל, געפעלט איר מיר, — האָט זי געזאָגט, — גיט אַהער אַ ביסעלע פייער!

און זי האָט אַרויסגענומען אַ קעסטעלע ציגאַרעטן פון ערגעץ אַרום זיך.

— איר ווילט דאָך ניט קיין פייער? — האָט ער זיך אָנגערופן און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע.

— אָט דעם! — האָט זי געענטפערט, פאַרדרייט אַ ציגאַרעט אין זיין שוועבעלע, זיך פאַרצויגן מיט אים און צוגעלייגט:

— ווען איך וועל וועלן אַן אַנדער מין פייער ביי אייך, וועט איר שוין וויסן.

האָט ער דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן:

„היינט גיי און טרעף, מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאָן. דאָ ווינטער און דאָ זומער. טייוול!"

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך צו איר געווענדעט:

— מיס וואולף, זאָגט מיר דעם אמת, וואָס דענקט איר וועגן מיר?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַן אינטערעסאַנטער מענטש, זייער אַן אינטערעסאַנטער.

— איר מיינט עס?

— געוויס. אַניט וואָלט איך דען איצט דאָ מיט אייך דאָ געזעסן? פאַר ניט אינטערעסאַנטע מענטשן האָב איך ניט קיין געדולד.

— און פאַר מיר האָט איר געדולד?

— געוויס, איר זייט מיר זייער אָנגענעם.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— נו, און איך אייך? זאָגט מיר, ווי געפעל איך אייך?

ער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסל.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיס וואולף: נאַטירלעך, וועגן געפעלן... געוויס געפעלט איר מיר, קיין פרוי איז מיר נאָך אַזוי ניט געפעלן געווען. אָבער מיר איז שווער אייך צו פאַרשטיין. מיטאַמאָל ווערט איר אַ רעטעניש פאַר מיר, אַ ספינקס...

האָט זי זיך אָנגערופן:

— נו, פּרוּווט טרעפן דעם רעטעניש...

— וועל איך אים אָבער טרעפן?

האָט זי זיך ווידער צעלאַכט און געענטפערט:

— עפּעס וועט איר דאָך טרעפן!

ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר דורכן פענצטער און ווידער גענומען איר האַנט.

— מעג איך?

זי האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ:

— דאָס יאָ.

האָט ער איר האַנט ווידער געקושט. און ווען זי האָט אויך אַוועקגעוואָרפן איר ציגאַרעטל, האָט ער איר ביידע הענט געקושט.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

— איר ווייסט, — האָט זי געזאָגט, — ווי מאַפּאַסאַן רופט ערגעץ אָט דאָסדאָזיקע קושעניש?

— ווי?

— אַ פאָרוואָרט, אַן אָנגענעמער פאָרוואָרט, צום הויפּט אינהאַלט...

— ריכטיק! — האָט ער אויסגעשריען, — אַ פאָרוואָרט צום הויפּט אינהאַלט. אויסגעצייכנט! פיין! מען דאַרף עס געדענקען!

און אין זיינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף איר, האָט זיך ווידער אַ פּעט פייערל אָנגעצונדן.

— אָבער אַמאָל בלײַבט מען בײַ דעם פאָרוואָרט, — האָט זי װײַטער גערעדט.

ער האָט געשװיגן. דערנאָך האָט ער זיך װידער אָנגערופן:

— און דער גרענעץ פון דעם פאָרוואָרט?

האָט זי געענטפערט:

— פאַר אַן אָנגענעמען דזשענטלמאַן זײַנען די ליפּן דער גרענעץ.

איז ער צו אירע ליפּן צוגעפאַלן און מיט פײַער כמעט געקרעכצט:

— כישופדיקער פאָרוואָרט. װאונדערלעכער פאָרוואָרט!...

און זי האָט זײַנע קושן אונטערגעכאַפּט, זײַנע װערטער געהערט און געלאַכט, געלאַכט הייס מיט איר אָנגענעמער שטים.

8

פון דעם אָוונט אָן זײַנען זײ געװאָרן נעענטער און אָפט האָט זי באַזוכט מיט אים טעאַטערס, קאָנצערטן און רעסטאָראַנען.

אָבער גאַנץ נאָענט איז זי נאָך אַלץ ניט געװען מיט אים. זײ האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן בײַם „פאָרוואָרט”, צו װעלכן, אמת, איז אָפט עפּעס צוגעגעבן געװאָרן. װײַל איצט האָט זי זיך שױן אױך געלאָזט פון אים אַרומנעמען, איז געזעסן בײַ אים אױף די קני און האָט אַפילו אים אױך אַמאָל אַרומגענומען.

אָבער דאָס איז אַלץ געװען „פאָרוואָרט”, װאָס האָט אים מער צערײצט און זײַן בלוט געצונדן...

זײַן פּריװאַט־אָפיס איז איצט שױן אַמאָל געװען זײער ראַנדעװאו־פּלאַץ, װי בײַ אים מיט זײַנע פריערדיקע מײדלעך.

נאָך זעקס, װען אַלע זײַנען פון שאַפּ אַװעק, האָט זי

זיך מיטאַמאָל אַריינגעגנבעט צו אים אין אָפיס, כדי צו גיין פון דאָרט מיט אים אין אַ רעסטאָראַן און דערנאָך ערגעץ אין אַ טעאַטער.

געווײנלעך האָט ער זי דאָרט פאַרהאַלטן אַזוי לאַנג ווי ער האָט געקענט.

און ווען ער האָט זי דערזען, בעת זי האָט ווי אַריינגעשוועבט מיט שטילע, פאַרסודעטע טריט, אַ העלע און אַ שלאַנקע, מיט אַ בויגיקער טאַליע, מיט איר גראַציעזן בלאָנדן קאָפּ, מיטן הויכן ווייסן האַלדז און דעם האַלב־פאַרכישופטן און שטיפערישן אויסדרוק אויף די ליפּן און אין די בלויע בליקן, — איז ער פאַרציטערט געוואָרן, האָט זיך איר אַנטקעגן געוואָרפן, אירע הענט אָנגעכאַפּט, דעם הוט פון קאָפּ ביי איר אַרונטערגענומען מיט אויפגערעגטע פינגער און דעם מאַנטל אויף איר געשפּיליעט און שטענדיק האָט זי דעמאָלט געהערט פון אים די אייגענע ווערטער:

— מיר וועלן באַלד גיין, באַלד, באַלד!

ווערטער אַרויסגעמורמלט מיט אַ הייסן אָטעם...

און, ווי אַ פאַרשיכורטער, האָט ער זי דערנאָך אַרומגעכאַפּט, געקושט זי און צוגעצויגן זי צו זיך אויף די קני.

און זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זיינע אַקסל, געהאַלטן פעסט זיינע הענט אין אירע, כדי זיי זאָלן ניט זיין צו ווילד, און פאַרמאַכט האַלב אירע וואונדערלעכע אויגן.

און אַז ער האָט דאַן געוואָלט אַרויסרייסן זיינע הענט פון אירע, האָט זי זיך אַ הויב געטאָן פון זיינע קני און אים אַ סטראַשע געטאָן, מער מיט איר קוק ווי מיט ווערטער. האָט ער זיינע הענט איבערגעלאָזט אין אירע, איז נאָר מיט די ליפּן צוגעפאַלן צו איר און האָט איינגעאָטעמט אין זיך דעם וואַרעמען און אָנגענעמען גערוך פון אירע האָר, וואָס זיי זיינען ווי פון זייד און גאָלד־קאָליר געווען.

און געווירקט האָט עס אַלצדינג אויף אים ווי אַן „אַפּע־

טייזער״ אויף אַ הונגעריקן... ער איז שיעור משוגע געוואָרן.

אין אַזוינע מאָמענטן האָט אַמאָל זיין בליק, ווי ביי אַ הונגעריקן וואָלף, געבלאָנדזשעט צו דער ברייטער באַקוועמער סאָפע פאַר זיינע אויגן, וועלכע איז דאָרט געשטאַנען, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַ פאַרסודעטע און אויך אַ פאַרבענקטע, און געברענט האָט אין אים דער וואונטש, אַזוי אַ כאַפּ צו טאָן זי, וואָס האָט אים משוגע געמאַכט, אויף דער סאָפע...

אָבער שטענדיק האָט אים עפּעס אָפּגעהאַלטן פון דעם. קיין מוט האָט ער פאַר דעם ניט געהאַט, קיין מוט צו וואַגן מיט איר אַזוינס, וואָס ער האָט פריער אַזוי גרינג געוואַגט מיט זיינע אַנדערע מיידלעך...

גאָר אַן אַנדער הערמאַן רובין איז דאָס געוואָרן. וואָס זי האָט עס געמאַכט פון דעם קלוגן און דורכגעטריבענעם און שטאָלצן, פון דעם סנאָב, הערמאַן רובינען, וועלכער איז אַזוי זיכער געווען, אַז כמעט יעדע פרוי, בפרט יעדע שאָפּ־מיידל, וועט פאַלן פאַר אים, ווען ער זאָל איר נאָר אַ פינגער אויס־שטעלן!

נעבאַך!...

און אַמאָל, ווען זי איז געזעסן ביי אים אַזוי אויפן שויס, האָט ער אויפגערעגט צו איר גערעדט:

— גאָט, גאָט, ווי איך ליב דעם בלאָנדן טייוול! ווי דער שיינער טייוול מאַכט מיר משוגע!״

האָט זי געלאַכט מיט פאַרגעניגן.

— אַך, ווען איר וואָלט מיך כאָטש אַ ביסל אַזוי געליבט! האָט ער ווייטער גערעדט.

— איך האָב אייך אויך ליב, הערמאַן!

— וואָס פאַר אַ ליבע? דער „פאָרווערטס״ און נישט ווייטער!״

האָט זי העכער געלאַכט:

— ווייטער איז אַ פאַרשלאָסן בוך מיט זיבן ריגלען...

— איז דאָס ליבע ?

— איך ליב אַזוי ווי איך קען.

— איר האָט מורא ? — האָט זיך ביי אים אַמאָל אַרויסגעריסן.

— איר זייט אַ נאַר, — האָט זי געענטפערט. — איר קענט מיך נאָך אַלץ ניט !

— אמת, איך קען אייך נאָך אַלץ ניט. ווי איך מאַטער זיך ניט אין אייך אויפצואוועקן די ליבע, די עכטע ליבע, בלייבט איר נאָך אַלץ פאַר מיר עפּעס אַ מין ווינט, אַ מין לופט...

— לופט, וואָס קילט אייך אָנגענעם, — האָט זי אַלץ נאָך געלאַכט.

— לופט, וואָס צעברענט מיך און וואָס פאַרסמט מיך! — האָט ער געענטפערט.

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— נו, זאָגט, ווי האָט איר מיך ליב ?

האָט זי געענטפערט :

— ווי מען ליבט — לאָזט זיך ניט זאָגן. אַז איך זאָל אייך זאָגן, אַז איך האָב אייך זייער ליב, וועט דערמיט מיין ליבע שטאַרקער ניט ווערן. איך האָב אייך ליב, און דאָס איז גענוג געזאָגט.

האָט ער דעמאָלט ווידער אָנגעהויבן :

— הערט, עני, איר זייט דאָך אַ פרייע פרוי...

האָט זי אים גלייך געענטפערט :

— אַ פאַרשלאָסן בוך מיט זיבן ריגלען, און שווייגט !...

און ווען ער האָט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט מיט פאַר־צווייפלונג אין די אויגן, האָט זי דעמאָלט צוגעלייגט אין אַ ווייכן טאָן :

— איך בין, וואָס איך בין, אַנדערש קען איך ניט זיין און וועל זיך ניט צווינגען צו זיין. איר זייט מיר אָנגענעם. יאָ,

איך האָב אייך ליב; אָבער מיינע געפילן צו אייך וועל איך ניט איבערטרייבן. זייט ניט אַזוי משוגע און האָט געדולד!...

און איינמאָל, אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט, ווען ער האָט געפּרואווט צו זיין דרייסטער מיט איר, האָט זי זיך פון זיינע הענט אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן. דערנאָך האָט אים גענומען אַ גאַנצע וואָך, ביז ער האָט זי ווידער איבערגעבעטן...

און נאָך עטלעכע וואָכן זיינען פאַריבער, דער פרילינג איז געקומען, און הערמאַן. רובין האָט זיך קיין אָרט ניט גע־קענט געפינען פאַר אומעט און בענקעניש. ווען ער האָט זי אַ ווייַלע ניט געזען.

און אַז ער האָט מיט איר פאַרבראַכט, האָט ער זיך דערנאָך געפילט נאָך ערגער און אויפגערעגטער.

און דעמאָלט, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פריער־דיקע מיידלעך זיינע, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יענע זיינען אים גאָר קיינמאָל באמת ניט געפעלן געווען; אַז ערשט איצט איז דאָס אים קלאָר געוואָרן; אַז דער ריכטיקער קוואַל פון ליבע, פון דעם העכסטן גליק, איז ביי איר, וועלכע ער ליבט איצט מיט אַ ליבע, וואָס האָט אים קראַנק געמאַכט, משוגע גע־מאַכט; אַז גענאָסן פון דער ליבע וואָלט ער נאָר ביי איר, ענין, געגאָסן...

און דעמאָלט האָט ער זי געזען אין זיין צעברענטער פאַנטאַזיע כישופדיק נאַקעט, מיט אַ יונגן ווייסן בוזים, וואָס האָט הייס געקלאַפּט פאַר אים, מיט אויגן, וואָס האָבן געברענט פאַר אים, און מיט אַלע אירע גלידער, ווייסע און שלאַנקע, און הייסע, און צאַפּלדיקע, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום אים.

און פאַר די אויגן האָט אים געמישט און געוואָיעט האָט אין אים, ווי אַ הונגעריקע ווילדע חיה...

און אַן אַנדערש מאָל האָט ער געטראַכט, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט פאַר אים געווען, צו אַנטלויפן פון איר, ווי מען אַנטלויפט פון אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקהייט. ער האָט אָבער

ניט געקענט פון איר אַנטלויפן. אַזוי ווי מיט קייטן איז ער גע־ווען צוגעשמידט צו איר בליק, צו איר שמייכל, צו איר גראַ־ציעזער, בויגיקער פיגור, אַפילו צו איר געלעכטער און איר קול!

אַ, וואָס איז געוואָרן פון הערמאַן רובין, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג געווען אַזאַ תכיף קעגן די אַנדערע פרויען?

ער האָט שוין אויך געטראַכט וועגן פאַרלייגן איר חתונה צו האָבן מיט אים אויף דעם ריכטיקן געזעצלעכן אופן; אָבער ווי אַזוי האָט ער עס געקענט טאָן, ער, הערמאַן רובין, פון דער פירמע „רובין ענד סאָן", וואָס זיין ווייב האָט געדאַרפט זיין אַזאַ אַריסטאָקראַטיש און רייך מיידל, ווי גערטרוד, ווײ־ניקסטנס!...

דאָך איז אים קלאָר געווען איין זאַך, אַז זי איז געווען גאָר אַן אַנדער מין מיידל, איידער די אַלע יענע שאַפּ־מיידלעך וואָס ער האָט ביז אַהער געקענט.

זי איז אינטעליגענט געווען, אפשר ניט ווייניקער איי־דער ער. און קלוג ווי אַ טייוול. און קויפן מיט אַ מתנה האָט מען זי אויך ניט געקענט. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט איר פאַרלייגן די טייערסטע פּרעזענטן, איז זי נאָך בייז גע־וואָרן אויף אים דערפאַר.

און, האָט ער מיט פאַרצווייפלונג געטראַכט, זיין אומ־גליק איז, וואָס זי איז אַזוי אינטעליגענט. שפּילט זי זיך דערפאַר אַזוי מיט אים, מאַכט זי אים דערפאַר אַזוי משוגע. אַן אַנדערע וואָלט ער שוין לאַנג באַזיגט!

און געפרעגט האָט ער זיך ווידער און ווידער: וואָס איז זי אויסן געווען מיט איר שפּילן; זי איז דאָך גענוג קלוג געווען צו פאַרשטיין, אַז אַרייננאַרן אים אין זאַק, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, וועט זי קיינמאָל ניט קענען!...

וואָלט יענע כאָטש ניט געווען קיין שאַפּ־מיידל, וואָלט זי כאָטש ניט געאַרבעט ביי אים אינם שאַפּ, און, נאָך מער,

וואָלט זי כאָטש ניט געווען אַזאַ ווי זי איז! וואָרים, נאָך די אַלע זאַכן, גיי האָב חתונה מיט איינער, וואָס האָט אַזוינע אידעען און וועלכע זיצט ביי אַ מאַן אויפן שויס און קושט זיך מיט אים, מיט אים, וואָס איז ניט איר חתן און קען קיינ־מאָל איר חתן ניט זיין!...

וועגן דעם, דאָס הייסט וועגן חתונה האָבן מיט איר, האָט ער אַפילו ניט געטאָרט טראַכטן.

האָט ער זיך געפילט זייער שלעכט, אומגליקלעך ממש.

איבערהויפּט איז נאָך אַלץ פאַר אים ניט קלאָר געווען, וואָס פאַר אַ מין מיידל זי איז געווען.

פון דעם, וואָס זי האָט אים דערציילט, האָט ער געוואוסט, אַז זי איז געווען אַ רוסיש מיידל. געקומען אַהער מיט אירן אַ ברודער אַ סטודענט, ווען די וועלט־מלחמה האָט אויסגע־בראָכן. האָט באַזוכט אין דער היים אַ גימנאַזיע און דאָ אַ געוויסע צייט אַ „האַי־סקול" און קופּער־אינסטיטוט, און איז דערנאָך אַריינגעטראָטן אין אַ שאַפּ אַרבעטן, כדי אויסצוהעלפן איר ברודער, וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין קאָלומביאַ או־ניווערסיטעט. בעת די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן אין רוס־לאַנד, איז איר ברודער צוריק אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און זי איז געבליבן אַליין און האָט געאַרבעט און געשיקט געלט צו אירע עלטערן.

און אין זיינע געדאַנקען האָט ער, דער אַמעריקאַנער, עפּעס ניט געקענט צונויפפּאָרן אַזאַ מין סאָרט מיידל, וואָס האָט זיך געלערנט אין אַ גימנאַזיע און אין אַ „האַי־סקול" און אין קופּער־אינסטיטוט, און געהאָלפן פריער דעם ברודער מיט איר אַרבעט און דערנאָך אירע עלטערן, מיט דעם מיידל, וואָס האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע געמאָלן ווי אַ שטיק פלאַ־מענדיקע זינד...

און צו זי האָט אים נאָך דערציילט אַלצדינג, ווי אַזוי האָט ער דאָס גאָר געקאָנט וויסן!...

9

און איינמאָל, אַ שבת נאָך מיטאָג, ווען קיינער איז אינם שאָפּ ניט געווען, איז זי געשטאַנען ביי אים אין פּריוואַט־אָפיס, לעבן די הויכע פענצטער, וואָס זיינען אין גאַנצן גע־ווען פאַרגאָסן פון פרילינגס־זון.

זי האָט געזאָלט פאָרן מיט אים יענעם נאָכמיטאָג אויף אַ שיף איבער האָדסאָן טייך.

זי איז באַזונדערס אויפגעלייגט געווען. די אויגן האָבן ביי איר געשטראַלט, ווי איר שמייכל, און ווי איר גאַנצער פּנים מיט דעם בלאָנדן קאָפּ, אויף וועלכן די קורץ־געשווירענע האָר האָבן, ווי גאָלדענע כוואַליעס, זיך געגאָסן, באַשטראַלט פון דער שטאַרקער פרילינגס־זון.

ער איז געזעסן ביים טיש קעגן איר און די אויגן פון איר ניט אַראָפּגענומען.

און זי האָט געשטיפּט צו אים מיט די אויגן און זיך געוויצלט, און גאַרניט געקענט איינשטיין אויף איין אָרט.

דערביי האָט איר שלאַנקער, בויגיקער גוף ביי יעדן ריר גראַציעז זיך געדרייט און ער, הערמאַן רובין, האָט יעדן ריר אירן מיט הונגעריקע אויגן געפּרעסן.

אַרום איז געווען שטיל, און איר שטיפערישער קול האָט ווי געוועקט די אַרומיקע סודוסדיקע שטילקייט, וואָס האָט אין כוואַליעס ליכט געפלאָסן.

מיטאַמאָל האָט הערמאַן רובין זיך פון אָרט אַ הויב גע־טאָן, איז צוגעלאָפן צו איר און האָט זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך:

„פאַרוואָס פייניקט איר מיך?" האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

זי האָט געלאַכט.

ער האָט זי אַ צי געטאָן צו דער סאָפע און זיך אַ וואָרף געטאָן לעבן איר.

האָט זי דערזען זיינע אויגן, און זיך אַ הויב געטאָן פון איר אָרט מיט אַ צעמישטער מינע.

האָט ער זי ווילד אַ זעץ געטאָן צוריק און, קוקנדיק איר אין צעטומלטן פנים מיט ברענענדיקע אויגן, האָט ער אַרויסגערעדט פאַרשטיקט:

— איר וועט מיך מער ניט מוטשען! איר וועט זיך ניט שפּילן מער מיט מיר!

און פּלוצים האָט זי אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגערעדט כמעט רואיק:

— פע, ווי איר זעט אויס! איך האָב אייך ניט ליב אַזאַ. קומט. איר נעמט אייער הוט, און קומט!

האָט ער אַ געשריי געטאָן העכער:

— איך זאָג אייך, שפּילט זיך ניט מיט מיר. איר האָט זיך גענוג געשפּילט, גענוג. איך קען ניט מער.

און זי אָנגעכאַפּט ביי די אַקסל און ווילד איר אין די אויגן געקוקט און, אָטעמענדיק שווער, שוין געפּליסטערט הייס מיט אַרויסגעשטעלטע ציין, ווי ביי אַ צערייצטער חיה, און צעברענטע אויגן:

— איר וועט זיין מיינע! איר וועט זיין מיינע! מיינע! גענוג...

און זי אים האָט אויך געקוקט מיט אַ מינע, וואָס האָט אים ביז אַהער אַלע מאָל געצאַמט, און גערעדט:

— הערמאַן, זייט ניט משוגע!

איצט אָבער האָט ער זי ניט איינגעלאָזט, געדריקט איר ווילד די אַקסל און גערוקט זיך צו איר אַלץ נעענטער און נע־ענטער אויף דער סאָפע מיט הונגעריקע, צעברענטע אויגן, ווייסע ציין און קאָכעדיקן אָטעם, ווי אַ צערייצטע שטומע חיה...

— מיסטער רובין — האָט זי דאָן צו אים אַ געשריי געטאָן — לאָזט איין, איך קען אויף אייך ניט קוקן!

און אַזוי פיל פאַראַכטונג האָט ער אין איר קול דער־הערט און אין אירע אויגן דערזען, אַז די הענט זיינע זיינען מיטאַמאָל שוואַך געוואָרן, און זי, אַזוי ווי זי וואָלט עס דער־פילט, האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן און איז אויפגע־שפרונגען פון דער סאָפע און האָט פאַרריכט אויף זיך דאָס קלייד און די צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ.

האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

— וואָס פאַר אַן אומגליק האָט מיך צונויפגעבראַכט מיט אייך!

און מיטאַמאָל איז ער צוגעפאַלן מיטן פּנים צום ראַנד פון יענער סאָפע, וועלכע האָט געוואוסט פון אַזוי פיל פריער־דיקע זיגרייכע העלדישקייטן זיינע, און ער האָט זיך פאַר־צווייפלט צעוויינט.

און זי האָט געקוקט אויף אים און אין אירע בלויע אויגן האָט זיך אַ ווייכע און שמייכלענדיקע צערטלעכקייט צעגאָסן, און נאָכדעם האָט זי אַרויסגעפּליסטערט:

— פּור באַי, ווי שוואַך מיר זיינען!...

האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אים אַ קוש געטאָן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אים דערלאַנגט דעם הוט, און שטיפעריש אים אַ שלעפּ געטאָן פון דער סאָפע.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און פאַרשעמט געשמייכלט.

— איר זעט, וואָס איר האָט פון מיר געמאַכט, — האָט ער אַרויסגערעדט און ניט געקוקט אויף איר.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס דען, אַז מען הויבט זיך אָן מיט אַ העלד פון דעם שטאַרקן געשלעכט!...

ער האָט אַרונטערגעלאָזט די ברייטע, בלויע שטאָרעס איי־בער די פענצטער, און דער אָפּיס איז פאַרטרונקען געוואָרן אין אַ גאָלדיק־בלויען ליכט...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אָפּיס און אַרויסגעפּליסטערט:

— ווי ראָמאַנטיש דאָ זעט אויס אין דעמדאָזיקן ליכט!

— קומט, — האָט ער דערנאָך געזאָגט, — מיר פאָרן.

און אירע אויגן האָבן פּלוצים אָנגענומען אַ פאַרסודעטן אויסדרוק און פאַרסודעט האָט זי געשמייכלט.

— הערמאַן, — האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופן, און איר קול האָט געציטערט, — זייט אַזוי גוט און ברענגט מיר אַריין אַ גלאָז וואַסער פונם האָל.

— דאָ איז וואַסער.

— ניין, דאָס וואַסער פונם האָל איז קאַלטער.

און ווען ער איז אַרויס, האָט זי מיט אויפגערעגטע הענט צוגעשלאָסן די אָפּיס־טיר.

און ווען ער האָט דערנאָך דערזען, אַז די טיר איז צו־געמאַכט און אין איר אָנגעקלאַפּט, האָט ער איר קול דער־הערט פון אינעווייניק:

— איין מינוט, הערמאַן!

האָט ער זיך געוואונדערט:

— וואָס טוט איר דאָרט?

— עפּעס, איר טאָרט ניט וויסן, איר האָט אַזוי לאַנג גע־דולד געהאַט, האָט געדולד נאָך אַ ווײַלע!

און ער האָט דערהערט איר געלעכטער, וואָס האָט גע־קלונגען אַזוי סודותפול.

„וואָס טוט זי? פאַרוואָס האָט זי די טיר פאַרשפּאַרט? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט אַ זיפץ און האָט געוואַרט.

און דערנאָך האָט ער דערהערט דעם קלונג פון דער אָפּגע־שלאָסענער טיר און ער האָט זי געעפנט און איז אַריין אי־נעווייניק.

זי איז געשטאַנען מיט צעפלאַמטע באַקן אין מיטן אָפּיס, פאַרגאָסן פון דעם בלויען און גאָלדיקן ליכט, און איינגע־הילט איז זי געווען אין איר מאַנטל, אַזוי ווי זי וואָלט זיך

געקליבן אַרויסצוגיין, און זי האָט געקוקט אויף אים סודותפול און עפּעס ווי געוואָרט.

— דאָ איז דאָס וואַסער — האָט ער געזאָגט.

— שטעלט עס אַוועק אויפן טיש.

און דערנאָך האָט זי פּלוצים אָפּגעוואָרפן אַ ביסל איר מאַנטל. עס האָט אים אַ ברען געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט זי דערזען אַזוי, ווי ער האָט זי געזען בעת זיין פאַנטאַזיע האָט מיט איר געברענט.

ווי אַ פּאַראַליזירטער איז ער געבליבן שטיין.

און זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— פריער אָדער שפּעטער, דאָס מוז געשען. זאָל זיין איצט..

10

פון יענעם נאָכמיטאָג אָן איז ער געווען גליקלעך, ווייל יענע, צו וועלכער ער איז געווען צוגעשמידט מיט יעדן געפיל און געדאַנק זיינעם, האָט איצט געהערט צו אים.

זיי האָבן זיך אָפט געטראָפן אין פאַרשיידענע פּלעצער, און יענער טאָג, ווען זיי האָבן זיך געזאָלט טרעפן, האָט זיך שטענדיק געצויגן פאַר דעם גליקלעכן הערמאַן רובינען ווי אַ יאָר.

זי האָט געאַרבעט ביי אים אין שאָפּ, ווי פריער, און ווען ער האָט איר אַמאָל פאָרגעלייגט זי אויסצוהאַלטן אין אַ רייכער וואוינונג און זי זאָל ניט אַרבעטן, איז זי בייז געוואָרן אויף אים.

— ווער בין איך, אַ מעטרעסע דיינע, וואָס? — האָט זי אים געענטפערט אין אַ באַליידיקטן טאָן.

ווי אַנדערש זי איז געווען איידער יענע פריערדיקע מיידלעך זיינע! יענע, וועלכע האָבן נאָר געוואָרט אויף זיינע פּרעזענטן, וועלכע זיינען שטענדיק נאָר אויסן געווען זיינע פּרעזענטן, ווי אים האָט זיך איצט אויסגעוויזן.

און ווי אַנדערש ער האָט זי געליבט איידער יענע. יענע זיינען אים באַלד נמאס געוואָרן. אָנגעהאַלטן מיט זיי אַ פּאָר חדשים און פּטור געוואָרן פון זיי, ניט געקענט לאַנג פאַרברענגען מיט זיי. אויסער וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט זייער טרעפן זיך, האָט ער מיט קיינער פון יענע מיידלעך ניט געקענט ריידן.

און מיט איר וואָלט ער יאָרן לאַנג, האָט זיך אים געדאַכט, געקענט ריידן, און ריידן וועגן די פאַרשיידנסטע זאַכן, און ער זאָל גאָר ניט מיד ווערן אַליין צו ריידן און זי צו הערן.

און ווי זי האָט געקענט ליבן, און ווי זי האָט זיין ליבע געוועקט!

ער איז גאָר ניט זאַט געוואָרן זי אין זיינע אָרעמס צו האַלטן, צו קושן און לאַשטשען דעמדאָזיקן וואונדערלעכן יונגן, פעסטן און בויגיקן גוף, וועלכער האָט אים ווי מיט אַ כישוף געצויבערט.

און זי אַליין האָט אויך אויסגעזען ווי פאַרשיכורט פון גליק, בעת זיי האָבן זיך געטראָפן. האָט געפּאַדעט אַרום צימער און אַרום הערמאַנען ווי אַ פויגעלע מיט אַ גאָלדן קעפּעלע, וואָס האָט זיך ערשט פון אַ שטייג אַרויסגעכאַפּט אויף דער פרייהייט אין דעם שענסטן גאָרטן אַריין, וואו אַ פרילינג־זון האָט געגאָסן און געוואַרעמט, און עס האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ בוים זיך פריער אַוועקצושטעלן, אויף וואָס פאַר אַ צווייג זיין פרייד מיט דער פרייער ליכטיקייט אַרויסצוטשווּיטשערן...

ביי ענין האָבן די אויגן דעמאָלט געטאַנצט. ביי ענין האָבן דעמאָלט די פיס געזונגען. זי האָט זיך צוגעזעצט. זי איז אויפגעשפּרונגען. זי איז צוגעלאָפן צו אים און האָט אים שטורמיש אַרומגענומען.

— הערמאַן, ווי איך האָב דיך ליב!

און שפּעטער, ווען ער האָט איר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרגאָסן מיט אַ מאַטער בלוי־קייט, און אירע אָרעמס האָבן זיך געוויקלט אַרום זיין האַלדז, ווי פאַרכישופטע שלאַנגען, האָט ער געפּליסטערט פאַרשיכורט און פאַרכישופט:

— עני, דו וועסט אייביק זיין מיינע, אייביק!...

11

און מיטאַמאָל האָט זיך אַן אומרואיקייט אַריינגעריסן אין זיין גליק...

בעת זיי זיינען אין אַ רעסטאָראַן אויף בראָדוויי געזעסן, האָט זי עפּעס צו פריינדלעך אַ שמייכל געטאָן צו אַ מאַן, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען זייער טיש.

און פון דעמאָלט אָן האָבן אים גענומען פּייניקן גע־דאַנקען, צי איז ער דער איינציקער ביי איר, צי טרעפט זי זיך ניט מיט עמיצן אַנדערש אין יענע אָוונטן, ווען ער זעט זי ניט. אפשר גאָר מיט יענעם מאַן, צו וועלכן זי האָט אַזוי אינטים אַ שמייכל געטאָן! אַ פרוי מיט אַזעלכע געדאַנקען, וואָס וועט זי אָפּהאַלטן?...

און ווי שטיקער פייער זיינען דידאָזיקע געדאַנקען אים אַריינגעפאַלן אין קאָפּ און האָבן אים רוען ניט געלאָזט.

און איינמאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט ער זיך געווענדעט צו איר מיט כלומרשט אַ גלייכגילטיקער מינע:

— זאָג מיר דעם אמת: בין איך דער איינציקער ביי דיר? און וויפל אַנדערע האָסטו געהאַט?

— העלאָו! דאַרפסט עס וויסן? פרעג איך ביי דיר, וויפל דו האָסט געהאַט?

און זי האָט צוגעלייגט ערנסט:

— פרעג ווייטער ניט ביי מיר אַזוינע פראַגן, אויב דו

ווילסט, אַז איך זאָל דיך ליבן, אַזוי ווי איך האָב דיך איצט ליב.

— האָסט מיך ליב, נאָר מיך אַליין ? — האָט ער נאָכדעם געפרעגט.

— דו ביסט אַ נאַריש ייִנגל, הערמאַן. ווען איך וואָלט אַן אַנדערן געליבט, וואָלסטו דען מיך געקענט צווינגען דיך אויך צו ליבן ?

האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן :

— איך בין אַזוי פאַרצווייפלט, ענִי...

— פאַרצווייפלט, דו ? פאַרוואָס ?

— ווייל איך וואָלט וועלן דו זאָלסט זיין אַן אַנדערע, — האָט ער זיך ניט געקענט מער באַהערשן, און איר געענטפערט.

— אַן אַנדערע ? וואָס מיינסטו ?

— וועלכע זאָל געהערן מיר און נאָר מיר אַליין...

— דערווייל געהער איך דיר אַליין.

— דערווייל ?

— שפּעטער ווייס איך ניט. ווייל איך וועל שטענדיק געהערן זיך אַליין, נאָר זיך אַליין. איך וויל קיינעם ניט פאַרפליכטן צו זיך און איך וויל זיך ניט פאַרפליכטן צו קיינעם.

האָט אים אַ שרעק אָנגעכאַפּט, ווען ער האָט עס דערהערט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן :

— און ווען מען וואָלט דיר פאַרגעלייגט צו הייראַטן ?...

— שוין ניט איינמאָל פאָרגעלייגט...

— ווער ?

— פאַרשיידענע יונגע לייט.

— נו ?

— נו ! — האָט זי זיך צעלאַכט.

— אַרבעטער ?

— פאַרוואָס נאָר אַרבעטער ? — האָט זי אַ שמייכל געטאָן,

— אַ דאָקטאָר האָט מיך אויך פאַרגעלייגט צו נעמען מיך אונ־טער זיין שוץ און אַ לאַיער אויך.

האָט אים אַ ברען געטאָן די אייפערזוכט צו יענעם אומ־באַקאַנטן דאָקטאָר און לאַיער און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מיט דעם דאָקטאָר און לאַיער ביסטו אויך געווען?...

ער האָט ניט געקענט פאַרענדיקן.

— ניין, — האָט זי זיך צעלאַכט, — אָבער זיי ביידע האָבן מיך גוט געקענט.

איז אים דעמאָלט גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

אָבער באַרואיקן האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט געקענט. וואָס מער ער האָט זי געליבט, אַלץ אומרואיקער איז ער גע־וואָרן, טאָמער פאַרלירט ער זי. און אַ סך מאָל, ווען ער האָט זיך געריכט זי צו טרעפן און צוליב עפּעס זי ניט געטראָפן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט מיט איר דאָ דעם דאָקטאָר און דאָ דעם לאַיער און וועמען ניט!

ווי אַזוי האָט ער מיט איר געקענט זיכער זיין, ווי אַזוי?!

און מיטאַמאָל האָט ער גענומען טראַכטן וועגן חתונה האָבן מיט איר. דאָס געזעץ וועט אים העלפן, אַז ניט וועט ער פונם זינען אַרונטער. נאַטירלעך, ער האָט געוואוסט, אַז זיינע על־טערן וועלן מיינען, אַז ער איז משוגע געוואָרן. אַזוי לאַנג ניט געוואָלט חתונה האָבן, ניט אַפילו מיט גערטרודן, און איצט זיך אויסגעקליבן אַזאַ ווייב! און ווען זיי וואָלטן נאָך געוואוסט, וואָס פאַר אַגעדאַנקען און אידעען זי האָט! — האָט ער גע־טראַכט פאַרצווייפלט, — אָבער פאַרפאַלן, אַנדערש קען ער ניט! און אפשר, ווען זי וועט ווערן זיין געזעצלעך ווייב, זי ליבט דאָך אים, און ער וועט שוין זען, אַז זי זאָל אים שטענדיק ליב האָבן. וואָס וועט איר פעלן ביי אים? פאַרוואָס ניט? און זי איז דאָך ניט קיין געוויינלעכע שאָפּ־מיידל. געבילדעט אַזוי ווי ער. געבילדעטער איידער ער. יאָ, זיכער, געבילדע־טער. און פון אַ פיינער פאַמיליע אויך, אַ ברודער אַ סטודענט

פון קאָלומביאַ אוניווערסיטעט. און אַ דאָקטאָר און אַ לאָיער האָבן אויך געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. אַזוינע פיינע דזשענטלמען ווי ער, קען זיין, און אַן ערנטלעכע איז זי אויך, געוויס אַן ערנטלעכע, מיט אַן ערנטלעך האַרץ, אַניט וואָלט זי דען געאַרבעט און געשטיצט אַ פריער איר ברודער און איצט אירע עלטערן?...

זי וועט אַנדערש דענקען, ווען ער וועט מיט איר חתונה האָבן, וועט אַנדערע געדאַנקען קריגן, אַן אַנדער בליק אויפן לעבן, אין דעם איז ער זיכער.

פאַר איין זאַך נאָר האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט זי אים אויך אָפזאָגן ווי דעם דאָקטאָר און דעם לאָיער, זי, מיט אירע איצטיקע געדאַנקען!

און איין מאָל, ווען זיי האָבן זיך דערנאָך געטראָפן, האָט ער איר פאָרגעלייגט צו גיין מיט אים אין געריכט.

זי האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— וואָס פעלט דיר איין?

— איך וויל זיין גליקלעך, עני.

— ביסט דען אַזוי ניט גליקלעך? צו וואָס זיך בינדן?

— איך וויל זיין זיכער מיט דיר, עני.

— מיינסטו, הערמאַן, אַז די געזעצלעכע חתונה וועט מיך מער צובינדן צו דיר איידער איצט? פאַרוואָס זאָלן מיר ניט געניסן אונדזער גליק, הערמאַן, ווי פרייע מענטשן?...

— איך וועל דיר דאַן קענען פרייער ליבן, עני, ווען מיר וועלן חתונה האָבן געזעצלעך.

— ניין, הערמאַן, דיך באַטריגן וויל איך ניט. איך קען אויף זיך ניט נעמען די פליכטן פון אַ געזעצלעכער פרוי, און דו דאַרפסט עס אויך ניט.

האָט ער זיך דאַן אָנגערופן:

— האָסט מיך ליב, עני?

— זייער, ווי נאָך קיין מאָן פריער.

— ווּעסטו מיך ווייטער אויך אַזוי ליב האָבן. מיט מיין ליי־בע וועל איך עס ביי דיר פאַרדינען און דיינע פליכטן וועלן דיר גאָר ניט שווער זיין.

האָט זי אַלץ פון דעם ניט געוואָלט הערן. ער אָבער האָט זי ניט געלאָזט צורו און יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך ווי־דער געטראָפן, איז ער צוגעשטאַנען צו איר מיט דעם, ביז איין מאָל האָט זי אים געזאָגט:

— גוט, הערמאַן, מיר גייען אין געריכט. אָבער געדענק, מיר זיינען ניט פאַרקויפט איינער צום אַנדערן!...

און נאָך אַ סקאַנדאַל, וואָס זיין פאָטער האָט אים געמאַכט און ביי וועלכן זיין מוטער האָט מיט ביטערן געוויין געטענהט: „גערטרוד איז דיר ניט גענוג געווען, נאָר אַן אַרבעטערין פון אַ בראָנקסער טענעמענט־הויז!" — איז הערמאַן רובין געשטאַנען מיט עניד אין אַ געריכט און מיט זיי זיינען געווען צוויי עדות, אַ דאָקטאָר און אַן אַרבעטער. (צוליב זיינע עלטערן האָט הערמאַן רובין מיט אַן אָוונט פריער איינגעלאַדן אין אַ האָטעל דעם רעווערענד פון זיין פאָטערס טעמפל און עטלעכע פון זיינע פריינט און זי מקדיש געווען לויטן יידישן דין. זי האָט שטיפעריש געשמייכלט: „פאַרבינד מיך שטאַרקער!" און ווען דער רעווערענד האָט מיט אַ טיפן באַסאָוון קול אויף ענגליש אַרויסגעברומט וועגן איר טריי־שאַפט און אונטערטעניקייט צו איר מאַן, האָט זי אַריינגע־כאַפט דאָס ווייס טיכל אין מויל און זיך פאַרהוסט.

פונם געריכט איז דאָס פאַרהייראַט פאָרל אַוועק צום שיף, וואָס האָט אין אַ פאָר שעה אַרום געדאַרפט אָפּפאָרן נאָך איי־ראָפּע.

⁂

און שפּעטער זיינען זיי ביידע געזעסן אויפן דעק פונם ערשטן קלאַס, ביידע אין רייזע־קאָסטיומען, זי אין אַ ווייס

היטעלע, פון אונטער וועלכן די בלאָנדע האָר האָבן פונם ווינט געווייט און זיך אָפּגעשלאָגן אָן אירע צאַרטע, צערויטלטע באַקן.

און ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער און פאַרטראַכט געקוקט אין דער בלויער ווייטקייט, וואו הימל און וואַסער זיינען ווי אין די אָרעמס געלעגן, און געטראַכט האָט ער וועגן דעם, ווי אומגעריכט ער האָט חתונה געהאַט; און וועגן דעם, אַז ווען מען זאָגט אים דאָס פאַראַיאָרן, בעת ער איז אויפן שיף געפאָרן קיין אייראָפּע, ווי ער וואָלט גע־לאַכט פון דעם, ווי משוגע וואָלט זיך אים דאָס אויסגעוויזן!

און דערמאָנט האָט ער זיך, ווי אַזוי ער איז געטריבן געוואָרן צו זיין חתונה. ער האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם ערשטן איינדרוק, וואָס זיין ווייב האָט אויף אים געמאַכט און וועגן דער שפּעטערדיקער באַקאַנטשאַפט מיט איר און וועגן דעם, וואָס זי האָט אים דערנאָך געוואָרנט.

„די פרוי איז דער שטאַרקער געשלעכט און ניט דער מאַן!" האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אויף אירע ווערטער, בשעת זי האָט אים געוואָרנט קעגן זיך.

און ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

„אפנים אַזוי!"

און דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אויף זיינע עלטערן: וואָס דענקען זיי איצט וועגן אים, און ער האָט רחמנות געהאַט אויף זיי. ווי אַנדערש וואָלטן זיי געפילט, ווען לעבן אים וואָלט איצט גערטרוד געזעסן אַנשטאָט ענין!...

און פאַר זיינע אויגן האָט מיטאַמאָל אַ שוועב געטאָן דער רייכער זאַל פון יענעם רייכן האָטעל, וואו די חתונות פון זיין קרייז זיינען שטענדיק געפייערט געוואָרן, און צווישן בלומען און מוזיק־קלאַנגען האָט ער זיך און גערטרודן, מיט אַ ווייסן שלייער און בלומען, געזען, און זיין גליקלעכע טאַטע־

מאַמע, און זיינע ברידער און שוועסטער, און זיינע אַלע רייי־
כע פריינט מיט זייערע דאַמען אין רייכע טואַלעטן...
— זע, הערמאַן, יענע שיף, וואָס טראָגט זיך דאָרט מיטן ווייסן זעגל, ווי אַ טויב מיט ווייסע פליגל איבערן וואַ־סער. ווי שיין! זי טראָגט זיך ווי אונדזער גליק! — האָט ער דערהערט דעם צאַרטן קול פון זיין ווייב.
און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, און די בילדער פון יענער חתונה מיט גערטרודן און מיט די בלומען און מיט דער מוזיק, מיט אַלע רייכע פריינט און זייערע דאַמען, וואָס האָבן זיך אין זיין פאַנטאַזיע געמאָלן, זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן, ווי שטערן פאַר אַן אויפגייענדיקער זון...
ער איז צוגעפאַלן צו אירע הענט און אַרויסגעמורמלט:
— ווען מען זאָגט עס מיר מיט איין יאָר צוריק, אַז מיט מיר וועט עפּעס אַזוינס פּאַסירן... יאָ, שיינער טייוול דו, איצט גיב איך צו, דו ביסט דער שטאַרקער געשלעכט!...

יולי, 1923. — ברוקלין, נ. י.

אינהאַלט:

די רויטע לאָלאַ — — — — — — — — — — — — — 5

די קאָנקורענטקע — — — — — — — — — — — — — 137

אַניוטאַ — — — — — — — — — — — — — — — — 171

דער שטאַרקער געשלעכט — — — — — — — — — — 219